STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04794

# DOS GEZANG FUN PASTUKH

V. Marguerite

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וויקטאָר מאַרגעריט

# דאס געזאנג פון פאַסטוך

יידיש: פ. ראַקאָווסקי

PUBLIC LIBRARY, TORONTO

19 װאַרשע 31

פערלאַג שלמה גאָלדפאַרב

Printed in Poland

WIKTOR MARGUERITTE

„Dos gezang fun pastuch"

Wyd. Sz. GOLDFARB

Druk. „Rekord" Warszawa
Dzika 18, tel. 537-36.

# פאָרוואָרט

אָט איז, אַלזאָ, פאַרענדיקט די צווייטע טרילאָגיע „דער וועג צום גליק״, דער ענדציל פון מענטשלעכן חלום און זיינע אָנשטרענגונגען. איך האָב פרובירט קלאָר צו מאַכן דעם נאָך נישט באַשטימטן גורל פון „דער פרוי אין וועג״.

פון מיינע דריי העלדינס, וועלכע האָבן זיך אַ לאָז געטון אויף אַ בעסערע צוקונפט: — ספי, די ציטעריקסטע, און מיר נאָענטסטע צום האַרצן, אַניק, אין וועלכער איך האָב געוואָלט זען פאַרווירקלעכט דעם „שכל״, מאַניק, די, וועלכע איז צום ווייניקסטן פאַרשטאַנען געוואָרן, ווייל אין איר שוואַכקייט און אומדערפאַרנקייט איז זי פאַרמשפט געוואָרן, מאַכנדיק זיך אַ וועג נאָך אַריבער צו שטייגן דעם ציל, — קיין איינע פון זיי האָט נישט פאַראָטן די אויפריכטיקע אינטערעסן פון אירע שוועסטער.

ליידער זענען צווישן דער צאָל פאַראַן ווייניקער באַפרייטע, ווי קנעכט! קוים וואָס מיר דערגרייכן אין פראַנקרייך דעם „אָנפירנדן פעריאָד״ און צו זיין מאָראַליש פאַרטונקלונג, ווי ניטשע האָט עס נביאיש געמאָלן אין 1886.

מען וועט קענען אין די דריי אָדער פיר ציוויליזירטע צענטערן פון אייראָפּע,—האָט ער געשריבן אין „איבער-מענטש״ — מאַכן פון די פרויען דורך עטלעכע יאָרהונדערטער דערציונג

אַלץ, וואָס מען וועט וועלן, אַפילו מענער. נישט אין סעקסועלן הינזיכט, פאַרשטייט זיך, נאָר אין אַלע אַנדערע הינזיכטן. אונטער אַזאַ ווירקונג וועלן זיי באַקומען אַלע טוגנדן און אַלע כּוחות פון די מענער; ס'איז אמת, אַז צוליב דעם וועלן זיי מוזן איבערנעמען אויך זייערע שוואַכקייטן און זייערע חסרונים. ווי איך האָב אָבער געזאָגט וועט זיך איינגעבן דאָס דאָזיקע צו באַהערשן. נאָר ווי אַזוי אָבער וועט מען פאַרטראָגן דעם צושטאַנד פון פאַרוואַנדלונג, וועלכער דאָס אַליין קאָן געדויערן מער ווי אַ יאָרהונדערט, און אין פאַרלויף פון וועלכן די ווייבערישע שטותים און אומגערעכטיקייטן און זייערע פאַרצייטישע געוואוינהייטן וועלן זיך באַמיען צוזאַמען צו באַקעמפן דאָס דערוואָרבענע, דאָס דערלערנטע? דאָס וועט זיין אַ צייט, ווען דער פעס צוליבן זען, ווי אַלע קונסטן און וויסנשאַפטן ווערן דערשטיקט פון אַן אומדערהערטן דילעטאַנטיזם, ווי די פילאָזאָפיע שטאַרבט אָפּ צוליבן שטראָם פון די פוסטע פּלוידערייען, ווי די פּאָליטיק איז נאָך מער פאַנטאַסטיש און מער איינזייטיק, ווי קיינמאָל, ווי די געזעלשאַפט צעפאַלט, ווייל די היטער פון דער אַמאָליקער מאָראַל וועלן אויסזען לעכערלעך אין זייערע אויגן, און וועלן זיך באַמיען אין אַלע פאַלן צו בלייבן מחוץ דער מאָראַל. אויב די פרויען האָבן באמת געהאַט אין דער מאָראַל זייער גאַנצע קראַפט, טאָ צו וואָס קענען זיי זיך נעמען בכדי צוריק צו געווינען אַזאַ ענלעכע מאָס פון קראַפט, אויב זיי וועלן זיך האָבן אָפּגעזאָגט פון דער מאָראַל?

אויף אָט דער פראַגע האָבן מיינע צוויי טרילאָגיעס, מאַלנדיק די סאָציאַלע צעפאַלונג, ווי עס האָט קלאָר פאַרויס געזען דער פּאָעט-פילאָזאָף, פּרובירט צו ענטפערן, אָנצייכנדיק אין גרויסע ליניעס, וואָס פאַר אַ נייע מאָראַל, איינציק פאַר ביידע געשלעכטן, וואָלט געקענט דינען אַלס שומר פאַר דעם אויסגעגליכטן פאָרל פון די קינפטיקע צייטן.

איך גיב נישט די פרויען קיין יאָרהונדערט און אוודאי נישט קיין יאָרהונדערטער, ווי ניטשע האָט פאָרויסגעזען, אויף צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן אומפאַרמיידלעכן גלייכגעוויכט. מיר

לעבן אין אַ צייט, ווען דער שלייער צערייסט זיך פון אַלע זייטן. ס'באַווייזט זיך אַ נישט קלאָרער פרימאָרגן.

וואָס אָנבאַלאַנגט די קינדער, אין דער צייט פון די ברויזנדע טעג, פון וועלכע ס'.עט אַרויסקומען צום נוצן פון דער מענטשהייט אַ מער גערעכטע וועלט, וועט מען זען לעזנדיק דאָס בוך, אַז — אומעטום, וואו ס'וועלן זיין (און אַזעלכע וועט שטענדיק זיין אַסך) די אמתע, די איינציקע פאַמיליעס, וואָס וועלן ווערט זיין דעם נאָמען: די פון אויסוואַל און נישט פון געזעץ, די פון געגנזייטיקע ליבע און פון כסדר באַנייטע הסכמה, — דער גורל פון אָט די קינדער (טיילעכלעך פון אינדיווידום, און דער לעצטער אַ טיילעכל פון דער געזעלשאַפט) וועט אין דער צוקונפט נישט זיין ערגער, ווי דער, ווי ס'וואָלט אים געקענט געבן ביז איצט די בעסטע פון די געזעצלעכע היימען.

אויך ביי יעדע אַנדערע טראַנספאָרמאַציע, — וואָס פאַר אַ מנהגים עס זאָלן נישט זיין אין דער ראַסע — וועט עס דער מין גובר זיין אויף צו להכעיס די היציקע פאַרטיידיקער פון דער פאַרגאַנגענהייט, איז די צייט — אויפן ליטעראַרישן געביט דער איינציקער ריכטער, און אויפן סאָציאַלן געביט — דער איינציקער באַלעבאָס. דאָס צופאַסן זיך איז דאָס געזעץ פון לעבן.

פון מיין זייט, אויפדעקנדיק, ווי איך האָב דאָס געטון אין „די פראָסטיטוּירטע", דאָס פאַרפוילטע פון אַ קרייז וואו נישט אַלץ איז וואָס אַן אמת פאַרפוילט, האָב איך ס'באַוואוסטזיין, אַז אויספירנדיק די אַרבעט פון אַ צעשטערער, זע איך פונדעסטוועגן פאַר זיך דאָס בילד פון ווידעראויפבויען. אַטאַקירן די בורזשואַזע אויסנוצער האָט זיך מיר אויסגעוויזן פאַרן בעסטן אופן פון פאַרטיידיקן דאָס פאָלק, און אים אויסטרעטן אַ וועג צו דער מאַכט, ווי ס'איז שוין צייט, אַז ר'זאָל זיך דאָרט איינאָרדענען צוליב דער אינטערנאַציאָנאַלער ווידעראויפלעבונג.

מיין איינציקע אַמביציע איז געווען, — ווילנדיק פאַרבלייבן פאָעט אין מיין „טורעם פון העלפנביין", — צו ווערן גאַנץ איינפאַך, אין בילדלעכן זין פון וואָרט, „אַ פאָפולערער" ראָמאַניסט דערפאַר, ווייל איך האָב ליב דאָס פראָכ״ע פאָלק, פון

וועלכן עס זענען אַרויסגעקומען מיין פּאָטערס אור-עלטערן, פּויערים און הייבמוטערס, און אין וועלכן עס איז געבליבן דער גענע-ראַל מאַרגעריט. דאָס גרויסמוטיקע פּאָלק, אין וועמענס רייען איך רעכן מיך, איז דער איינציקער באַנייער פון יעדער מין אַריסטאָקראַטיע.

דאָס ליכט פאַלט פון דער הויך, אָבער דער קוואַל שפּראָצט פון הינטן.

נאָך איין וואָרט.

איך דאַנק די געלערנטע, וועמענס געשפּרעכן און ביכער האָבן מיר געהאָלפן אָנצוצייכענען אין דעם ראָמאַן, אין דער פּערזאָן פון הענרי לע גערן, דאָס געשטאַלט פון פּאַסטער.

אַ סערזש וואָראָנאָוו, קאַרעל, העלאַן יאַוואָרסקי, דאַרטיגון, דופּוי דע פּרענעל און פּיל אַנדערע — ביאָלאָגיסטן, היגיענעיסטן, וועלכע אַרבעטן אויף צו פאַרברייטערן די גרענעצן פון לעבן און צו דערגיין זיין שורש — וועלן אויף אַסך זייטלעך גע-פינען דעם עכאָ פון זייערע געדאַנקען, די אָפּשפּיגלונג פון זייערע אַרבעטן.

איך האַלט, אַז שאַפנדיק מיין בוך „דעם ראָמאַן אין דינסט פון דער היסטאָריע” איז עס נישט קיין גרעסערער פאַראַט פון ראָמאַניסט, ווי זיך צו שטעלן „אין דינסט פון דער וויסנשאַפט”.

איך זאָרג זיך בכלל נישט וועגן קיין פאָרמולן, ליטעראַ-רישע אָדער סאָציאַלע, — דאָס איז דער אייביקער באַווייז פון דער נויטיקייט פון אַ רבין, פון וועלכן ס'האַלטן אַזוי די טעמ-פעראַמענטפולע תּלמידים, — און איך האַלט, רעדנדיק בלויז וועגן בילדונג, אַז דער ראָמאַן קאָן גאַנץ פריי אַרומנעמען אַלע צווייגן. עס איז גענוג, אַז דער ראָמאַניסט זאָל אַרויסציענדיק דעם האָניק פון די אידעען, ווי אויך פון פאַקטן, זאָל ער באַ-האַלטנדיק אַ געוויסע מאָס פון דעם אַרויסגענומענעם, מאָלן אין אַ פאַרקירצטער פאָרם דאָס גאַנצע פאַרפּלאָנטערטע לעבן, זאָל ער דערמיט קענען געבן אַן אילוזיע פון לעבן.

דאָס לעצטע וואָלט אונז אויפגערעגט, אויב מען וואָלט זיך באַנוגנט, אַז מען זאָל עס בלויז איינפאַך פאַרנ.געסטרירן. איך פון מיין זייט קלער וועגן דעם סקאַנדאַל, וואָס ס׳שטעלט מיט זיך פאָר, זעענדיק (צום שאָדן פון דער וויסנשאַפט, וועלכע איז די פאַרבינדעטע פון פראָגרעס) דעם בכבודיקן פלאַץ, וואָס אונזער פרעסע גיט אָפּ די שטערנס פון טעאַטער, קינאָ, פון ספּאָרט און פון וויסנשאַפט. זעלטן וועלן זיי צעשפּרייטן נישט אויף דער ערשטער זייט די בלוטיקע גאַסן-כראָניק, אָדער אַז עפּעס אַ וואונדערקינד האָט זיך געזעצט אויף אַ שיף קיין אַמעריקע, אַז אַ שאַמפּיאָן פון באָקס האָט באַזיגט דעם צווייטן מיט אַ „קנאַק-אוט", אַז אַ ספּריטנער געווינט דעם הונדערט-מעטערדיקן געוועט.

מען געפינט הונדערטער טויזנטער פראַנקן אויף אונטערצו-שטיצן דעם האַנדל מיט ביכער, און מיליאָנען פאַר די געקרוינ-טע דורך דער פראַנצויזישע אַקאַדעמיע. אין דער זעלבער צייט זענען אונזערע לאַבאָראַטאָריעס אָן געלד, די אָרימסטע פון גאַנץ אייראָפּע, און די גרעסטע וויסנשאַפטלעכע דערפינדונגען גייען אַדורך אומבאַמערקט, אָדער שטויסן זיך אָן אין אומוויסנהייט פון המון אָדער אין ווידערשטאַנד פון די מאַנדאַרינען.

ווי ס׳דערציילט דער פאַרשטאָרבענער קאַמיל פלאַמאַריאָן, וועלכער האָט בייגעוואוינט דעם סימבאָלישן סעאַנס אין דער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע, וואו מען האָט צום ״ערשטן מאָל פאָרגעשטעלט עדיסאָנס פאָנאָגראַף, האָט אַ געוויסער הער בויאָ, מיטגליד פון דער געלערנטער פאַרזאַמלונג, זיך אַ לאָז געטון צו זיין קאָלעגע דעם פיזיקער דו מאָנסעל, וועלכער האָט פּרע-זענטירט די געניאַלע דערפינדונג: טויגעניכטס! מיר וועלן זיך נישט לאָזן אָפּנאַרן פון אַ בויך-רעדנער! זעקס חדשים שפּעטער, נאָך אַ גרינדלעכן עקזאַמען, האָט דער זעלבער בויאָ זיך ווייטער געהאַלטן ביי זיין מיינונג: „מען קאָן נישט דערלאָזן, אַז אַ גע-מיינער מעטאַל זאָל קענען פאַרטרעטן דעם איידעלן אַפּאַראַט פון מענטשלעכער פאָנעטיק. דער פאָנאָגראַף איז נישט מער, ווי אַן אַקוסטישע אילוזיע!"

לאָמיר מיט מער אָנערקענונג באַגריסן די דאָזיקע אַלע שעפער, וואָס מיט זייער געדולדיקער אַרבעט ברענגען זיי אויף דער וועלט נייע שיינהייטן, די גרויסע אומפאַרגלייכבאַרע צו־קונפט. נאָר אַדאַנק זיי און נישט דורך פּלוידערייען פון די שיינע־רעדערס ווערט צוגעאיילט דער פּראָגרעס פון דער מענטש־הייט. ס׳איז נישט קיין כימערע, ווען מען דענקט, אַז די איינציק־לעך פון אונזערע זין וועלן דערגרייכן דעם שפּיץ, וואָס מיר זעען אין אונזערע חלומות. איך וועל נאָר האָבן בלויז אָנגעוויזן זייער צייכנס אויפן ווייטן האָריזאָנט.

דער שפּיץ פון אונזערע העכסטע האָפענונגען!

וו. מ.

סענט־מאַקסים־סור־מער, אויגוסט — דעצעמבער, 1929

פּ. ס. — געוויסע מענטשן וועלן זיך וואונדערן, וואָס איך האָב נישט אַריינגעברענגט אין די ראַמען פון דעם בוך איינציקע מיינונגען איבער פּאָליטיק, וואָס איז (ווי ס׳האָט געזאָגט ד׳אַלאַמ־בער) אַ קונסט אָפּצונאַרן די מענטשן איבערצייגנדיק זיי, אַז מען אַרבעט צוליב זייער גליק.

איך האָב איין מאָמענט געקלערט, אַלס שטודיום, פאַר און קעגן — וועגן דעם „אָפּהיטער פון געוויסן״, וועגן פּרינציפּ פון דער אַלגעמיינער אַנטוואָפנונג, און וועגן זיכערסטן און ווירק־זאַמסטן מיטל צו מאַכן אַ סוף צו די שווידערלעכע שחיטות דורך אָפּזאָגן זיך פון מיליטער־דינסט.

נאָר אַזוי־אַרום וואָלט איך צונישט געמאַכט אַ ווערק, וואָס איז אָן דעם שוין אויך גענוג פאַרצווייגט... די פאַרפלאָנ־טערטע פראַגען וועלן שאַפן, אונטערן טיטל: „די ווערק און די צייט״, דעם אָביעקט צו מיינע צוויי קינפטיקע ביכער: אַ פרישע אויסגאַבע פון „די גרענעצן פון האַרץ״, וועלכע האָבן, ווי אין 1870־טן יאָר, צעטיילט די פאַמיליעס אַנטקייגנשטעלנדיק דעם ראַסן־אַנטאַגאָניזם.

און אין אַ בילד פון „מענטשלעכן פּאָטערלאַנד״ זעען מיר אַ צוקונפט, וואָס איז אפשר ווייניקער ווייט, ווי מען גלויבט, און וועלכע ווייזט זיך אַרויס פאַר דורכפירבאַר און אויף אַלע פאַלן ווינטשנסווערט דורך דער גרעסטער מערהייט.

ו. מ.

# ערשטער טייל

„אַ שטאַרקע ליבע עקזיסטירט נאָר אין שאָטן
פון אַ גרויסן חלום״

עדמאָנד ראָסטאַנד.

I

די באַרוויסע פיס אין סאַנדאַלן, די אַקסלען און אָרעמס פאַרברענט פון דער זון, דער קערפּער איינגעפּרעסט אין קורצע לייוונטענע הויזן פון אַן אָפּגעבלאַקירטן רויטן קאָליר, — ווי די אמתע פישער פון דער פלאָזשע — איז אַלעקסאַנדער אַרויס פון זיין ענגן טואַלעט-קאַבינעטל.

זיין ערשטן בליק, וועלכער איז געפאַלן אויפן שפּיגל-שאַנק — די גאווה, אַז מען איז שיין, האָט באַגלייט אַ צופרידענער שמייכל, דערנאָך איז ער צוגעשפּרונגען צום אָפענעם פענצטער. דאָס לייכטקייט פון ברעטאַנישן הימל האָט געגלעט דעם אויס-געשפּרייטן פיינעם זאַמד, וואָס ליגט פון דער אַנדערער זייט פון די טאַנגאָ-שטאָרן פון האָטעל, און די פּאַראַסאָל-טישלעך פון דער טעראַסע, וואו עס האָט זיך געצויגן אַ ליניע פוןביידלעך און פילפאַרביקע לייוונטענע געצעלטן.

שוין פון פרימאָרגן אָן האָבן די שבטים פון געפילדער און נאַסקייט אויסגעצויגן אויף דער פּלייצע און אויפן בויך אויסגעשטעלט אומעטום זייער בראָנזענע הויט, אָדער אויפגענומען מיט אַ מאַיעסטעטישע גלייכגילטיקייט דורכן בלאָען אָקעאַן האָבן זיי געשפּילט אין וואַטער-פּאָלאָ.

אײַלנדיק זיך אַרײַנצומישן אין די שפּילערײַען, האָט אַלעקסאַנדער זיך דערמאָנט אָן ספּי.

— די מאַרע פֿאַלט אָפּ. גײסט מיט?

קײן ענטפֿער. נאָך אין העמד זיצט זי אויף אַן אָנלען־שטול און לײענט רואיק אַ בוך.

— נאָך נישט פֿאַרטיק? וואָס מײנסטו מיט זיך?

אין דעם האָט אַ פֿויסט באַפֿעליש אָנגעקלאַפּט אין טיר פֿון קאָרידאָר...

— הע, איר פֿאַרליבטע דאָרט!... איר קומט?

אַלעקסאַנדער האָט זיך אַ וואָרף געטון עפֿענען די טיר. קײנער איז נישט געווען... נאָר אויף די טרעפּ האָט אַ קול, וואָס האָט זיך דערווײַטערט, קלאָר און פֿאַרכאַפּעריש געזונגען דעם נאַרישן רעפֿרײן פֿון אַ דזשאַז־לידל: „אַז דו האָסט נישט... אַז דו האָסט נישט... קײן באַנאַן!...” ער איז נאָכגעלאָפֿן:

— וואו זענט איר, אַרבעל? וואַרט אויף מיר!

שוין פֿון ווײַטן האָט אָפּגעקלונגען אַ געלעכטער:

— אָ, וואָס איר רעדט, מײַן זון־באָד וואַרעמט שוין פֿון אַ שעה, אויב איר ווילט, קענט איר עס אויך אויסנוצן...

אַריבערגעבויגן איבערן אָנלען פֿון דער טרעפּ, האָט ער אײַנגעזאַפּט אין זיך דאָס אָנגענעמע קול... אַן אומגעדולדיקער קומט ער צוריק אַרײַן, זעט ווי ספּי איז ווידער פֿאַרטיפֿט אין לײענען, און פֿון יוצא וועגן גיט ער אַ וואָרף צו:

— אַזוי אינטערעסאַנט איז דאָס בוך?

— גאָרנישט.

— ביסט טויב?

זי הײבט אויף דעם קאָפּ, באַטראַכט אַלעקסאַנדערן, ווי אַ פֿאַרכמאַרעטן האָריזאָנט, וועלכן מען באַמיט זיך אַ דורכצודרינגען מיט די אויגן, דערנאָך, גאַנץ רואיק, לײגט זי אַוועק דאָס בוך אויף אירע קני און ענטפֿערט:

— נישט טויב, נישט בלינד. אויב דו אײַלסט זיך אַזוי צו זײַן אינאײנעם מיט דײַן אַרבעל, גײ, שטער זיך נישט.

— עס איז איצט נישט קײן פֿראַגע וועגן אַרבעל...

— די פראַגע איז יאָ וועגן איר!

ער האָט געהויבן די אַקסל מיט אומצופרידנהייט:

— צי האָבן מיר אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז מער זאָלן מיר שוין וועגן די זאַכן נישט רעדן... יאָ, אָדער ניין?... איך בין מודה, אַז איך בין באַגאַנגען אַ פעלער, איבערלאָזנדיק דיך אַליין פון שבת ביז מאָנטיק, בכדי צו באַגלייטן די דובלעס און די קאָרסאַלאָוס קיין בעל-איזל...

— די דאָזיקע פאַרשווינען זענען מיר שוין אַזוי אויך פאַר-מיאוסט. איצט דיין דענערין פאַר אַ צוגאָב, דאָס איז שוין צופיל!

— דיין דענערין! דיין דענערין! מען קאָן נאָך טאַקע מיינען, אַז...

איר חוזקדיקער בליק האָט אים געמאַכט שווייגן, ער האָט געזוכט אויפצוכאַפּן אין אירע שוואַרצע אויגן די פונקען פון אירע געדאַנקען. דערפילנדיק אָבער אַ רייַנדרונגען אין זיך אירע פאַרשנדע אויגן, האָט ער לעבהאַפּט אויסגערופן:

— איך ווייס נישט, וואָס דו ווילסט. אַ שיינער שפּאַציר ביי אַ פּראַכטפול וועטער... ס'איז דאָך גרויסאַרטיק, די יאַכט-שיף פון די דובלעס, דאָס, און זייערע ראַללס...

— דיך צו געווינען איז גענוג אַזעלכע פּראָסטע קאָר-סאַלאָוס, אָדער די ערשטע, בעסטע אַרבעל.

— אָבער...

זי האָט אַזוי רואיק חוזק געמאַכט, אַז ער האָט נישט גע-וואַגט זיך צו בייזערן, מורא האָבנדיק נישט אַרויסצורופן קיין שטורעם פון פאָרוואורפן און דראָונגען.

— ווען דו וואָלסט מיטגעוועזן...

— איך האָב נישט קיין שום חשק צו שפּילן די ראָלע פון אַ העפלעכע, אָדער צאָרנדיקע באַגלייטערין.

— דו טרייבסט איבער... איך שווער דיר...

— פאַרשפּאָר זיך די מי. דו קענסט מיר אָנדערציילן, וואָס עס געפעלט דיר וועגן אייער עקספּעדיציע. צי עס האָט זיך דיר יאָ איינגעגעבן צו דערגרייכן דיין דעראָבערונג, אָדער נישט, פאַר מיר איז עס שוין אַלץ איינס!

— איך זאָג אָבער נאָכאַמאָל...

— דיינע דערקלערונגען, ריכטיקע אָדער פאַלשע, קענען גאָרנישט ענדערן דעם פאַקט. דו האָסט מיך פאַרלאָזט, כדי איר נאָכצוגיין. איר האָט געהאַט צוויי נעכט פון פרייהייט... יעצט קומסטו צוריק צו מיר... צו שפּעט!

איר טאָן האָט אים, ווי אָפּגעגאָסן מיט אייז־קאַלט וואַסער...

— פאַרגייסט צו ווייט! — האָט ער פּראָטעסטירט.

זי האָט געשמייכלט. דאָס האָט אים אין זיין אָנמעכטיקן כעס נאָך מער אַרויסגעבראַכט פון גלייכגעוויכט.

— איבעריקנס, — האָט זי געזאָגט, — ווען איך רעד פון די דאָזיקע אַרבעל, מיין איך עס ערנסט, זי איז באַצויבערנד. און זי אַמווייניקסטנס איז דאָך פריי!

ער האָט זיך אויפגעקאָכט:

— אַן אַלט לידל: „איך בין פריי, דו ביסט פריי, זי איז פריי..."

— מיר זענען פריי. אַוודאי! דו האָסט ס'רעכט אויסצוקלויבן, און איך... (מיט אַן אַנטשלאָסענע באַוועגונג מאַכט זי, ווי זי וואָלט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַ משא)... די הויפּט־זאַך אין לעבן איז, אַז מען זאָל וויסן וואָס מען וויל.

— און אויך נישט אָנצומאַכן זיך קיין בייז בלוט צוליב אַ נאַרישקייט!

— אַ נאַרישקייט, אָט דאָס ברוטאַלע פאַרלאָזן?... דער דאָזיקער פאַרראַט?...

מיט אַ טאָן אין וועלכן זי האָט אויפגעכאַפּט זיין פאַרלעגנהייט, צו וועלכן ער האָט זיך באַמיט צוצוגעבן אַן אָפנהערציקן קלאַנג, האָט ער געזאָגט:

— איך ליב נאָר דיך, דו ווייסט עס גאַנץ גוט!

זי האָט בלאָס געשמייכלט. יאָ, ער האָט זי געליבט. אויף זיין אופן פון אַ לייכטן און היציקן מאַן... און זייערע מיספאַרשטענדענישן זענען אַנטשטאַנען ווייניקער פון זייערע סענטימענטאַלע דיסאָנאַנסן (קיינמאָל נאָך האָט ער איר נישט פאַרשאַפט אַזעלכע ערנסטע יסורים, ווי דאָס מאָל), ווי פון זייער גייסטיקער

צעשיידונג... אָ! ווען ער זאָל פּעאיק זיין איר נאָכצוגיין אין איר אויפשוואונג! אין איר זוכן וואָס אַ מאָל העכערע אמתן!

דאָס מיספאַרשטענדעניש צווישן זיי האָט אָנגענומען אַן ענדגילטיקן פאָרם אויפן דריטן יאָר פון זייער פאַרייניקונג, נאָך דעם גרויזאַמען טרויער: דעם טויט פון איר טויף-פאָטער... בסך-הכּל עלף חדשים, און וואָס איז אַלץ נישט געשען אין דער צייט! דאָס קליינע הויז, די ירושה פון פאַקאָ איז פאַרקויפט געוואָרן, זיי געצוואונגען צו פאַרלאָזן מאַרסעל און פאָרן קיין פּאַריז, וואו אַלעקסאַנדער איז אַריינגעטרעטן אין אַדוואָקאַטן-ראַט, און זי, זוכנדיק אין די ציַיטונגס-אַנאָנסן אַ באַשעפטיקונג, האָט זי געפונען ביי דעם פיינעם דאָקטאָר קערוואַאַיאַל דעם פּאָסטן, וועלכן זי האָט צו פרי פאַרלוירן און וואו זי האָט אַזויפיל זאַכן דערקלערנט...

ער האָט אָנגענומען איר שוויַיגן פאַר אַ נצחון:

— אַלזאָ טו זיך אָן... ס'איז בעסער, ווי אַרומשלעפן זיך און גאָרנישט טון... נישט פאַרהאַן קיין בעסערס, ווי די פרייע לופט!

— ניין. איך דאַרף זיין אַביסל אַליין, זיך צו פאַרטראַכטן. די דאָזיקע אידיאָטישע אַוואַנטורע האָט שרעקלעך אויפגערודערט מיינע נערוון. גיב מיר צייט אויף צו באַרואיקן זיך.

— באַגייסט אַ פעלער, דו לעבסט צופיל מיט דיינע געדאַנקען, זיי זענען זייער שיין, זייער נאָבל, דאָס איז זעלבסט-פאַרשטענדלעך! די הויכקייט דערדריקט אָבער סוף-כּל-סוף! ווען דו וואָלסט זיך באַנוגנט מיט מיין טאָג-טעגלעכן חברשאַפט...

זי האָט געמאַכט אַ מינע, ווי זי וואָלט נישט געפילט דעם שטאָך, און געזאָגט:

— אַחוץ אַלעם מוז איך ענדיקן דאָס בוך צוליב מיין קינפּטיק אַרטיקל...

ער האָט געמאַכט אַזאַ: „אַ, אַוודאי!” אין וועלכן ס'האָט געקלונגען פונקט אַזוי פיל פאַלשע אָנערקענונג, ווי חוזקדיקע נאָכגעביקייט:

— איבער וועמען? מען קאָן וויסן?

ער האָט זיך איבערגעבויגן איבער דער אָפענער זייט, נישט אַזוי פיל איבערצולייענען דעם טיטל פון בוך, ווי צו באַהאַלטן ס׳פאַרגעניגן, וואָס עס האָט אים פאַרשאַפט דער געדאַנק וועגן די שיינע פרייע שעהן, וואָס שטייען אים פאָר... ער וועט זיי אויסנוצן אויף אַרויסצורייסן ביי די וואונדערלעכע אַרבעל אַ פולשטענדיקע הסכמה... נאָר ספּי האָט פלוצלינג געגעבן אַ מאַך צו דאָס בוך און שטעכיק אַ זאָג געטון:

— וואָס גייט עס דען דיך אָן?

אין זיך האָט ער חוזק געמאַכט פון דעם אַלעם, ער איז אָבער געווען פון די זאָרגלאָזע הערשנדע נאַטורן, וואָס פאַר זיך פסקנען זיי צו אַלע מינים פרייהייטן, און די פרויען, וועלכע זיי באַזיצן, זאָגן זיי אָפּ יעדע מין רעכט. נישט קוקנדיק, וואָס עס האָט אין אים געברענט דער פאַרלאַנג צו זעען זיך מיט „זיין דענערין" און נאָר בלויז וועגן איר געטראַכט — האָט ער דאָך געפונען פאַר פאָרזיכטיק נישט אַרויסצווייזן עס פאַר ספּי. דעריבער, כדי זי איבערצוצייגן, אַז ער אינטערעסירט זיך נאָר מיט איר, האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

— עס גייט מיך גראָד יאָ אָן, האָסט זיך טאַקע אָפּגעזאָגט פון צו זיין מיין מיטאַרבעטערין, דאָך הער איך זיך נישט אויף צו אינטערעסירן מיט דיינע אייגענע אַרבעטן. איבערהויפּט נאָך איצט, ווען דו ביסט שוין אַזאַ... (ער האָט געזוכט אַן אויסדרוק)... אַזאַ גרויסאַרטיקע זשורנאַליסטין, מאַדאַם אַרעל!

— צעברעכסט זיך די ציינער ביי אַזעלכע ווערטער, האַ?.. דו ווייסט דאָס קיינמאָל נישט קענען פאַרשטיין, אַז אַחוץ אָפּצוהיטן דאָס הויז, זאָל אַ פרוי אויך וועלן פאַרדינען אויף איר לעבן. דו האָסט נאָך נישט פאַרדייעט דעם פאַקט, וואָס קומענדיק קיין פאַריז האָב איך נישט געוואָלט אויסקריצן אויף מיין האַלדז-באַנד דעם נאָמען פון מיין באַלעבאָס: אַלעקסאַנדער לעוויסקאָ נומער 34 רו דע ל׳אַנסיען-קאָמעדי!.. מיין אָפּהענגיקייט וועט דיך שטענדיק רייצן. פאַר מיר איז שוין גענוג, וואָס איך האָב זיך אָנגעשטרענגט צו זיין אַ גוטע הויז-ווירטין...

— אַן אויסגעצייכנטע!

— אַ גוּטע חברטע...
— אַ וואונדערבאַרע!
זי האָט אים געדאַנקט מיט אַ גוּטן בליק. ווייל זי האָט געוואוסט, אַז אויב אין די וויכטיקסטע פּונקטן זענען זיי לײדער נישט געווען איינשטימיק, האָט ער איר פונדעסטוועגן זייער גע-אַכט און באמת געווען צוגעבוּנדן צו איר פּערזאָן.
— נאָר זעסטו... איין זאַך קענסטו מיר נישט מוחל זיין: „די אַרבעטן מיינע", וואָס רויבן צו די צייט, וועלכע דו וואָלסט בעסער געוואָלט, אַז איך זאָל ווידמען צוצוגרייטן דיינע אַקטן און אויף צו שטודירן יורידישע געזעצן! וואָס ווילסטו? עס איז מיר אוממעגלעך זיך צו נעמען צו די דאָזיקע געמיינ-הייטן. איך בין געוואָרן אַ פּשוט אייזל, דיין ציוויליזאַציע, דיין קאָדעקס, דאָס אַלץ שטיקט מיך.
— ווילדע!
— ווייסטו אין וואָס עס דערמאָנט מיך שטענדיק דיינע אַדוואָקאַטישע פּאַטשקערייען?.. אין אונטערווישעכץ... יאָ!... פּאַר-שמוּצטע דורכן צוואות פון אָרימע לעבנס!
— פּאַר אַזאַ אידעאַליסטין, ווי דו! אַלזאָ, דו גייסט נישט?
קעגן זיין ווילן האָט זיך זיין בליק געווענדט צום פענצטער, צום זאַמד, וואָס האָט געוויזן דעם קערפּער פון אַרבעל.
— ניין. צופיל נאַקעטע ווערם זענען פאַראַן אויף דער פּלאַזשע. איך וויל שוין בעסער די פרייע לופט, וואָס מען עטעמט דאָ אינעווייניק!
זי האָט געוויזן אויפן בוך.
ער האָט עס געעפנט מיט אומצוטרוי:
— „די דעראָגערוּנג פון דער צוקונפט"! נישט ווייניקער... פון אַנרי לע גערן. נאָבל-פּרייז פּאַר וויסנשאַפט, פון הייַנטיקן יאָר?
— פּראָפעסאָר פון קאָלעדזש דע פראַנס.
— יאָ, יאָ. אַלץ וואָס אין דער קאָרט. דו פּאַרדרייסט מיר דעם קאָפּ — אַנטשוּלדיק פּאַרן אויסדרוק — מיט דיין ניטשע, מיט דיין בערגסאָן, דיין יאַוואָרסקי, דיין איינשטיין, דיין קערוואָאַל...

ביסט אַ doporte!*) פאַר דיר עקזיסטירט נישט עפּעס אַנדערש אַחוץ דער קעגנוואַרט.

— דאָס איז נאָך אַזוי פּיל ווערט, ווי די אַלע לופט-קעפּ.

— אַנרי לע גערן איז אַ זשעני. זיין בוך איז פּראַכטפול.

ער האָט עס געבלעטערט און דערנאָך צוריקלייגנדיק געזאָגט:

— די ביאָלאָגיע... וואָס פאַר אַ משוגעת! דאָס פאַרשטאָפּט נאָר די מוחות.

— דו רעגסט מיך אויף מיט דיין אומפעיקייט צו באַגרייפן אַלץ, וואָס געהערט נאָר נישט צו דיין תיכפדיקע באַפרידיקונג. איך באַטראַכט קערוואָיאַלן פאַר איינעם פון די גרעסטע מענער פון די מאָדערנע וויסנשאַפט נישט דערפאַר, ווייל איך בין אַמאָל געווען זיין סעקרעטאַרין, נאָר ווייל ער איז דער פּאָרזעצער פון בראַוון-זעקאַר דער ריוואַל פון קאַרעל, פון וואָראָנאָף, און אָנזאָגער פון דער ווידעראויפלעבונג, אַן אַפּאָסטאָל.

ער האָט געחוזקט:

— און וואָס נאָך?... ווייל קערוואָיאַלן איז געפעלן געוואָרן דאָס ווייבלעכע אין דיר, און געחנפעט דיין שטאַרקע אינטעליגענץ, דיין הייסן דורשט נאָך וויסן, דיינע אויסגעצייכנטע אייגנשאַפטן!.. (ער האָט מיט פאַרביסנקייט אַ לאַך געטון)... ער האָט מער געהאַלטן פון דיינע פיזישע אייגנשאַפטן, ווי...

— שווייג! ס'איז שענדלעך!

— נו, גוט... איך גיי אַוועק...

דאָס געשטאַ-ט פון אַ ר ב ע ל איז פאַר אים דערשינען. ער האָט געטראַכט פון אירע נערוועזע פּיס, וועלכע דער ספּאָרטיווער טריט האָט בולט אַנטפּלעקט פון אונטערן מאָרגן-קלייד. אייליק, ווי אויך איבערצייגט (אַזוי אַמווייניקסטנס האָט ער זיך איינגערעדט), אַז ער האַלט ספּ י ביי אַזעלכע פעדים, וועלכע בינדן אַמשטאַרקסטן צו אַ פרוי: די פעדים פון קערפּערלעכע ליבע, ער האָט איר קאָקעטיש אויסגעשטרעקט די ליפּן... נישט

---

*) אַ פיל-פּיסיקע חיה, וואָס לעבט אין פינצטערע, פייכטע ערטער. איבערזעצ.

פאַרהאַן קיין בעסערס, ווי אַ קוש... אויף צו פאַרענדיקן אַ דיס־קוסיע, אָדער צו פאַרלייכטערן דאָס אוועקגיין...

— גיב ס׳שנאָבעלע!

זי האָט זיך אוועקגעדרייט:

— ניין!

— אַלזאָ, ביסט אַנטשלאָסן צו בלייבן?

זי האָט אים צומאָל נישט געוואָלט באַערן מיט אַן ענט־ווער. מכלומרשט אַ באַליידיקטער, האָט ער זיך שטאָלץ אויס־געדרייט. אין זיך אָבער איז ער געווען צופרידן: „איצט איז זי שטאַרק אָנגעבלאָזן, ס׳וועט געדויערן ביז מיטאָג... ס׳הייסט, אַ גוטע צוויי שעה!...“ ביי דער שוועל האָט ער אויסגערופן:

— ווי ס׳איז דיר באַקוועמער!... אַז דו וועסט זיך איבער־לייגן, קום אויף דער פּלאַזשע.

— זייער גוט...

מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ האָט זי געהערט די טיר זיך פאַרמאַכן. די טריט זיך דערווייטערן ביי אַ פריילעך אונטער־פייפן פון דזשאַז־לידל: „אַז דו האָסט נישט... אַז דו האָסט נישט“...

# II

אליין, נאָכן אוועקגיין פון אַלעקסאַנדערן, האָט ספּי גע-נומען נאָכקלערן. דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ פאַרשרייבט שנעל אויפן אומזעבאַרן עקראַן די ליניעס פון איר גורל. צוריקפאַלנ-דיק אויף דער אַנלענשטול, זוכט זי אין זיך אַ צייכן פון אַ וועג, פאַרלירט זיך אין דעם לאַבירינט... מיט ווייטיק דערפילט זי, ווי ס'פעלט איר דאָס אָנוועזנהייט פון איר טייערן טויף-פאָטער, איבערהויפּט נאָך אַזאַ מחלוקת.

ווען פאַקאָ וואָלט געלעבט, וואָלט ער איר געהאָלפן זיך אַרויספּלאָנטערן פון די רייבונגען, וואָס די פיר יאָר צוזאַמענ-לעבן האָבן אויסגעשמידט אינדערשטיל. אַ גליק נאָך, וואָס ער האָט נישט געוואָלט האָבן קיין קינדער... אין איר אומזיכערקייט, וואָס פאַר אַ שטעלונג זי וועט דאַרפן אָננעמען, איז זי דערפון זייער צופרידן... ווען דער פאָטער וואָלט נאָר דאָ געווען!

זי שטעלט זיך פאַר דאָס גוטע געפאַלדעוועטע פנים פון דעם איינזאַמען, מיט די פאַרוואַקסענע ווייסע האָר און בלאָען בליק פון וואַנען ס'האָבן אַרויסגעפינקלט צוויי שטערן... ווי גיך ער האָט דאָס אָפּגעשאַצט זיין „כמעט-איידעם”, וועלכער האָט אונטער דעם איבערפלעכלעכן משיחיזם געטראָגן אין זיך די ירושה פון די אָריענטאַלישע געטער! דאָס אויסגעמישטע

טערקישע און סלאַווישע בלוט האָט אין אַלע קורצע מיסטישע פאַרלאַנגען באַהאַלטן אין זיך אַ גראָבן פאַרלאַנג צו תאווה.

„...טייערער טויף־פאָטער! ווי נייטיק איך וואָלט דיך איצט געדאַרפט!..." זי הערט זיין ברומענדיק קול, שטעלט זיך פאָר די ווערטער, וועלכע ער וואָלט איר געזאָגט: „פאַרהאַלט זיך נישט איבער קליינע דורכשניטלעכע ליידן. דו האָסט געגלייבט, אַז אַלעקסאַנדער איז ווערט די ליבע, האָסט אַ טעות געהאַט, פאַר־לאָז אים!"

דעם פאַרלוסט פון איר טייערן פאָקאָ האָט זי שטענדיק געפילט. די צייט אָבער האָט אונטער דעם טעגלעכן באַנדאַזש ביסלעכווייז פאַרצויגן די וואונד מיט אַ הויט. צום ערשט, שטיצנדיק זיך אויף דער זיכערקייט, וואָס ער האָט געהאַט פאַרן טויט, אַז ער וועט נישט שטאַרבן פולשטענדיק, האָט זי גע־גלויבט, אַז די נשמה זיינע בלייבט ווייטער לעבן, אַז עס קומט בלויז אַן ענדערונג אין זיין עקזיסטענץ, און אַז דער שוץ פון פאַרשוואונדענעם וועט, שוואומענדיק, זיך באַוועגן אַרום איר, איר באַגלייטן, פירן, פאַרטיידיקן...

האָט ער איר דען נישט צוגעזאָגט זיין אָנוועזנהייט, זיין שוץ?

מיט דער ליידנשאַפט, וועלכע זי האָט אריינגעגעבן אין אַלעם, האָט זי דאַמאָלס פאָרמולירט אין אַ דאָגמע די דרייאיינִי־קייט פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ: דער פיזישער פּלאַן, ווען דער קערפּער קריגט באַוועגונג, דער גייסטיקער פּלאַן, ווען די נשמה קירוועט מיט אים, און דער אַסטראַלער*) פּלאַן, ווען דער אַלגייסט, וואָס האָט איינגעוויקלט נשמה און גוף, זעצט ווייטער פאָר זיין פערזענלעך לעבן אין אַ פליסיקער וועלט.

דערנאָך, אין דעם ערך, ווי זי האָט זיך פאַרטיפט אין איר איינזאַמקייט, איז זי צוגעקומען צו ספקות. עפּעס אַזאַ מאָד־נער געפיל פון הוילקייט!... מיט התלהבות האָט זי געפאָרשט, געבעטן דעם גייסט פון איר טויף־פאָטער. גאָרנישט! וואָס מער

---

*) שטערן.

זי האָט זיך אָנגעשטרענגט אָנצוהערענגען אין אַ האָפענונג, אַדורך צו לעכערן דעם חושך, אַלץ מער האָט זי געפילט זיך אויס־ברייטערן דעם תהום. איז עס דען מעגלעך, אַזוי פיל ענערגיע אויף אייביק פאַרלוירן? אַזאַ ליכט פאַרלאָשן? די אומשטערב־לעכקייט שטייגט אַלזאָ נושט אַריבער דעם ענגן קרייז, אין וועלכן ס'פאַרמאַכט אים דער שטערבלעכער אָנדענק? אַ רעפלעט אויף אייביק פאַרניכטערט, און זי אַליין...

אָט דאַמאָלס האָט זי אונטערן איינפלוס פון קערוואַאַיאַל זיך אָפּגעזאָגט פון צו באַאָבאַכטן דעם טויט און די אילוזיעס וועגן דער אומשטערבלעכקייט לויט ווי דער ספּיריטיזם פּאַסט עס אויף, און זיך אַ וואָרף געטון צום ליידנשאַפטלעכן קולט פון לעבן. מיט אַ מין רעליגיעזע שכרות האָט זי זיך אַריבער־געבויגן איבער די יסודות פון לעבן, אַנטדעקנדיק אין די נייעסטע אַרבעטן פון דער וויסנשאַפט דעם אומגעהייערן אוניווערס.

עס איז אין איר פאַרגעקומען אַזאַ גוואַלדיקע רעוואָלוציע, אַז זי האָט זיך אין יענעם מאָמענט געפרעגט, ווי אַזוי האָט זי געקענט ביז איצט פאַרזעצן, טאַפּנדיק פינצטער איר בלינדן מאַרש? ווי אַזוי קענען די גרעסטע טייל מענטשן, לויטן ביישפיל פון אַלעקסאַנדערן, פאַרהיפּנאָטיזירטע מן הסתם, פון אומפאַרמיידלעכן סוף, ווי אַזוי לעבן זיי אָפּ, פון ערשטן ביזן לעצטן אָטעם־צוג, און דעם זאָרגלאָזן נישט וועלן זיך אַליין דערקענען? זיי ווילן בעסער זיך פּליאַסקען אין דעם געמויזעכץ פון זייערע אָרימע ליבעס און קליינלעכע שנאה, אין זייערע זינלאָזע פאַראורטיילן און אין זייערע נאַרישע גלויבנס, איידער אויפצושטעלן די ליי־טער צו דער וואַנט, און פון דאָרטן אַריבער, איינאָטעמען, באַ־מיען זיך אַריינצוקוקן אין דער עפענונג פון האָריזאָנט!...

ספּי זיפצט אָפּ.

מעכאַניש נעמט זי אַרויס פון איר קופער פון סאַנדאַל־האָלץ, וואו זי האָט באַהאַלטן עטלעכע פּאַפּירן מיט דער שיינער האַנטשריפט פון טייערן פּאַקאָ, — איר שוויגנדן קאָנפידענט: איר העפט, וועלכן זי באַהאַלט מיט אַן אַבערגלויבערישער פאַר־זיכטיקייט צייט דעם טויט פיערן (דאָס איינציקע וועזן, וועלכן

זי האָט פיזיש געליבט, איידער זי האָט אַלעקסאַנדערן באַגעגנט), און אין וועלכן זי פאַרצייכנט פון דאַמאָלס אָן אירע באַטראַכטונגען, אירע אַנטדעקונגען, אירע ספקות, איר ענטוזיאַזם, אירע עגמת-נפשן...

אַ פאַרטראַכטע לויפט זי עס דורך מיט די אויגן.

„אַלע לעבעדיקע זאַכן האַלטן זיך און טרעטן אָפּ אונטער דעם אייגענעם מעכטיקן דראַנג. די חיה האָט פאַר איר שטיץ-פונקט דאָס געוויקס, דער מענטש רייט אויף די חיות, און די גאַנצע מענטשהייט, אין שטח און אין דער צייט, איז אַ ריזיקע אַרמיי, וואָס גאַלאָפּירט ביי דער זייט פון יעדן איינציקן פון אונז, אין אַ רייסנדן אָנגריף, וואָס איז פעאיק צו צעברעכן יעדן מין ווידערשטאַנד, און איבערציייגן אַלע מינים שטערונגען, דעם טויט אַפילו אפשר אויך"—

בערגסאָן.

ניטשע אין זאַראַטוסטראַ:

„דערשטיקטע אמתן ווערן פאַרסמט".

„18-טער אַפּריל. — צייט איייניקע טעג קומט נישט אַלעקסאַנדער צום נאַכט-עסן. דאָס שמעקט מיט אַ קליידל... וואָס פאַר אַ געמיינהייט! ווען איך וואָלט נאָר געקענט נישט ליידן דערפון!.. דאָס קלערן דערפון איז דערנידעריקנד".

„נישט פאַראַן מער, ווי איין זאַך אין דער ליבע, וועלכע מען קאָן נישט מוחל זיין: דאָס איז, נאָכדעם, ווי מען האָט זיך געשוואוירן אויפריכטיקייט און טריישאַפט, ווען ס'קומט דער חיהשער פאַרראַט באַהאַלטן, ווי אַ נבילה אין אַ מיסטקאַסטן... יעדע פאַראייניקטע עקזיסטענץ, אַ לעגאַלע אָדער פרייע, פאָדערט אַן אַבסאָלוטן צוטרוי, און אַ געמיינזאַמען אידעאַל. אָן דעם קאָן עס נאָר זיין אַן אַכסניה, אָבער נישט קיין היים".

אַלפרעד דע ווינִי:

„קרעכצן, בעטן, וויינען איז אויך אַ שוואַכקייט״.—

„ווען ווילן אונזערע קינדער מענן פריי אַרויסזאָגן, אין שול, ווי אין דער פאַמיליע, אַזעלכע ווערטער ווי: מענער-אָרגאַן, מענער-זוימען, אייער-שטאָק, נישט ברויכנדיק זיי זוכן באַהאַלטענערהייט, אין ווערטערביכער, און נישט רויט ווערנדיק דערביי, ווי ביי די ווערטער: זיך מערן, לייוונט, בלומען-זוימען. מען וואָלט געדאַרפט עפנטלעך לערנען די הייליקע פּראָצעדור פון באַפרוכפּערונג; ווי אַזוי דער אייער-שטאָק אויפזאַמלער פון דער־נערונג, ווערט באַפרוכפּערט פון דער זריעה, וואָס ער זאַפּט איין, און ווי אַזוי דער פאָטערלעכער און מוטערלעכער קראָמאָסאָם פאַרגרעסערט אָדער פאַרקלענערט די אָפּלויפנדע ירושה-אייגנשאַפטן, פאַרזייענדיק, ווי נאָר ס׳הויבט זיך אָן פאָרמירן, דאָס געוויקס, וואָס וועט זיין אונזער זון אָדער טאָכטער, און וועלכער אין זיין ניין חדשימדיק אַנטוויקלונג, פאַראַלגעמיינערט מיט זיך די טויזנט-יאָריקע חיהשע אַנטוויקלונג. די פאַר-געבורטלעכע עוואָלוציע פון מענטש, אין מיניאַטור די עוואָלוציע פון מין״.

אַנרי לע גערן:

„יעדער מענטשלעכער עקזעמפּלאַר איז איינציק אין דער פאָרם, צווייפאַך אין געבוי, פילפאַכיק אין זיין איינציקייט... ירושה-אייגנשאַפטן, געזעלשאַפטלעכע קרייזן זענען די אָנווייזנדע פאַקטאָרן וועגן קוואַליטעט פון מענטש. נאָר דורך דעם איינציקן אינדיווידועלן קוואַליטעט, — דער פאַקל, וואָס ווערט צוריק אָנגעצונדן ביי יעדן פרישן געלויף, איז נישט דער פּראָגרעס, אַדאַנק די אומגעהויער גרויסע צאָל באַווייזן פון געדאַנק (וויסנשאַפט, קונסט און בילדונג) בלויז אַ הוילע נוס״.

„ס׳וואָלט אַזוי גוט געווען, ווען אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן

צוגעבונדנקייט אין וועלכן די ריכטונגען זאָלן געפינען אַזוי פיל באַפרידיקונג, ווי גייסטרייכקייט, זאָל מען אין צווייען קענען גיין אויף דעם דאָזיקן וועג פון וויסן, וואו די זשעניעס גייען פאָרויס, אויפהייבנדיק פאַר אונז הויך די פאַקלען!״

זשאָרזש באהן: „דאָס אָרגאַניזירטע וועזן איז אַ סיסטעם פון אַ וויברירנדן שטורעמווינט״. ווי די זון, זאָגט עמיל בעלאַט. ווי דער האַרבסט, זאָגט זשאַן פּערען. אויף אַזאַ אופן איז דער ערשטער סימן פון לעבן די באַוועגונג, אַ ציטעריק וואַקלען זיך אין צוויי ריכטונגען: אינערלעכע באַוועגונגען און אויסער-לעכע באַוועגונגען.

איצט פאַרשטיי איך בעסער די באַדייטונג פון יאַוואָרסקיס געזעץ: „דאָס לעבן איז כאַראַקטעריזירט דורך ספּעציפישע באַ-וועגונגען, פאַמעלעכדיקע, סימולטאַנישע און פאַרשידענע אַנדערע.

דע סענט-באָוו: „אַ גיך לייענען איז ענלעך צו אַ רייזע אין אַ באַן: מען זעט אַסך, מען געדענקט ווינציק״ (דערפאַר טאַקע פאַרצייכן איך).

„לויט זשאָרזש לאַקאָווסקי, וועמענס אַנטדעקונגען וועגן מאַטעריע אין לעבן עפענען אַ ניי פעלד פון דערשיטערנדע היפּאָטעזן, זאָל דאָס אַנטשטייאונגס-קעמערל אין שורש און אין געבוי נישט זיין מער, ווי אַ מין עלעקטרישער טראַנספאָרמאַטאָר, אין מיניאַטור, באַשאַנקען מיט אַ פעאיקייט צו דענקען און אונ-טערצודריקן יעדעס וועזן, נישט נאָר די זון-קראַפט, נאָר אויך די לופט-כוואַליעס פון די שטערן.

„זיך ליידנשאַפטלעך איבערגעבן פאַר די אידעען, זוכן צו אַנטדעקן פון וואַנען מען קומט און וואוהין מען גייט, קיין שע-נערס און קיין דערהויבענערס פאַר דעם איז גאָרנישט פאַראַן אויף דער וועלט! קיין שום זאַך, אַחוץ דעם חלום, אמתדיק צו ליבן און צו ווערן געליבט״.

„די ליידנשאַפטן זענען די היץ פון דער נשמה... ווי אויך פון קערפּער, שטאַרקנדיק אָדער אָפּשוואַכנדיק, לויט דעם גראַד, די פון דער נשמה דערוואַרעמען אונז, אָדער פאַרברענען אונז״...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ספּי פֿאַרמאַכט פֿאַמעלעך דאָס העפט, איינהערנדיק זיך אין דעם אָפּקלאַנג פֿון די לעבעדיקע לעקציעס...

אין קאָרידאָר האָט דער דאָרפֿישער זייגער אויסגעשלאָגן צען. ס'איז בסך־הכּל אפשר פֿינף מינוט ווי זי האָט זיך אינסטינקטיוו פֿאַרזונקען אין שטראָם פֿון רייניקונגס־טייך...

נאָר זעענדיק זיך ווידער אין דער רויער ווירקלעכקייט, צוליבן קלאַנג פֿון זייגער, האָט זי זיך פּלוצלינג דערפֿילט אומענדלעך מיד. פֿון צו הויך איז זי אַראָפּגעפֿאַלן. זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט... וואָס טון?.. זי האָט געקלערט פֿון די בריוו אויף וועלכע זי האָט געדאַרפֿט שוין פֿון לאַנג ענטפֿערן. „געגאַ, עטינעט..." נאָר זיצנדיק ביים טיש, וואו זי האָט איינגעאָרדנט „איר ווינקעלע" איז איר דער סטילאָ אַרויסגעפֿאַלן פֿון דער האַנט זיך קייקלענדיק איבער די גאַנצע לענג פֿון שרייבסערוועטל... פֿון פֿאַרצייטיש געפּוצטע סאַפֿיאַן־לעדער. אַ מתּנה פֿון פֿאַקאָ... די פֿאַרגאַנגענהייט...

היינט לויפֿן אַלע אַטאַקירן דעם פּיינט, וועלכער ליגט נאָך באַהאַלטן אין דער צוקונפֿט, און אויך וועמענס אומבאַקאַנטע שווערע אָנגריפֿן ספּי לאָקערט אין באַהעלטעניש פֿון אירע געדאַנקען.

אַלעקסאַנדער!

ס'שטייט איר קלאָר פֿאַר די אויגן, זיך דערמאָנענדיק טרויעריק דעם אָנהויב פֿון זייער פֿאַרייניקונג, וועלכער איז געווען אַזוי שיין: זוכן אין צווייען די אוממאַטעריעלע קלאָרקייט!... פֿון דעמאָלט אָן האָבן זיי בלויז געדרעפּטשעט, נישט דערנענטערנדיק זיך צום ציל. דער רעוואָלוציאָנער אין דער נשמה פֿון מאַקעדאָנישן פּאַטריאָט, וועלכער האָט זיך מיט אַזאַ ברען אויפֿגעהויבן, ווי גיך האָט ער זיך צוריק אָוועקגעלייגט! דער וואָלף איז פֿעט געוואָרן. וואָס פֿאַר אַ גוטס און נוצלעכס האָט זי לעבן אים געקענט שאַפֿן? גאָרנישט... וואָס פֿאַר אַ גליק, וואָס זי איז נישט פֿאַרהייראַט, און איז נישט געצווינגען אַדאַנק דער ירושה פֿון איר פֿעטער און פֿון אירע אייגענע פֿאַרדינסטן, אייביק צו פֿאַרטראָגן דאָס דרעפּטשען אָן אַ

ציל, די דערנידערונג נישט צו זיין מער ווי א הויז-באַלעבאָס-טע, וועלכע ווערט גרינגגעשעצט, צוליב אַ צופעליק פאַרבייגיי-ענדיקע פרוי, און וועלכע מוז נעבעכדיק שטיקן אין זיך די חרפה, עפּנדיק דערביי אַ וועג צו דעם, וואָס זי האָט אַממייסטן אין דער וועלט, אַחוץ דער אומגערעכטיקייט: דער ליגן!...

די דאָזיקע אַרבעל!

דער איצטיקער שטאָך, ווי אַ גיפטיקע איינשפּריצונג, האָט אויפגעוועקט די פריערדיקע, אַלע פאַרגעסענע צערייצונגען... דאָס איצטיקע מאָל!... אייגנטלעך, וואָס קומט דען באמת פאָר צווישן אים און די אַוואַנטוריסטן? צי האַלט ער נאָך, ווי ער פאַרזיכערט, ביים אָנהויב, ביי קלייניקייטן? אָדער ווי זי אַליין גלויבט, ביים סוף?... ספק איז אין איר אומדערשיטערלעכן צאָרן נישט אין שטאַנד געווען צו מאַכן דערפון אַן אונטערשייד: די שולד איז די אייגענע!

די דערינערונג פון די ערשטע פערצן טאָג פון זייער וואַקאַנס אין פאַן-פעניק... ברענען זי ווי הייסע אייזנס... אָ! אַ גוט אָרט האָט זי דאָס פאַר אים אויסגעזוכט אויף אָפּצורוען זיך! זי, וועלכע האָט געגלייבט אַריינצופאַלן אין אַ רואיק פאַמיליען-הויז, אַ ווינקל פון מאַרביהאַן... די אומפאַרמיידלעכע אַנגלאָ-סאַקסאָנען זענען דאָ אויך געווען. זי האָט גלייך געוואָלט אַוועקפאָרן פון דאַנען, נאָר ער, חוזקנדיק פון די נייע פּנימער, האָט איר דערקלערט: „היינט איז אומעטום אַזוי, איבעריקנס, זעסט דאָך, אַז מיר קענען דאָ נישט קיינעם, וואָס קענסטו דיר נאָך בעסער ווינטשן?"

צומאָרגנס, ביים פרישטיק, איז דער שכנישער טיש געווען פאַרנומען פון אַן עלעגאַנטע פרוי, אַליין. אַלעקסאַנדער איז פאַרענדערט געוואָרן אויפן פּנים, האָט צורעכט געמאַכט דעם זשאַבאָט, אויפגעהויבן ס'קול... „היט זיך! דו שפּילסט די ראָליע פון אַ הון" האָט זי געשפּאָסט, באַטראַכטנדיק די פרוי-poule.

גאָר דאָס שכנהשאַפט, די באַגעגעניש אויף דער פּליאַזשע,

די שמייכלען און די העפלעכקייטן פון די אויסלענדערין, וועל־
כע האָט געשיינט איר אַרויסצוווייזן מער אויפמערקזאַמקייט,
ווי אַלעקסאַנדערן, — צום ערשט איז זי צו ספּי צוגעגאַנגען,
און אָן קונצן זיך פאַרגעשטעלט: ...דעלאער, מאַלערין״ — האָט
לכתחילה איינגעשטילט, אָבער נישט איינגעשלעפערט אין איר
דעם אומצוטרוי.

ביידע אויסגעצייכנטע שווימערינס, האָבן זיי זיך צוזאַ־
מען געבאָדן אין ים, אין דער צייט ווען אַלעקסאַנדער האָט אַ
פאַרלאָזטער מיט כּעס אַליין געפּליאַסקעט אין וואַסער. אויס
רחמנות צו אים, האָט אַרבעל דערקלערט, אַז זי איז מיד. דער־
נאָך איז געקומען די שפּיל אין וואַסער־פּאַלאַ, באַגלייט פון אַ
באַקן זיך אויף דער זון און אין מיטן ים. דאַמאָלס איז אויס־
געבראָכן דער צוזאַמענשטויס: אַלעקסאַנדער האָט נישט אַראָפּ־
גענומען די אויגן פון די אויסגעלייגטע קערפּערס — וועלכע
זענען געווען באַהערשט פון אַ בולטן באַגער, — פון זייערע
זיידענע רונדע און הוילע ערטער... די דענערין, דערפילנדיק
אויף זיך זיין בליק, האָט זיך אַזוי געלייגט, ווי זי וואָלט זיך
אים אָנגעבאָטן.

ספּי האָט זיי גלייך געפּאַקט. און אָן טענות אַוועק אַליין
אין אַ וויַיטן ווינקל פאַנגען פיש מיט אַ פישער וועמענס שיפל
זי האָט געדונגען... דערנאָך, צוליב דער געשיכטע מיט דער
עקסקורסיע קיין בעל־יזל, איז אויסגעבראָכן דאָס אומפאָראויס־
געזעענע: די ווילדע סצענע און דאָס אַוועקגיין!

ער וועט זיכער, נאָכן צוריקקומען, זיך שווערן ביי אַלעם
אין דער וועלט... ס׳וועט זיין אַ ליגן! אַ ליגן! צי וואָס דאַרף
מען דען נאָך דעם זיך אַריינלאָזן אין ווינען און אין חרטה?
צי וואָס, דער עיקר, לענגער זיך אונטערצוואַרפן, זיך אָפּשטעלן
אויף אַזעלכע ביליקע קאָנצעסיעס, וועלכע דערנידעריקן איר
בלויז? פאַראַן נאָר איין בכבודיקער אויסוועג: אָפּן איבעררייסן...

זי האָט זיך אָפּגעטרייסלט, נאָכן אָננעמען דעם באַשלוס..
דאָס פרעמדע צימער מיט די צוויי בעטן, די צוויי שטולן פון
אַ געוויינלעכן קרעטאָן, האָט איר אויסגעזען ווי אַ מתימדיקע

שטייג... „אַ גוטער שווים אין ים וועט מיך באַרויקן!" זי האָט געזוכט אויפן גאַניק פון פענצטער איר באָד־קאָסטיום, וועלכן זי האָט נאָכן איבערשווענקען אַרויסגעהאָנגען צום טריקענען: וואו צום טייוול איז עס אַהין געקומען?... אָט מיט אַ מינוט פריער איז עס נאָך דאָ געווען... זי האָט זיך אַריבערגעבויגן, און עס געזעען ליגן אונטן, אויף דער טעראַסע, ווי אַ שוואַרצער פלעק... דער ווינט מן הסתם?... פון איין עק האָריזאָנט ביזן אַנדערן האָט זיך אויפגעהויבן אַ באַנד פון אָקעאַן, וועלכער האָט זיך צעשפרייט ווי אַ בלאָער לייוונט, אין אַלע זייטן ווי אַ זיגזאַג אָפּגעריסענע שטיקלעך שטאָף... דער ווינט!

אַ טרוקענער קלאַפּ, וועלכן זי האָט אָנגענומען פאַרן גע־רויש פון צומאַכן אַ טיר, האָט זי באַוויגן גיך זיך אויסצו־דרייען... אפשר האָט אַלעקסאַנדער חרטה געקריגן?... ניין, בלויז זיין רענצל איז געלעגן אויף דער ערד אַראָפּפאַלנדיק פון טיש...

זי האָט עס אויפגעהויבן, צוריק אַוועקגעלייגט ווי ס'איז געלעגן, און גלייכמאַכנדיק זיך די האָר, האָט זי זיך פאַרגע־שטעלט דאָס בילד פון דעם מענטש, וואָס איז איצט מיט אַרבל... ער, ליגנדיק אויף אַ זייט, זי, מיטן בויך אַראָפּ, בכדי בעסער צו ווייזן איר אַביסל צו שווערן הינטן, וועלכעס האָט אָבער דייטלעכער געמאַכט דאָס קיילעכיקייט... אַ דירעקטער רוף צו בעסטיאַלישקייט!... דעם דאָזיקן נידעריקן באַגער, וואָס אַלעק־סאַנדער האָט מיט אַ טאָג פריער, ביי אַ פאַלש געלעכטער פון אַרבעל, אָנגערופן „דער נאָענטסטער וועג פון איין פונקט צום אַנדערן"...

זי האָט שוין געהאַלטן די האַנט אויף דער קליאַמקע פון דער טיר, ווען ס'האָט זיך דערהערט אונטער איר דער איי־גענער פאַל...

„ווידער דאָס רענצל!... וואָס איז דאָס מיט דעם? זי האָט דאָס גענומען און אַריינגעלייגט אין שאַנק, קאָנסטאַטירנ־דיק פריער, אַז דער טיש איז נישט געווען גליטשיק: „אַ מאָדנע

נע זאַך״ און נישט לייגנדיק מער קיין אַכט אויף דעם אינצי־
דענט איז זי אַרויסגעגאַנגען.

זי האָט מער נישט געטראַכט, ווי פֿון אַלעקסאַנדערס פּאַראַט. זי איז געווען אַזוי פֿאַרזונקען אין די געדאַנקען, אַז אויפהייבנדיק איר באַד־קאָסטיום האָט זי נישט באַמערקט, אַז אויף דער רעכטער זייט איז ער געווען אינגאַנצן אויפגעריסן.

## III

אין דער אייגענער צייט האָט זיך די שפּאַציר-שיף „לו-טען” געוויגט אויפן אַנקער, אין דעם קליינעם נאַטירלעכן פּעלזן-פּאָרט פּעטי-מאָן, וואָס דער אָקעאַן האָט מיט די קלעפּ פון זיי-נע אייביקע מאַרעס אויסגעהאַקט.

אַ קליינע שטאַרקע שיף מיט אַ מאָטאָר פון 40 פערד-קראַפט, אַ פינקלענדיקע פון ניקל און אַקאַזשו, ועמענס איינצי-קער זעגל איז געווען דער אַפּאַראַט פון דראָטלאָזן טעלעגראַף. אַ צוויי הונדערט מעטער ווייטער איז געשטאַנען אַ פיין געיעג-שיפל, און לענגאויס דער לאַדונגס-פּלאַטפאָרם האָט אַ יאַו-יאַו *) פאַרפאָלקאָמט די פלאָטילע פון קליינעם פּאָרט. ס׳וואַסער איז דאָ טיף, אָבער נישט באַקוועם צום אַנקערן.

ס׳האָט דאָ אויסגעזען ווי עפּעס אַ פאַרלאָזטער ים-ברעג. די גראַנדיעזע שטיקער פון די הונדערט-יעריקע פעלזן אַרומגע-זיימט מיט די שפּיציקע ים-שטיינער, און פאַר דעם דאָס אומ-ענדלעכע וואַסער, דאָס אַלץ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ ווילדן פייזאַזש. אָבער פון דער שפּיציקער סטעזשקע אין דער פעלזן-וואַנט — וואו די בוקעטן שטעכיקע רויזן בליען (מיט זיי-ער נאָמען בלע-ברוג, האָט מען אָנגערופן דאָס גוט, וואָס האָט

*) אַ קליין שיפל

זיך אויפגעהויבן איבער זיי), — איז אַ מאַן פון אַ קרעפּטיק אויסזעען אַראָפּגעגאַנגען זינגנדיק:

Lacam er skol vras d'or en ti
E lon dirliton dirliton ma mignon allon a gauche,
Lacam er skol vras d'or en ti,
A nei ichei ir faënëgei...(*

די פריילעכע טענער האָבן זיך צוגעפּאַסט צום רוישיקן טריט. דאָס פּנים פאַרביק, די בלאָנדע האָר פאַרוואָרפן אויף הינטן, די ברוסט אַרויסגערוקט, און מיט די בלויע אויגן האָט מאָריס לעגערן אויסגעזעען ווי אַ זון פון זיין ראַסע. בלויז דער קאָליר פון זיין בליק האָט עדות געזאָגט וועגן חלום, וואָס ער האָט באַהאַלטן אין זיין סעלטישע נשמה. זיינע פלינקע באַוועגונגען, זיין אַנטשלאָסן אויסזעען איז געווען פון די פאַרעקשנטע מענטשן און אידייען, פאַר וועמען די מאָדערנע וויסנשאַפט האָט, שווענקנדיק די גרעניצן, אויסגעשפּרייט די קאָנצעפּציע וועגן פאָטערלאַנד איבער דער גאַנצער וועלט.

אַן אינזשעניער, אַ ספּעציאַליסט אין דער לערע איבער די עלעקטרישע כּוחות, האָט ער זיין רום בכיון געהאַלטן אין שאָטן צוליב דער גרויסקייט פון זיין עלטערן ברודער, דעם דאָזיקן עלטערן ברודער, וועמענס אַ בוך, איינס פון זיינע הויפּטווערק, אַן אומבאַקאַנטע פאַרערערין האָט נישט ווייט פון דאַנען געהאַלטן אין לייענען.

די צוויי ברידער, — זון פון לע גערן, וועלכער איז צוזאַמען · מיט הערזאַן דע לאַ ווילמאַרקע, געווען איינער פון די אויפלעבער פון ציקל לעגענדעס וועגן דער אַרמאָריקענישער פּאָעזיע — זענען געווען רייך און געלעבט זעלבשטענדיק.

אַנרי, — דער וואָס איז אַלס דאָקטאָר באַרימט אין דער

---

*) לאָמיר אַוועקשטעלן די גרויסע לייטער אין הויז, אין לאַן דיללילטאַן, מיין זיבטנקע, לאָמיר גיין אויף לינקס, לאָמיר אַוועקשטעלן די גרויסע לייטער אין הויז, און לאָמיר גיין אין היי...

גאַנצער וועלט מיט זיינע אַרבעטן אויפן געביט פון פּאַלעאָנטאָלאָגיע, און אַלס ביאָלאָגיסט מיט זיינע פאָרשונגען איבערן שורש פון לעבן און איבער די ירושה-אייגנשאַפטן — איז נאָך צו פופציק יאָר געווען אומפאַרהייראַט. ביי זיינע עקספּערימענטן און רייזעס האָט ער פאַרשווענדט אַ פאַרמעגן, זיינע כירורגישע אָפּעראַציעס אָבער האָבן אים דאָס מיט ריווח צוריקגעקערט.

מאַריס, אַ פאַרהייראַטער מיט אַ ווונדערבאַרער פרוי, (מיט וועלכער ער האָט נישט געקענט אַדורכקומען צוליב זיין אומרויק און צעשטרייטן כאַראַקטער, און איבער זיין מאַניע צו דערפינדונגען) האָט לויט אַ קעגנזייטיקער הסכמה געלעבט אָפּגעזונדערט פון איר. דאָך האָט ער געפילט צו איר אַ פּרינציפּיעלע צוגעבונדנקייט, און זי איז געווען פאַר אים אַן אָפּרופּאָרט, ווּהין ער פלעגט צוריקקומען אַ מידער פון די פאָרשונגען אָדער פון אַ רייזע, ווען ער האָט זיך געניייטיקט אין צערטלעך-פריינדלעכע מינוטן, אָדער אין אַן עצה.

בלאַן-ברוג איז געווען זיין צווייט צוציונגס-אָרט.

דאָס איז נאָך געווען די זומער-רעזידענץ פון אַלטן לאַגערן, וועלכער האָט דאָס מיט ליבשאַפט און געדולד געגרינדעט ביים סוף פון דער צווייטער אימפּעריע. די זעקס העקטאַר לאַנד, צונויפגעזאַמלט אַ שטיקל נאָך אַ שטיקל, האָבן אויסגעשפּרייט זייערע לאַנדיעס און סאָסנע-ביימער, אונטער דעם הויכן שטיינערנעם באַרג, דעם פּעטי-מאָן, וואָס האָט באַצירט דעם ברעג. דער אַריינגאַנג צום הויז (אַ וועכטער-געביידע און אַ פערמע, פאַרריכט און פאַרגרעסערט) האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם ברייטן שטיינער-געבוי.

בעת די אַמאָליקע אויסגראָבונגען האָט מען דאָ אַנטדעקט אַן אונטערערדישן דאָלמען *), וועלכן מען האָט פון דער הויך געזעען, צוזאַמען מיט די אַרומיקע אומצאָליקע אינזלען און זייערע שמייכלענדיקע דערפלעך, אין דעם קאַנאַל פון מאַרביהאַן.

---

*) אַ מאָנומענט פון שטיין אין דער פאָרם פון אַ טיש.

פון דער אַנדערער זייט אָקעאַן, אויף לינקס האָט זיך אַרויסגעשיילט דער האַלבּ-אינזל רהויס (פאַרצוימט דורכן גראַן-מאָן אונטער סען-זשילדא) און פון רעכטס, אַזוי ווייט ביז דאָס אויג פאַרלירט זיך, דער אומגעהויערער קאַנאַל פון קיבעראָן, באַזוימט מיט לייכט-טורעמס. פאָרט האַליגוען, טעינוט, הואַט, האַעדיק... און לסוף, פאַרלוירן אין ים, דער פּעשער פּראָפיל פון בעל-יזל.

די צוויי ברידער האָבן צערטלעך אָפּגעהיטן די פאַמיליע-ירושה, פון וועלכער מאָריס איז געווען דער שומר. ער פלעגט דאָרט אַהינקומען אין אַלע צייטן פון יאָר, ווי זיינע פאָרשונגען, זיין גרויסער חלום, צו פאַרוואַנדלען די באַוועגונגען פון דער מאַרע, אין ליכט און אין קראַפט, האָט אים אָפטמאָל געצוואונגען צו פאַרבלייבן אַ לענגערע צייט. ער האָט דאָרט אויך פאַרברענגט די צייט פון זיינע וואַקאַנסן, דאַמאָלס האָט בלאָנברוג אויפגעלעבט, ווייל דער אינזשעניער האָט ליב געהאַט מיטצונעמען מיט זיך אַ גאַנצן שטאַב פון פריינט.

דאָך, אַחוץ די „ביגודאָנס" — די אַלטע קוזינען באַזעלעק, שטענדיקע געסט פון פעטי-מאָן, וואוהין זיי פלעגן אין יוני אָנקומען פון פאָן-לאַבע, און יעדעס יאָר פאַרבלייבן דאָרט אַפאָר הדשים — האָט דאָס מאָל דער חודש אויגוסט נישט צונויפגעזאַמלט מער ווי דעם זון פון די אַלטע, איווע, אַ יונגער דאָקטאָר פון מעדיצינישן פאַקולטעט אין פאַריז, און דירעקטאָר פון דער באַרימטער לאַבאָראַטאָריע אויפן נאָמען פון אַנרי לע גערן אין ראַמבוע. און אויך דעם לופט-פליער הוגו פורניע, רעקאָרדמאַן פון שנעלסטן פליען, מיט זיין געליבטע מאַריאַ דע לאָטאַ, סטאַר פון מאַדריד... די לעצטע צוויי זענען אייערנעכטן, ווי אַראָפּגעפאַלן פון הימל אויפן פלי-פעלד, וואָס איז איינגעאָרדנט אויף צפון פון די פעלזן-שטיינער.

אַחוץ זיי, נאָך דער אומפאַרמיידלעכער הערווע לאָגועז, (מאָריס האָט זיך מיט אים גערעכנט אַזוי פיל, ווי מיט די „ביגודאַנס") אַן אַלטער „געשעפטס-מענטש". צו דעם דאָזיקן אומבאַשטימטן פאַך האָט ער נאָך צוגערעכנט פאַר אַ פּראָפעסיע

דאָס זיין אַמאָל מאָריסעס שול-חבר. אַזוי אַמווייניקסטנס האָט ער זיך מיט אויטאָריטעט געריימט... „אין דער קליינער בורגאַ, הא, דערמאָנסט זיך?" אַדאַנק אַ צופעליק באַגעגעניש איז ער געוואָרן מאָריסעס עקזעקוטאָר אויף דער בערזע, און פון דעמאָלס אָן זיין כמעט שטענדיקער טיש-אורח.

אַ פאַרברענטער שיף-ליבהאָבער, האָט מאָריס אַליין פאַרגעבריים זיין זעקס-מעטערדיקע שיף צו דער רייזע... יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט דאָ זיין, האָט ער זיך אַליין פאַרנומען מיט זיינע שיפן, אין דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט האָט דאָס געטון דער פאָטער ביבאַל, וועלכער האָט געהיטן בלאָן-ברוג. ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווינט, ער האָט געטראַכט ווי גוט עס וועט זיין איצטער צו פאָרן צווישן קעפּפאַנהיר און טריניטע... פון ווייטן האָט זיך געזען דאָס רויטע זעגל-שיפל פון ביבאַל פליען ווי אַ קליין ביטעלע.

מאָריס האָט אויפגעהויבן די אויגן צום פעלזן-וועג... קיינער איז נישטאָ. ביי וואָס פאַרעט ער זיך דאָרט? אַזאַ בהמה דער איוואָן... (אַזוי האָט ער פאַרצויגן דעם נאָמען פון יונגעטשקן דאָקטאָר) נאָר אָט איז אין ווייטן אַזור דערשינען דער סילועט פון לעצטן, וועלכער האָט צונויפלייגנדיק די הענט ווי אַ האָרן אַראָפּגעשריגן פון דער הויך:

— מ'סיע פוריע, פרעגט, אויב דו וואָלסט נישט געוואָלט, אַז מיר זאָלן אַלע פיר פאָרן מיט דיין שיף ביז אָרע?

מאָריס האָט אויסגערופן:

— הייסט עס, אַז מאַריאָ איז שוין אויפגעשטאַנען? „וואָס איז מיט זיי היינט געשען, מיט די פייגעלעך? געוויינלעך טרינקען זיי שאָקאָלאַד אין בעט, און מען זעט זיי נישט פריער אַרויסגיין פון זייער צימער, ווי צום מיטאָג, עלעגאַנטע און אויסגעפוצטע..."

— און לאָגוען? — האָט זיך אויסגעפרעגט דער באַלעבאָס.

— ער איז געגאַנגען קיין אַרזאָן קויפן דעם „עגפאָרמאַסיאָן פינאַנסיער".

— יאָ, ריכטיק! דער בערזע-קורס!... ער וואָלט זיך

אָנגעמאַכט אַ קרענק, ווען ער זאָל נישט האָבן די לעצטע בער־זע-ידיעות.

וועגן זיינע עלטערן די באַזעלעקס האָט מאָריס נישט געפונען פאַר נייטיק זיך צו דערקונדיקן. דאָס פאָרפאָלק, פאַר־גליווערט דורך זייער פּראָווינצער לעבן, — ער אַ געוועזענער רעיענט און שפּעטערדיקער אַרכעאָלאָג, זי, אַ באַלעבאָסטע אין אַ קליין שטעטל, — האָבן מיט זיך פאַרקערפּערט דאָס אָפּגע־שטאַנענקייט. שטענדיק הינטערשטעליק צוליב אַוועלכע ס׳איז צעשטרייטונג, באַוועגונג אָדער געדאַנק... די פאַמיליע לע גערן האָט זיי אָבער דאָך ליב געהאַט, ווייל זיי זענען געווען גוטע מענטשן און האָבן געקענט דעם „פאָטער”...

— זאָג נאָר, איווע, די פאַרליבטע זענען שוין גרייט?

— הוגו, יאָ. און מאַריאָ האָט אָראָפּגעשריגן פון איר פענצטער, אַז זי קומט שוין אַראָפּ.

— גוט! אַלזאָ, אין אַ קליינע שעה אַרום...

אָפּבינדנדיק איין אַנקער, דערנאָך דעם אַנדערן, איז מאָ־ריס אַריבערגעשפּרונגען פון זיין זעקס-מעטערדיקע שיף אויפן פאָדער-בריק פון „לוטען”. און באַטראַכטנדיק דעם בענזין-רעָ־זערוואואַר, האָט ער אויסגערופן:

— פאַראַן מיט וואָס צו פאָרן ביז ברעסט! גיי זאָג אָן דיינע אַלטיטשקע, אַז מיר וועלן אפשר נישט צוריקקומען פריער ווי ביינאַכט.

— אויסגעצייכנט!

— און ברענג אַהער די אַנדערע, לאָנגוען אויך, אויב ער איז שוין צוריקגעקומען און האָט חשק צו פאָרן אויפן ים.

דער אינזשעניער האָט פּונקט ווי דער אַוויאַטאָר מיט זיין מעטרעסע ליב געהאַט אומדערוואַרטעטע צעשטרייטונגען. הוגו פורניע איז אים געפעלן צוליב זיין דרייסטקייט, און מאַר־יאָ צוליב איר פסדר ביימנדיקע גראַציע. מען קען זיך צום ביי־שפּיל גאָרנישט פאָרשטעלן ווי אַזוי מען קען קאָמפּליצירן אַן עקזיסטענץ, ווי זיי טוען עס מיט זייער צערייצונג און אייפער־זוכט. די ליבע, ביי אַזאַ גראַד, איז אַ ווילדער כעס... אַ שיין

פּאָרל משוגעים, די צוויי !... און נאָך אַלעם איז געגוג, אַז עס זאָל אים, הוגון, בלויז איינפאַלן איר אַוועקצוואַרפן, ווי ער וואָלט עס גלייך געטון (אַזוי ווי אַ קלייד, וואָס מען שפּילט צו און מען שפּילט אָפּ).

„חען, צום טייוול, קומען זיי שוין ?...״

אַ רעזיגנירטער האָט ער פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. נאָר שוין דעם ערשטן וואָלקן רויך, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט, האָט אים איבערראַשט אַ פריילעכער רוף. דאָס איז געווען מאַריאָ. אונטער דער שטראַלנדיקער זון האָט זי אויסגעזעען אינגאַנצן ווי פון קופּער, די שוואַרצע האָר פאַרקעמט, ווי ביי אַן אַרגענ-טינערין... די הענט און פיס נאַקעט, אָנגעטון אין אַ באָד-קאָ-סטיום, וואָס האָט זיך פון דער טאַליע פאַרענדיקט אין אַ קלייד, ווי אַ יונגע ציג, האָט זי זיך אַ לאָז אַראָפּ געטון פון דער הויך, דער אַטלעטישער הוגו און דער נישט שטאַרקער איווע, האָבן איר באַגלייט... מאָריס האָט געשריגן:

— וואַרט ביז כ׳וועל קומען נאָך אייך.

נאָר שוין האָט מאַריאָ אָפּגעבונדן די לאָדקע, אַרויפגע-נומען די צוויי מענער, און געררודערט צום לוטען... הוגו האָט אויפן פראַנצויזישן אופן באַגריסט דעם שיף-קאַפּיטאַן מיט אַ איבערגעדרייטע „מאַרסעליעזע״, און אין דער צייט, ווען מאַריאָ האָט זיך אַוועקגעלייגט מיטן בויך אַראָפּ אויפן פּאַדערדעק און איווע האָט אָפּגעשטופּט דאָס שיפל, האָט ער מיט אויטאָריטעט איבערגענומען פון מאָריסנס הענט דעם שיפס-רודער.

— דאָס רעדל קען מיך שוין !

— און די שפּיצן פון די ים-פעלזן ?

— אויף דעם ביסטו דאָ, העי ? מאַך נאָר אויף ס׳אויג...

— איר ביידע ! — האָט מאַריאָ באַפוילן,— וועט אונז פירן !

# IV

בראַוואָ ! ביס !

אַלעקסאַנדער קוקט מיט ענטוזיאַזם, ווי אַרבעל, אַרויס־קומענדיק פון וואַסער, פירט אויס אירע אַקראָבאַטישע איבונגען. מיטן קאָפּ אַראָפּ, דער גרינער באָד־קאָסטיום צוגעקלעפּט צו דער בראָנזענער הויט, וואו ס׳האָבן נאָך געפינקלט טראָפּנס וואַסער, האָט זי זיך געהאַלטן אויף די הענט, די פיס צעשפּרייט אין דער לופט, מיט אַ זעלטן גלייכגעוויכט. זי האָט זיך צוריקגע־שטעלט אויף די פיס, און דאָס מאָל זיך איבערגעקערט הינטן אַרום אין אַ געדרייטן בויגן, און מיט אַ געפערלעכן שפּרונג זיך ווידער אויסגעגלייכט.

ער איז נישט געווען דער איינציקער באַוואונדערער. יונגע חברהניקעס האָבן נייגעריקע איבערגעלאָזט זייער „מעדי־ציניש ן באַ ל" און זענען אַהערגעקומען איר אַפּלאָדירן. דעם גאַנצן חודש אויגוסט איז פּאַן־פּעניק מיט אַלע אירע פּאַרווײלונ־גען און פּליאַזשע געווען אין רשות פון אַזעלכע ס׳איז פריי־לעכע באַנדע, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע קרובישע גרופּן.

די גרופּע פון פינף (דריי דייטשן, איין פּאַריזער און איין שווייצער), צוזאַמען מיט דער גרופּע פון דובלע און פון קאָרסאָ־לאָון, די רוסישע חברים פון די דענערין, זענען געווען די

הויפט-שעפער פון אַלע אינטערעסאַנטקייטן און פריילעכע שפּילן...
דאָס איז געווען אַ מין געזעלשאַפט אין מיניאַטור, אין וועלכע ס'האָבן זיך צונויפגעטראָפן די צעלאָזטע קינדער אין זייערע זאַמד-פּאַלאַצן, און האָבן זיך דאָ געשפּילט מיט זייערע פּאָראָור-טיילן און שלעכטע מידות.

די ענגלענדער און די טו-וואַנען, וועלכע האָבן אונטער די העפלעכע באַגריסונגען באַהאַלטן אין זיך זייער אייגענע קעגנזייטיקע שנאה, האָבן קרום געקוקט אויף דעם בשותּפותדיקן באַלעבאַטישקייט פון די דובלע-קאָרסאַקאָוו, און אויף דעם שרייענ-דיקן פּאַריסנקייט פון זייער גרויסע פּירקאַנטיקע ווילע, גע-פּאַרבט אין געלע און אין רויטע פּאַסן, לעבן וועלכע ס'איז געשטאַנען דאָס הערלעכע הייזל פון פּאַמילע ראָלל, און דער עיקר, אויף דעם אומפאַרשעמטקייט פון די צוויי פריינדינס, וועלכע האַלטן זיך שטענדיק אַרומגענומען, איינע, זיך פּאָרשטעלנדיק מיט איר רייצנדער ברוסט, אונטער שווערע שנורן פּערל, און די אַנדערע — מיט אַ נאַקעטן פולן האַלדז.

אַלעקסאַנדער האָט צוליב אַרבעלן געפונען דאָס טאָפּלטע פּאָרפּאָלק פאַר זייער אַמוזירנד. דובלע, שיף-אייגנטימער, אַ מיליאָנער, וועלכן מען האָט גערופן „דער נאַציאָנאַלער באַראָ-מעטער”, ווייל ער האָט אַלעמאָל פאָרויסגעזאָגט און כמעט קיינ-מאָל נישט געטראָפן די ענדערונגען אין וועטער... די גאַנצע פרייע צייט זיינע האָט ער געווידמעט אויף צו צעשטרייטן זיין ווייב, לויט איר געשמאַק. וואָס אָנבאַלאַנגט די קאָרסאַקאָווס, פּעטע, אויסגעפּאַשעטע, בלאָנד, דער מאַן און די פרוי, אָן באַ-שטימטע הכנסות, האָבן זיי געדינט, ווי אַ צייט-פּאַרטרייב פאַר דעם רייכן זאָרגלאָזן פּאָרל.

מיט לויפנדע טריט, נאָכגעיאָגט פון אַ געוויסע שטרעקע דורך דעם אַדוואָקאַט, וועלכער האָט געטראָגן איר פּעניואַר מיט די גרויסע בלומען, איז אַרבעל אַריין אין איר געצעלט, דאָס שכנותדיקע פון די דובלעס, וואָס איז געווען פאַרמאַכט.

(* come here!

די הענט צונויפגעלייגט אונטערן קאַרק, ווי אַ קישן, האָט

---

*) קומט אהער!

זי דעם רוף באַגלייט מיט אַ באַפעלערישן וואונק מיט די אויגן. זי איז געלעגן אויסגעצויגן אויף איינעם פון די שמאָלע זיך צונויפפלייגנדיקע דיוואַנען, וועלכע דובלע, אַ פאַרליבטער אין אַזיאַטישע מנהגים, האָט מיטגעבראַכט פון שאַנגהיי. זיין ווילע און זיין יאַכט-שיף זענען פול געווען מיט אַזעלכע דיוואַנען. אַרבעל, דערקלערנדיק, אַז זי וואָלט אויך געוואָלט האָבן אַזעלכע פאַר איר אַטעליע אויפן מאָנפּאַרנאַס, האָט זיך דערוויייל ביז ער וועט זיי פאַר איר ברענגען פון שאַנגהיי, צוגענומען אָן צערעמאָניעס איינעם פון זיינע.

די דענערין, האָט מיט אַ שמייכל באַטראַכט די שפּיצן פון אירע אָפּשטייענדע בריסטן. אַלעקסאַנדער האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ גוטן סימן. נישט געווען קיין איין אָרט אין דעם אויסזאָגנדיקן באָד-קאָסטיום און אין דער מוסקולהאַפטער באַקעטקייט, וואו ער זאָל נישט האָבן אין די געדאַנקען זיי ליידנשאַפטלעך געגלעט. פון דער פוכווע-נעסט ביז די אַטלעטישע שויס, וואָס האָט אַרויסגעקוקט מיט אַ שטראַלנדער ווייסקייט, אַלץ האָט אים אין איר פּרעכטיק צוגעצויגן.

זייערע קערפּערס, פאַראַלעל, זענען מער נישט אָפּגעטיילט איינער פון אַנדערן, ווי אויף פופציק סאַנטימעטער, וועלכע די זכרישע צערייצטקייט וואָלט געוואָלט זען פאַרקלענערט ביז נול. די אויסלענדערין אָבער איז אין דער דאָזיקער מינוט געווען אַזוי קאַלט, ווי עס קאָן נאָר זיין אַ פרוי, וואָס באַגערט נישט.

— וואָס טוט אייער ווייב? זי וויל שוין נישט מער גיין מיט אונז?

ס'פייער אין אַלעקסאַנדערס אויגן האָט זיך פאַרלאָשן. אַ מאָדנע מיידל! אָט איז זי פייער, און אָט ווערט זי אייז! וואָס פאַר אַן איינפאַל צו רעדן מיט אים וועגן ספּי, אין דער צייט ווען ער איז געגאַנגען איר אויסשרייען זיין באַגער? ער פאַרטרייבט פון זיך דאָס לעסטיקע בילד, און ווי אָפּקילנדיק אַרבעל זאָל נישט זיין אין דעם מאָמענט, קאָן ער איצט מער פון קיין שום זאַך נישט געדענקען, ווי דעם טעם פון אירע ברענענדיקע ליפּן, און וועגן געוויסע קושן אויף אירע אַקסלען, וואָס האָבן

זי געמאַכט אויפּציטערן, דאַמאָלס אין בעל-יזל... אויף די אַקסל און אין די ווינקלען פון שויס, וואו די הויט איז אויסגעשיט מיט גילדערנע הערעלעך צאַרט, ווי די קאַמעליען...

אַ באַהאַלטענע נאָענטקייט האָט אין אים ווידער אויפגע-וועקט אַפּעטיט צום איבריקן... אַרבעל איז פאַר אים די פרישקייט אליין, איינגאַנצן אַ נייעס... זי ליגט אַרויף אויף זיינע חושים אַזאַ פולשטענדיקן שטעמפּל, אַז עס דאַכט זיך אים נישט צו האָבן נאָך קיינמאָל געפילט אַזעלכע צייכנס. אַ שטעכיק געפיל נעמט אים אַרום. זיין בליק טוט איר ווידער אויס, באַזיצט איר... לאַכנדיק האָט זי געוויזן אירע שאַרפע ציין.

— אַ שיינע רויב, האַ?

— איך וואָלט געוואָלט אייך אַוועקטראָגן, אַוועקנעמען פון די אויגן, וואָס לאָקערן אויף אייך, וועלכע אָבסערווירן מיך... דורך דער אונטערגעהויבענער לייוונטענע טיר האָט מען גע-זען פאַמיליעס אויסגעזעצט אויפן זאַמד, נישט ווייט פון זיי.

— איך וואָלט אויך געוואָלט אַראָפּרייסן פון אייך אָט דעם באָד-קאָסטיום און איינבייסן זיך אין דעם שניי-ווייסן, וואָס ער באַהאַלט...

מיט גלייכגילטיקייט האָט זי געלאָזט פאַלן די ווערטער:

— אויב איך פאַרשטיי גוט, וואָלט איר מיך געוואָלט זען אַ נאַקעטע?

— איר פאַרשטייט וואונדערלעך...

— און אָן ספק, אויסנוצן מיין קערפּער לויט אייער פאַרלאַנג?

— לויט אייער, בעליסים.

— זייער שיין פון אייך!

זיי האָבן ביידע געשמייכלט. זי האָט ווידער אָנגעהויבן די ערשטע:

— די ערשטע באַוואָרענישן דערליידיקט, קענען מיר גיין ווייטער. איך הער אייערע ווייטערדיקע פאָרשלאָגן.

— אָבער...

ער איז שטיל געבליבן אַ געפּלעפּטער און זיך גענומען איבערלייגן. זאָל דאָס אָן איינפאַכע הסכמה? אָדער מען דאַרף איר עפּעס צוזאָגן... וואָס? אמת, אַז פון דער צייט אָן נאָכדעם

פעלער, וואָס ער איז באַגאַנגען, איינבייסנדיק בלויז די פּרוכט, אָנשטאָט זי אויפצועסן אינגאַנצן. האָט ער איר געוואָלט באַזיצן, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין שום חשבון, און נישט טראַכטנדיק אין דער מינוט נישט פון ספּי, נישט פון קיין שום זאַך... באַדינגונגען? וועלכע? ער האָט קיינמאָל וועגן דעם נישט געטראַכט. געלד? צירונג? אוממעגלעך! (מען פלעגט אים ליב האָבן צוליב אים אַליין און איבריקנס האָט זי אויסגעזוכן אַליין צו זיין געניג פאַרמעגלעך...) אפשר מיינט זי, אַז איך זאָל מיך אַנגאַזשירן מיט איר ביז אַוועלכן ס'איז טערמין? פאַרלאָזן ספּי?... דאָס מיינט זי אַוודאי!... פונדעסטוועגן ריזיקירן אויף אַזאַ אופן צו שטערן איר רו, דערשיטערן איר עקזיסטענץ...

זעענדיק זיין פאַרלעגנהייט האָט אַרבעל דעלאָער מיט אַ באַהאַלטענעם חוזק געפרעגט:

— אַלזאָ! וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר סוף-כל-סוף?

— אַלץ!

— דאָס הייסט איר ווילט באַרגן מיין קערפּער באַהאַלטענערהייט אין דער גיך ביי גינסטיקע געלעגנהייטן?

— איך קאָמבינער נישט! איך ליב אייך! איך וויל אייך... פאַרשטייט עס, ווי איר ווילט!

זי האָט באַמערקט:

— דאָס זע איך. קיין אַנדערן מיין האָט איר נישט. דער עיקר ווילט איר באַפרידיקן אייער תאווה. דערנאָך...

— ווי שלעכט איר זענט! איך וויל טון אַלץ, ווי אַזוי איר וועט מיך ראָטן!

— אָ, אַזוי, איר נויטיקט זיך אין אַ ראָט, מיין טייערער אַדוואָקאַט?

— ער איז רויט געוואָרן צוליבן סאַרקאַזם פון אירע ווערטער און אַ צעמישטער פילנדיק, אַז זי גליטשט זיך אים אַרויס צוליב זיין פלאָנטערן זיך, האָט ער געזאָגט:

— איך וועל אַלץ טון כדי אייך צו געפעלן! שוין איצט ווייסט ספּי, אַז איך ליב אייך... ביסלעכווייז וועל איך מיך קענען אַרויסדרייען, זיך בעם... (זעענדיק, ווי זי פאַרציט די

ברעמען האָט ער אָנגעהויבן צוריקצודרייען)... איך ווייס נישט... אפשר... וואָס ווינשט איר? איך...

זי האָט אים איראָניש איבערגעהאַקט:

— גאָרנישט.

— אַרבעל, איך שווער אייך, אַז איך מיין עס זייער ערנסט. נישט פאַראַן ביי מיר קיין שום קלער צווישן איר און אייך. איר פאַרשטייט עס אַליין זייער גוט. איך וועל אַלץ פאַרניכטן, כדי אייך צו דערגרייכן. איך וואָלט נאָר איינפאַך געוואָלט אויס־מיידן איר צו דערלאַנגען אַזאַ פלוצלינגן קלאַפּ, בעסער שוין צו פאַרגרעסערן מיט יעדן טאָג איר עגמת־נפש, אויסנוצן איר געדולד, אַז זי זאָל סוף־כל־סוף אַליין אַוועק...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, ווי געטראָפן פון אַ בליץ, ספּי איז שטאָלץ געשטאַנען פאַר זיי און אים אָפּגעמעסטן מיט די אויגן.

— אַ לאַנגזאַמע גסיסה, וואָס?

די ווערטער, וועלכע זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַ טרוקן קול זענען ווי ריטער געפאַלן אויף דעם נידערטרעכטיקן ...ער אײַנגאַנצן פאַרטועון אין זיין דרשה, אין אַרבעל, אין איר פאַרטראַכטנדע אויפמערקזאַמקייט, האָבן זיי נישט געהערט צו־קומען צום געצעלט און דערנאָך דאָס פאַרהאַלטן זיך פון די לייכטע טריט....

אַלעקסאַנדער האָט אַ צעמישטער זיך געפרעגט: „וואָס האָט איר אַ ביס געטוען? פאַרוואָס איז זי דאָ?" און אין האַרצן איר געשיקט צו אַלדע רוחות.. ס'האָט געהערשט אַ קורץ שטילשווייגן... „ווי לאַנג האָט זי אַזוי אויסגעהערט..."

בלויז אַפּאָר סעקונדן זענען גענוג געווען אַריינצוברענ־גען צווישן זיי אַן אומפאַריכטלעכן ריס... ספּי איז געגאַנגען זיך איבערטוען אין איר קאַבינעט און זיך געלאָזט צום וואַסער, אין מיטן וועג האָט אַ שלאָג געטון אין די אויערן דאָס גע־ליבטע קול, וואָס האָט איר איצט דערלאַנגט דעם אַנטשיידענעם קלאַפּ... זי האָט אים מוטיק און מיט שטאָלץ איבערגעטראָגן.

דער בליק פון דער דענעריך, פון אָנפאַנג אַביסל איבער־ראַשט, האָט זיך מיט סימפּאַטיע געווענדעט צו דער אומדער־וואַרטעטער... נאָר ספּי קוקט נישט מער ווי אויף אַלעקסאַנדערן, וועלכער האָט זיך ענדלעך דעציִדירט... (אפשר האָט זי נאָך נישט אַלץ געהערט!) און אַרויסגעשטאַמלט:

— ס'איז זייער פיין פון דיין זייט צו קומען זיך פאַר־אייניקן מיט אונז.

דאָס איז געווען אַזאַ טיפּשות. אַז אַרבעל האָט געמוזט אַרויסשיסן מיט אַ געלעכטער. ספּי האָט אים איין־איינציק וואָרט אַ וואָרף געטון:

— טויגעניכטס!

ער האָט זיך מעכאַניש אויפגעשטעלט:

— זאָג נאָר, דו!

— טויגעניכטס! דו האָסט דיר פאָרגעשטעלט, אַז איך וועל ליידן!... דו ווייסט אָבער נישט, אַז זינט דיין אַנטלויפן קיין בעל־יזל בין איך נאָר אויס רחמנות געבליבן מיט דיר וואוינען.

— אויס רחמנות? באמת?

ער האָט אַזוי געוואָלט מאַנעווריר, אַז ער זאָל זיי נישט פאַרלירן ביידע מיט אַ מאָל. נאָר פאַרבייגייענדיק פאַר אַרבעל, וועלכע אַן אויסגעצויגענע אויפן דיוואַן האָט זיך אָנגעהויבן ווילן פון דער פאַר איר קאָמישער סיטואַציע, האָט ספּי זיך אויסגעדרייט און איר צוגערופן:

— נעמט אים אייך צו!

— אָ! ניין, איך בין אייך מוחל!

— איך שענק אייך אַ מתנה און גיב אייך נאָך צו אַ שיינעם דאַנק!

נישט קימערנדיק זיך וועגן אַלעקסאַנדערס פאַרצווייפלונג— זאָל ער מיטגיין, אָדער בלייבן? — איז זי רואיק צוגעגאַנגען צום זאַמד־ברעג. ער האָט איר אַ דערשטוינטער נאָכגעקוקט. דער דינער סילועט איז זיך געמיטלעך אַריין אין וואַסער, און מיט גרויסע באַוועגונגען זיך דערווייטערט. באַלד האָט מען מער נישט

געזעצן, ווי איין באַוועגלעכן פונקט: דאָס רויטע בלימעלע פון קאָפּ-מיצל.

אַרבעל האָט, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, זיך צוריק אויסגעצויגן. ענדלעך האָט זי, דרייענדיק מיטן קאָפּ, איבערגעריסן די שטילקייט:

— איך מוז אייך מאַכן אַ קאָמפּלימענט, צוליב אייער האַנדלונג...

זיכער, אַז ספּי קאָן זיי מער נישט זען און אונטערהערן, האָט ער צוריק באַקומען זיין רואיקייט. זיין געשלאָגענע אייגנליבע האָט זיך פאַרענטפערט:

—איך בין זייער צופרידן פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען. אַזוי-אַרום איז די לאַגע קלאָר. אויב איר ווילט, וועלן מיר עסן מיטאָג ביי אייך אין צימער. און היינט נאָכמיטאָג וועלן מיר אַוועקפאָרן ערגעץ אַנדערש.

— אַ! אַזוי! איר ווייסט, אַז איך ברויך אַסך געלט?... איר זענט רייך?...

— איך פאַרדין אויף מיין לעבן.

— מיין לעבן ברויכט אַ הונדערט און צוואַנציק טויזנט.

— ווען מען האָט זיך ליב, באַנוגנט מען זיך מיט ווייניקער. אַרבעל, איך וויל אייך האָבן נאָך היינט ביינאַכט.

— גוט. דאָס קאָסט איצט פיר הונדערט דאָלאַר.

— ער האָט איר אָנגעקוקט אַ פאַרשטיינערטער. זי האָט צוגעגעבן:

— און פאָרויס באַצאָלט.

זי האָט זיך אויסגעצויגן, אַ גענעץ געטון און דער נאָך מיט אַ פלינקע באַוועגונג זיך געפונען שטייענדיק פּנים אל פּנים מיט אים. ער האָט דעם פּאַטש באַקומען אין סאַמע פּנים און האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— איר ליבט מיך שוין נישט מער?

דאָס מאָל האָט זי צונויפגעצויגן די ברעמען:

— צי האָב איך אייך דען ווען געזאָגט, אַז איך ליב אייך?..

ער האָט נאָכגעקוקט די באַוועגונגען פון אירע ליפּן (פון

וועלכע ער האָט ערשט נעכטן איינגעזאַפּט אין זיך זייער ריח), פון וואַנען עס איז איצט אַרויס די דערשלאָגנדיקע ווערטער...

-- ס׳איז געווען אַזוי גוט, ווי געזאָגט! —האָט ער געמורמלט.

דער שמייכל, וואָס האָט אים די גאַנצע צייט אַזוי פאַר־כישופט, האָט איצט אויסגעפלאַצט אין אַ געלעכטער.

— איך האָב נישט ליב, נישט קיין פּיסקעוואַטע און נישט קיין שוטים. אַלזאָ, מיט ספק זענט איר געווען דאָס ערשטע און מיט מיר דאָס צווייטע...

— אַרבעל!

— איך ווייס נישט, ווי אַלט איר זענט. נאָר יעדנפאַל איין זאַך איז זיכער, איר זענט פון אַן עלטערע דאַטע, מיין אַלטיטשקער!... (ער האָט געהערט מיט אַן אָפן מויל)... זיך שפּילן אין ליבע מיט אַ חבר, וואָס ער געפעלט מיר, דאָס יאָ! דערפילן באַלד אַן אמתדיק געפיל צום ערשטן בעסטן הער, ניין. איך קאָן נישט פאַרשווענדן קיין צייט דערויף.

— פאַרוואָס-זשע האָט איר מיך געברענגט צו אַזאַ מדרגה?

— דאָס האָט איר מיך קאָמפּראָמעטירט! (זי האָט גע־הויבן מיט די אַקסלען)... אָנשטאָט אַרומצוגיין און אַזוי נאַריש זיפצן, אַז אַלע זאָלן עס זעען און נאָכקוקן, וואָלט איר בעסער פּראָסט פּשוט אַריינגעקומען צו מיר אין בעט... דאַמאָלס וואָלט עס אייך גאָרנישט געקאָסט...

ער האָט פּרובירט צו זיין ציניש:

— איך האָב גערעכנט, אַז דאָס פּלאַץ איז פאַרנומען!

— איך בין געווען אַליין און געוואַרט אויף אייך. אין איין נאַכט וואָלט אַלץ געוואָרן דערליידיקט. מיין געליבטער וועט שוין איינמאָל לאַכן, ווען איך וועל אים דערציילן, אַז אין די גאַנצע צייט פון אונזער צעשיידונג האָב איך נישט מער גע־האַט, ווי אַ פּלאַטאָנישן זיפצער.

זיך שטיקנדיק, האָט ער אויסגערופן:

— אייער געליבטער!... און איר וועט דערציילן...

— אַלץ, מיין טייערע.

— אַזוי !... אַזוי !... (ער האָט איבערגעחזרט, אַזו ווי ווילנדיק זיך איבערצייגן אין דעם, וואָס ער האָט געהערט) איר האָט אַ געליבטן...

— איר האָט דאָך אויך אַ געליבטע!

די באַמערקונג האָט פּלוצלינג אין אים אויפגעוועקט די גאַנצע אומרואיקייט, פאַרגרעסערט נאָך פון די דערנידערונגען... ס'מויל האָט זיך אים אָנגעפילט מיט אַ ביטערניש, דער שטראַלנדער פרימאָרגן, וואָס האָט אים פאַרשאַפן אַזוי פיל פרייד, איז איצט מער נישט געווען, ווי אַ שוואַרצער תוהו־ובוהו. די זון האָט אים געברענט מיט אַן אומדערטרעגלעכע היץ, ס'איז פאַר אים דערשינען דאָס העסלעכקייט פון די מענטשן און פון זאַכן... די אָפּשפּיגלונג פון אים אַליין... די פּליאַזשע? אַן עיפּושדיקער הויפן און די קליינלעכע, חושכדיקע בירגער מיט זייער קליינוואַרג!..

אַ שפּילצייג ביי אַ פּראָסטיטוטקע! האָט ער זיך געקענט אויף אַזוי פיל אַ טעות האָבן!.. ער האָט געזוכט עפּעס אַ פּראָזע, וואָס זאָל אים געבן די מעגלעכקייטן אָוועקצוגיין. פּונקט אין דעם מאָמענט האָט זיך באַוויזן און דערנענטערט דער פירדיקער געשפּאַן, — די מענער דובלע און קאָרסאַקאָוו הינטן, און זייערע ווייבער פאָרויס... ער האָט זיך דערשפּירט איינזאַם, פאַרצווייפלט איינזאַם, אויסהערנדיק, ווי דורך אַ געדיכטן נעפּל דאָס חוזקן פון אַרבעל:

— מען דאַרף געהערן צו זיין צייט. דאָס לעבן איז פאַר מיר דער סיסטעם D. פאַרגעניגן און געשעפט!... ווענוס און מערקור, אָט אונטער וועלכן צייכן איך גיי מיט די פרויען פון מיין דור... פונדעסטוועגן אָן אייער ראָמאַנטיזם וואָלט איר געקענט זיין אַ גוט פערדל צום טוישן, ביז איך וואָלט נישט צוריק געפונען מיין וועג־חבר. איך יאָג אייך אַריבער? איך בעט אייך טויזנט מאָל מחילה. אונזער דעוויז, מיינער און מיין חברס, איז: גלייכגעוויכט פון קערפּער, מער ווילן צו דערגרייכן, גלייכער דערפאָלג... אָט ווער ס'זענען אונזערע פריינט. איך האַלט אייך מער נישט אויף.

ער האָט זיך אַרויסגעשאַרט. זי האָט אָנגעטון דעם פּענ־יואַר און באַגריסט מיט אַ „Goold walking dear"*) די קליינע דובלע, וועלכע אָנגעטון ווייניקער ווי אין דער העלפט, האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער רוסישע פרוי און מיט אַ פאַרליבטע מינע, זיך באַוועגנדיק, ווי אַ טאַנצנדיקער שטעקן... זיך דער־נענטערט.

— מען ווערט דערשטיקט! — האָט זי געקרעכצט. — עס פאַרנעמט זיך אויף אַ שטורעם, נישט אמת, אַניושקאַ.

די קאָרסאַקאָוו האָט באַשטעטיקט מיט אַ נערוועזן שמייכל.

נאָר הער דובלע. קנייטשנדיק מיט דעם שטערן, האָט איבערגעשפּאַרט.

**— ניין, עס גרייט זיך גאָר אַ סוראַ, נישט אמת, סערגעי?**

סערגעי האָט באַשטעטיקט מיטן קאָפּ.

— אויב אַזוי, — האָט אַרבעל אויסגעפירט, — אַזוי ווי איר האָט בכלל שטענדיק אַ טעות, וועלן מיר זיכער האָבן אַ שיין וועטער.

*) אנגענעמער שפּאַציר, טייערע.

# V

שווימענדיק מעכאַניש צום אָפענעם ים, האָט ספּי פּרובירט אַריינצוברענגען אַן אָרדענונג אין אירע געדאַנקען: מאַכן אַ קלאָרן חשבון-הנפש!...

אַלעקסאַנדערן האָט זי מער נישט געליבט.

דאָס פעסטגעשטעלטע האָט נישט אַרויסגערופן קיין שום ווייטיק, פאַרקערט נאָך אַ געוויסע פאַרלייכטערונג אפילו, עס האָבן זיך באַרויקט די קעגנזעצלעכע געפילן, וואָס האָבן פונאַנדערגעטיילט דעם גייסט פון האַרץ: דער צערייצטער שטאָלץ דורך דעם געמיינקייט פון אַוועקוואַרפן, — מיט איין מאַך מיט דער האַנט, צוליב אַ קאַפּריז פון איין שעה, מקריב געווען אַזוי פיל יאָרן פון טריישאַפט און איבערגעגעבנקייט! — ווי אויך די חרפה צוליב דעם אַליין באַגאַנגענעם פעלער. פאַלש איז געווען דער מענטש, וועלכן זי האָט נאָך אַזוי פיל אומגליקן און שרעקלעכע איבערלעבענישן אויסגעוויילט, באַטראַכט פאַר אַ העלפט פון זיך אַליין, פון איר אַבסאָלוטן דראַנג צו דערגרייכן, דורך אַ קאָנצענטרירונג פון איר גאַנץ וועזן, צו דעם שפּיץ, וואו עס איז נאָר פאַראַן געמיינזאַמעס, ריינקייט, פרייד... אייביקע מעגלעכקייט! געטלעכקייט פון דער מענטשלעכער נשמה!... וויפל מאָל האָט אַלעקסאַנדער פאַרניכטעט אין איר די בעסטע האָפענונגען און אַזוי ביז דער לעצטער ענדגילטיקער אַנטוישונג?...

צום גליק איז דאָס אַלץ שוין געענדיקט!

וואַרפנדיק פּאַרויס איין האַנט נאָך דער אַנדערער, באַגלייט פון ענלעכע רעגולערע באַוועגונגען מיט די פיס, האָט זי זיך געקוויקט מיט דער באַרואיקונג פון די אויפפרישנדיקע קורצע כוואַליעס, וועלכע זי האָט ענערגיש דורכגעשניטן. זי האָט זיך געוויגט, נישט ווייט פון די ברעגן, אונטערן שאָטן פון די פעלזן, וועלכע האָבן בײַ דער ווייטקייט, וואָס זי האָט דערגרייכט, נאָך געהערט צו די, וואָס רינגלען אַרום די פּליאַזשע.

שווימענדיק, האָט זי נאָכן פאַרענדיקן מיטן נעכטן, אויסגעאַרבעט פּלענער אויפן מאָרגן. קודם כּל, אַ קורץ זעען זיך, כּדי צוזאַמען אָנצונעמען די לעצטע באַשלוסן... אַ סוף צום וואַקאַנס! זי וועט נאָך היינט בײַנאַכט אַוועקפאָרן, בלייבן אין דער וואוינונג ביז די טריבונאַלן וועלן ווידער אָנהויבן פונקציאָנירן, (אַלעקסאַנדער אַליין דאַרף נישט קומען פריער קיין פּאַריז...) אונטער דער צייט וועט זי האָבן געפינען אַ גוטן פאַמיליען-פּענסיאָן, און אָן אָרט וואו צו באַהאַלטן די זאַכן, וואָס געהערן צו איר. אַזוי-אַרום וועט זי זיך קענען רואיק זוכן אַ נייע דירה... וואָס אַמבאַלאַנגט אַ באַשעפטיקונג, וואָלט עס געווען צום טייוול, אויב זי וואָלט נישט געקענט, אַדאַנק קעריוואַאיאַלן נישט אַריינקריגן זיך ערגעץ אין די מעדיציניש קרייזן... „און איצט מײַנע אַרטיקלען... מען דאַרף נאָר שרייבן צוויי מאָל אַזוי פיל, דאָס איז עס אינגאַנצן..." מיט דעם וואָס איז איר געבליבן פון טויף-פּאָטער קען זי וואַרטן, זען וואָס ס'וועט זיך מאַכן...

אַ באַרואיקטע קוויקט זי זיך נאָך מער מיט די פיזישע פרייד, וואָס עס פאַרשאַפן איר שטענדיק די ים-איינדרוקן. זי האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער פּלייצע, אומבאַוועגלעך אין דער באַוועגלעכקייט פון וואַסער און ליבלעך זיך צוגעטוליעט צו דער אומגעהייערער טיפער שיכט... אַ וויגנדיק בעט, וועלכעס האָט איר אַזוי לייכט געטראָגן, אַז קיין שום האַנט פון אַ פאַרליבטן וואָלט איר נישט געקענט אַזוי דעליקאַט גלעטן... דערנאָך האָט

זי זיך ווידער ווי אַ פויגל אַ לאָז געטון פריילעך פליען צום אָקעאַן.

ביי יעדן צווייטן מעטער שווימען האָט זי זיך אויסגעצייגן און מיט מער קראַפט זיך ווייטער געוואָרפן. אַ מין שיכּרות האָט איר אַרומגענומען, נישט אַנצוווירן מער קיין ערד, צו צעשפּרייטן אירע פרייע באַוועגונגען, אַז איר נשמה און קערפּער זאָלן זיך מער אָן קיין שום זאַך נישט אָנשלאָגן! ים און הימל האָבן זיך אין זייער גאַנצע פולקייט צונויפגעגאָסן אין איר און איר אָנגעפילט מיט אַן אומפאַרגלייכבאַרן תענוג.

צוויי ים־פייגל זענען, שרייענדיק, פאַרבייגעפלויגן איבער איר קאָפּ. זיי זענען געווען אַזוי נאָענט, אַז איר שוימיק פּנים פון די זיך שפּאַלטנדיקע כוואַליעס האָבן געפילט דעם ווינט פון זייערע פליגל. זי קוקט זיי נאָך אויפן ברויזנדן ים, וועמענס אומאַרמונג הייבט איר שוין צופיל אָן צו דריקן. גלייכצייטיק ווערט איר בליק פאַראומעטיקט, זי טראַכט פון איר טויף־פאָטער, וועלכער האָט אַזוי ליב געהאַט די ווייסע פייגל... אָפטמאָל האָבן זיי אין מאַרסעל שפּאַצירט נאָכן נאַכט־עסן ביים ברעג, ביזן פּאַרק באָרעל. יעדעס מאָל פלעגן זיי זיך זעצן אויפן זעלבן פאַראַפּעט, דאָרט, וואו די ים פייגל־זענען זיך אין דער צעפאַלנדיקער נאַכט צוזאַמענגעפלויגן אין זייער געוויינלעכן קרייז...

טייערער טויף־פאָטער, ווי וואָלט ער זיך היינט מיט איר דערפרייט!... דאָס בילד פון פאַרשטאָרבענעם איז אין איר זיכּרון אַזוי דייטלעך, פּלוצלינג אַזוי לעבעדיק, אַזוי ווי אין זייַנע לעצטע טעג, ווען ספק האָט זיין געשטאַלט איינגעזאַפּט אין זיך, גלייך זי וואָלט אים געוואָלט איינקריצן, פאַרמאַכן אין זיך איידער ער הויכט אויס דעם לעצטן אָטעם...

— ווי ווייט איך בין!

זי האָט דאָס געזאָגט הויך אויפן קול, וואַרפנדיק אַ בליק אויף די פעלזן־שטיינער. אַ פאַרטראַכטער אין אירע געדאַנקען האָט זי נישט געפילט, ווי דאָס אָפּפליסנדיקע וואַסער פאַרטראָגט איר... די ווינט־שטראָמען. וועד ווייסט, אויב... פון שפּיץ פון

קערפאנהיר ביזן שפיץ פון פאַן-פעניק וואו זיי שליסן זיך צו-נויף שלענגלען זיך זייערע מאָנסטערדיקע אַרטעריעס, פאַרגיסנ-דיק צוזאַמען מיט די נידעריקע מאַרעס די וואַסערן פון מאַר-ביהאַן, אויסשפרייטנדיק זיך איבער דעם צוגאַנג צום פּאָרט. אין זייער נישט איינגעהאַלטענעם געלויף, אין זייער געברויז, וואָס איז פול מיט קעגנגעזעצטע שטראָמען, מיט רייסנדיקע שטו-רעמס, ווילד-דרייענדיקע קעסלען... ס'איז אַ פּאַנג-נעץ דער טויט!

מיטאַמאָל גיט זיך ספּי אָפּ רעכענונג וועגן דער געפאַר. און אָנשפאַרנדיק איר בליק אויף דעם אַרויסגערוקטן ברעג פון פּעטי-מאָנט, ריכטעט זי זיך קיין קערקועדאַ, וועמענס אָפּגעזונ-דערט הייזל אויף דער פלאַכקייט, וואָס איז איבער פּאַן-פּעניק, ווייזט איר אָן די פליאַזשע. ס'האַרץ קלאַפּט איר שנעלער, זי שווימט נערוועזערהייט...

די כוואַליעס דרענגען זיך צונויף אין אַלע ריכטונגען, אָנשטאָט אויפצוהויבן זיך ווי ביז איצט און צוריק אַראָפּצופאַלן מיט דעם רעגולערן ריטם, וועלכן איר פּעטער האָט אָנגערופן דאָס אָטעמען פון ים. דער צפון-ווינט, וואָס שטאַרקט זיך, שמייסט מיט זיין אימפּעט די וואַסערן, וואָס ווערן צעווילדעוועט... מען דאַרף נאָר זען צו בלייבן קאַלטבלוטיק; אין אַפּאָר מינוט אַרום וועט זי שוין צוריק דערגרייכן דאָס זיכערע וואַסער.. ניין! דער שטראָם פאַרכאַפּט זי... דרייסטער! זי שטרענגט אָן אַלע כוחות, אויף וועלכע זי איז נאָר פעאיק... אומזיסט. די ערד דערווי-טערט זיך.

אינסטינקטיוו, שרייט זי דאַמאָלס „טויף-פּאָטער!...” אַזוי ווי אַ פאָרהאַנג וואָלט זיך צעריסן, ווערט איר פאַרנעפּלטער זיכרון באַלויכטן, דער מעכאַניזם פונקציאָנירט... „איך וועל צו-ריקקומען, ווען מען וועט עס דאַרפן” האָט איר דער פּעטער גע-זאָגט די לעצטע צייט. זי דערמאָנט זיך איצט אין אַלע זיינע רייד: „דער טויט איז נישט קיין נישט-זיין, נאָר אַ טראַנספּאָר-מאַציע...” אויך די באַמערקונגען, וואָס זי פלעגט אים מאַכן: אויב, אָבער, אונזער טויט איז אַזעלכער ווי דער טויט פון

דעם וואָרם, ווענעמס ווייבלעכער מין פאַרוואַנדלט אין אַ שמעטערלינג, צי גלויבסטו באמת, אַז אויפכאַפנדיק זיך אין אַן אַנדער לעבן, דערהאַלטן מיר אין זיך דעם זיכרון פון דעם, וואָס מיר זענען פריער געווען?... זי זעט זיין פיינעם שמייכל: „דערלויב אונז די השערה, אַז אַלס לעבעדיקע פאַרמאָגן מיר מער אינטעליגענץ, ווי אַ וואָרם, און אַלס פאַרשטאָרבענע, מער זיכרון ווי אַ שמעטערלינג!..."

אַ משוגעת! ווי זינלאָז זי איז געווען!.. ווי אַזוי איז איר גאָרנישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, זעענדיק צוויי מאָל אַראָפּפאַלן איר האַנט-בייטל אויף דער ערד, אָן שום סיבה, אַז דאָס איז געווען דער צייכן, וואָס מען האָט פריער אָפּגערעדט?... „צום בעסטן, איז דיין בייטל!... אַ פרוי צעשיידט זיך קיינמאָל נישט מיט דעם וואָס איר איז נייטיק צום פודערן און זיך צו שפיגלען, די דאָזיקע זאַכן געפינען זיך אין האַנט-בייטל... אַז איך וועל אים צוויי מאָל אַראָפּוואַרפן אויף דער ערד, וועל איך דיר צו וויסן טון, אַז עס איז פאַראַן אַ סכנה..." און דאָס אַראָפּפאַלן פון באָד-קאָסטיום, דער ריס אין אים, דאָס אַלץ האָט דאָך איר געבראויכט געבן צו פאַרשטיין!...

די אויפבליצנדע רעוועלאַציע, די אָנהאַלטונג, וואָס זי ברענגט איר, דאָס געפיל, אַז זי איז שוין נישט מער אַליין אויף צו קעמפן קעגן איר גורל, די זיכערקייט, אַז די נשמה פון פאַרשטאָרבענעם פאַרגרעסערט איר ענערגיע; דאָס אַלץ גיט איר ענדלעך צוריק דעם מוט... דער טויט, קעגן וועלכן איר גאַנצע יוגנט בונטעוועט זיך, דער טויט, וועלכער איז נאָכנישט דער נאַרישער סוף פון אַלץ, און ווען ער זאָל עס אַפילו יאָ זיין, איז ער נאָך נישט פאַרטיק זי צו האָבן, זי האָט שוין מער נישט פאַר אים קיין מורא... זי קעמפט מיט איר גאַנצע ענערגיע קעגן די פיינטלעכע כוחות, וואָס ווילן זי פאַרשלעפּן, אויב זי וועט שוואַכער ווערן...

וויפל מאָל האָט זי פון דער הויכקייט פון קערקוועדאָ געקוקט אויף דעם דאָזיקן ווינט-שטראָם, וועלכער זעט אויס, אין אַ רואיקן פאַרנאַכט, ביים זון-אונטערגאַנג, ווי אַ קליינער

קאַנאַל, וואָס ווערט איינגעקוועטשט פון אַ טייך, וועלכער פליסט גיך און ראַשיק איבער פאַרפלייצטע פעלדער. ער איז ביי אַ קילאָמעטער ווייט פון דער פליאַזשע...

זי איז פאַרבייגעשוואומען פעטי-מאַן, זיך דערנענטערט צום אויסגוס פון קראַעסטו, אין וועמענס טיפקייט זי האָט אַפילו באַמערקט די אָפשפיגלונג פון די גלאָקן פון אַרזאָן, און געטראַכט וועגן זיין שיינעם בית-עלמין לעבן דער קירכע... נאָכנישט דאָרט האָט זי געוואָלט שלאָפן! מיט אַ היציקער האָפענונג האָט זי געביטן די ריכטונג... די אָפגרונדן האָבן אויסגעשפּרייט זייערע איינדרוקספולע און סודותדיקע קעניגרייכן פון געוויקסן און חיות. אויפגעגעסן צו ווערן דורך די לעצטע איז אויך נישט קיין געשמאַקע זאַך!...

זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי. אַ חיה האָט זיך אַרומגעוויקלט אַרום איר לינקן אָרעם; מיט שוידער טרייסלט זי עס אינסטינקטיוו אָפּ פון זיך... זי אָטעמט אָפּ, ס'איז גאָר שווימענדיק גראָז. איר האַרץ קלאַפּט גיכער. זי שטייפט אָן דעם רוקן, דריקט צונויף די קינבאַקן און גיט זיך אַ וואָרף, אַלע מוסקולן אָנגעשטרענגט, קעגן אָט דעם באַוועגלעכן צוים דורך וועלכן עס געלינגט איר נישט איבערצושווימען... עס פּלאָנטערט זיך איר דאָס גראָז אויך אַרום די פיס! אָ! וואָלט דאָס כאָטש געווען אַ שטיק האָלץ, אַ ברעט אויף וועלכן מען זאָל זיך קענען האַלטן, איבערכאַפּן דעם אָטעם!.. אַ שטאַרקע כוואַליע האָט איר אַ שלאָג געטון, זי איז צעמישט געוואָרן. זי האָט געטרונקען. דאָס גראָז אַרום איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

„טויף-פאָטער! טויף-פאָטער, ראַטעווע מיך!” דאָס געבעט האָט אַרויסגעשפּראָצט פון די העכסטע אימה, וואָס האָט זי אַדורכגענומען... די שרעק האָט זי אינגאַנצן באַהערשט, מאַכט זי משוגע, פאַראַליזירט איר... מיטן פּנים געווענדעט צו דער אומזעבאַרער ערד זעט זי אויס, ווי די מורא אַליין, וואָס הילכט: „ראַטעוועט!” זי פאָכעט מיט איין האַנט, דערנאָך מיט דער צווייטער... „דער שטראָם פאַרשלעפּט מיך!...” זי וואַגט שוין נישט מער אַראָפּצוקוקן צום אַפּגרונט, וואָס שלעפּט זי צו זיך.

ס'דאַכט זיך איר, אַז פֿון קערקוועדאָ האָט אַ קול איר געענטפֿערט... מען וועט קומען צו שפּעט... זי האָט געוואָלט באַהערשן איר פּאַניק, איין וואָרט קלינגט ווי אַ גלאָק אין איר ליידיקן מוח: אַ שט—ו—ת, אַ שט—ו—ת.

דאָס רעזומירט אַלץ; די ברוטאַליטעט, דאָס אומזיניקייט פֿון דער אַוואַנטורע... די פּאַטאַלע שוואַכקייט, וואָס גנבעט זיך ביסלעכווייז אין איר אַריין, וואָס ערשעפּט איר, די קעלט, וואָס נעמט איר אַרום; „טויף-פּאָטער! פֿאַרלאָז מיך נישט!"

ווי לאַנג שווימט זי אַזוי אויף דעם ווילדן שטראָם, ווי אַ בלאַט אויפֿן ווינט? זי ווייסט נישט. דער אָטעם ווערט קור-צער. די הענט עפֿענען זיך, ווי אָנצוקלאַמערן זיך אָן די שווי-מיקע מאַסע. זי ציטערט, כאַטש דער קאָפּ גליט, ווי אַ פֿייער. די פֿיס האָבן שוין נישט מער קיין כּוח צו מאַכן די האָריזאָנ-טאַלע באַוועגונגען, לאָזן זיך אַראָפּ. באַלד וועט זי אינגאַנצן פֿאַרלירן דעם ווידערשטאַנדס-קראַפֿט, אויסצומיידן דעם שטורמיקן קעפּל, וואָס לאָקערט אויף איר, וויל איר איינשלינגען.

מיט אַ פֿאַרצווייפֿלטן שפּרונג דרייט זי זיך אום אויף דער פּלייצע... „זיך לאָזן פֿאַרטראָגן אָן באַוועגונגען, ווי אַ רו-דערלאָזע שיף—איז איצט די איינציקע האָפֿענונג אויף הילף..." אָ, אַ נס! ס'זעט זיך דאָרט ווייט אַ זעגלבוים!...

זי לאָזט אַרויס אַ האַרצרייסנדיקן הילפֿס-רוף, דערנאָך פֿאַרמאַכט זי ס'מויל, אָטעמט מיט דער נאָז, און איין-איינציקער געדאַנק לעבט אין איר; שווימען אַזוי לאַנג, ביז... דער זעגל-בוים איז פֿאַרשוואונדן.

ספֿי לאָזט אַרויס ווערטער אָן שום צוזאַמענהאַנג, איין מאָמענט כאַפּט זי זיך אָן ווי אָן אַ שטריק, ביי דעם געדאַנק פֿון איר טויף-פּאָטער... פֿאַרוואָס ראַטעוועט ער נישט איר? פֿאַר-וואָס פֿילט זי נישט מער, ווי אָן איבערמענטשלעכע אונטערשטי-צונג זיין שטאַרקנדיקע אָנוועזנהייט?... איינזאַם איז זי אויף דעם ריזיקן פֿאַררעטערישן בעט, וואָס האָט איר ערשט נישט לאַנג אַזוי געוויגט, און וואָס איז איצט אַ קבֿרדיקער אָפּגרונט,

וועלכער וועט אין אַ מינוט אַרום זיך צעברעכן אונטער איר, און זי פֿאַרדעקן מיט זיין שרעקלעכן שלייער.

זי לאָזט נאָך אַרויס אַ געשריי, אויף וועלכן איר דאַכט זיך, אַז אַנדערע האָבן געענטפֿערט... זי גלייכט זיך אויס, קוקט זיך אַרום. גאָרנישט. אַ גערויש פֿון אַ מאָטאָר?... ס'איז בלויז איר בלוט, וואָס קלאַפּט אין די ווענטלעך פֿון איר האַרץ. איינ־קאַלטע נאָדלען שטעכן איר. אַ קראַמפּהאַפֿטער ווייטיק בינדט איר די מוסקולן פֿון די הענט און פֿיס... קיין שום זאַך וועט איר נישט ראַטעווען, נישט איר טויף־פֿאָטער, נישט קיין שום אַנדערער. זי וועט פֿאַרפֿוילט ווערן אין דעם גרינעם וואַסער... דאָך בלאָנדזשעט נאָך אין אירע ווילדע אויגן אַן אינערלעכער געבעט, אַ פֿונק פֿון אַ לעבן, וואָס וויל זיך נישט אויסלעשן... „ראַטעוועט!" צווישן איין רוף און דעם אַנדערן באַהערשט איר אַ געדאַנק: „אַלעקסאַנדער וועט דאָס אָננעמען פֿאַר אַ זעלבסטמאָרד: ס'איז זייער נאַריש... נאַריש..."

די פֿאַרגליווערונג האָט איר אינגאַנצן באַהערשט, זי האָט שוין אַפֿילו נישט די פֿעאיקייט נאָכצוגיין אירע געדאַנקען וואו טויזנטער בילדער פֿון דער פֿאַרגאַנגנהייט, וואָס זינקט איין, צעשפּרייטן זיך, ווי אַ בוקעט פֿון פֿייערווערק... דאָס וואַסער, וואָס פֿאַרכאַפּט אירע לונגען, שטיקט איר... זי פֿילט זיך ווי אַ שמאַטע, וואָס זאַפּט איין אין זיך ס'וואַסער, און וועט באַלד אַראָפּשווערן, אַראָפּ... זי וואָלט וועלן נאָך אַ לעצט מאָל אָפּעטעמען... אַ שטילקייט פֿון מענטשן איז אַרום און אַרום.

בלויז דער ים אַליין זינגט זיינע אייביקע וויג־לידער, זיין ליד פֿון טויט, וואָס קלינגט אַלץ נענטער, וואָס אַמאָל שטאַרקער אין די אויערן פֿון ספּי, וועלכע גיט זיך אונטער אַ באַזיגטע...

— מושיק! מיר קומען!

מאַריאָ האָט די ערשטע דערזעען אויפֿן ים דעם קליינעם רויטן פּונקט. דאָס קאָפּ־מיצל פֿון ספּי, ווען דער שטראָם האָט פֿאַרכאַפּט.

— ס'זעט אויס ווי אַ רעטונגס־גאַרטל, — האָט הוגו געזאָגט.

נאָר אָנשטעלנדיק די לאָרנעטע, האָט איווע באַזעלעק אויסגעשריגן:

— איינער טרינקט זיך!

— און וועלכער רופט. — האָט מאָריס געזאָגט. — איך האָב געזעען, ווי אַ האַנט האָט געפּאָכעט... נעם זיך צום רו־דער, הוגו! גלייך פאָרויס... שנעלער, אין גאָטס נאָמען!

לע גערן האָט אַכטונג געגעבן ווי דער „לוטען" האָט זיך מיט אַ פּלוצלינגן אימפּעט אַ וואָרף געטון אין דער ריכטונג, וואו דאָס קאָפּ-מיצל איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

— איצט האַלט איין, הוגו! דאָ סטאָפּ!...

און איידער נאָך פּאָרניע האָט באַוויזן איינצוהאַלטן די שיף איז שוין דער אינזשעניער מיט אַן אַקראָבאַטישן שפּרונג, ביי הילכיקע געשרייען פון מאַריאַ, געווען פאַרזונקען אין וואַ־סער... נאָך אייניקע לאַנגע, לאַנגע סעקונדן האָט ער זיך צוריק באַוויזן, שלעפּנדיק ביי דעם צעריסענעם באַד-קאָסטיום אַ פאַר־שטייפטן קערפּער, וועלכער איז געווען אָפּגעדעקט פון די היפּן ביז דער ברוסט.

איווע באַזעלעק און מאַריאַ האָבן אָנגעכאַפּט, וואו זיי האָבן נאָר געקענט, די פאַרהלשטע ספּי, און האָבן איר נישט אָן שוועריקייטן אַרויפגעשלעפּט און אויסגעצויגן אויפן דעק. מאָריס איז מיט איין שפּרינג צוריק געווען אויפן שיף.

— אַ נישקשהדיקער פאַנג! — האָט ער קאָנסטאַטירט, אַריבערבייגנדיק זיך איבער דעם פּנים מיט די פאַרמאַכטע אויגן.

און מיט רחמנות האָט ער איר גענומען מינטערן. אַ זיפץ האָט אינגיכן אונטערגעהויבן די יונגע ברוסט. די ברעמען האָבן אָנגעהויבן ציטערן.

ספּי איז אומבאַוואוסטזיניק ווידער געבוירן געוואָרן.

# VI

— ווילסט אפשר אַרויסטראָגן די טאָץ אין קאָרידאָר אויפן טיש, ווייל די דינסט קומט נישט אַריין?

אַלעקסאַנדער האָט אַ פּאַרטראַכטער זיך אויפגעשטעלט.

— ביסט זיכער, אַז דו האָסט געקלונגען?

— עטלעכע מאָל. עס קען נישט זיין, אַז די דינסטצייט אין רעסטאָראַן זאָל שוין זיין געענדיקט...

ער נעמט צונויף די טעלער, לעפל, פלעשער און נישט זאָגנדיק קיין וואָרט גייט ער דערמיט אַרויס אין דרויסן.

ווען ער קומט צוריק איז שוין ספּי געלעגן אויסגעצויגן אויפן בעט און זיך צורעכט געמאַכט דאָס קישן אונטערן קאָפּ.

— אַ דאַנק. דאָס שלעכטע באַדינען רעגט מיך אויף.

ער שלעפּט צו אַ פאָטעל, זעצט זיך אַוועק לעבן איר און קוקט טרויעריק אויפן איידעלן פּנים, אויפן שלאַנקן קערפּער, אָנגעטון אין אַ קורץ קלייד, וועמענס ווייסקייט שלאָגט אַזוי שיין אָפּ אויף די גאָלד-קאָלירטע, נאַקעטע הענט און פיס.

ס'איז דאָס ערשטע מאָל נאָך איר טרינקען זיך, ווי זי איז אויפגעשטאַנען צום פרישטיק. זי וואָלט אַפילו געקענט אַראָפּ-גיין פרישטיקן אין אַלגעמיינעם שפּייזע-זאַל, נאָר אַזוי לאַנג ווי אַלעקסאַנדער איז נאָך דאָ, וויל זי זיך נישט ווייזן עפנטלעך

מיט אים צוזאַמען. דאָס וואָלט געווען דער ערשטער טריט פון אַ לפנימדיקן אויסגלייך, אויב נישט גאָר פון אַ מחילה... זי וועט אָבער נישט מוחל זיין.

אַזוי ווי ער האָט דורכאויס געבעטן, אַז זיי זאָלן היינט נאָך צוזאַמען עסן אין זייער צימער, האָט זי אים מודיע געווען איר באַשלוס: צוליב דעם, וואָס זי איז נאָך צו שוואַך צו קע-נען אַוועקפאָרן די ערשטע, וועט ער נאָך היינט ביינאַכט אָפּ-פאָרן קיין פּאַריז. עטינעט, צו וועמען זי האָט שוין געשריבן, וועט באַזאָרגן אירע זאַכן און אַלץ, וואָס זי האָט בירושה פון פּעטער, אין אַ מעבל-אויפהאַלטונג-הויז.

ער ווישט אָפּ מיט אַ ציטעריקע האַנט זיין נאַסן שטערן און מיט עקשנות הייבט ער ער ווידער אָן דעם אָנגריף:

— איצט ווייסטו שוין אַלץ, וואָס איך דענק. אויב דו...

זי האָט אים איבערגעשלאָגן:

— דאָס, וואָס דו דענקסט איז מיר גלייכגילטיק. פון איצט אָן אינטערעסירט מיך נאָר איין זאַך: מיין פרייהייט. אין די עטלעכע טעג, וואָס איך בין געלעגן אין היץ, האָסטו מיך גע-פּלעגט מיט געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט. איך בין דיר זייער דאַנקבאַר דערפאַר. אָט בין איך צוריק געזונט. דאָס איינ-ציקע פאַרגעניגן, וואָס דו וואָלסט מיר נאָך געקענט פאַרשאַפן איז, אַז אַוועקפאָרנדיק, זאָלסטו מיט דיר מיטנעמען דיין אַרבעל.

ער האָט אויסגעמיטן איר מודה צו זיין, אַז אויך פון דער זייט האָט ער געהאַט אַן אָפּזאָג. דעריבער האָט ער געקענט מיט זיכערקייט באַשטעטיקן:

— די דאָזיקע פרוי האָט פאַר מיר קיין שום ווערט נישט. איך האָב זיך מיט איר אַפילו קיין איין מאָל מער נישט געזען, דו ווייסט עס גאַנץ גוט! מען קען אין דער אומבאַוואוסטזיניקייט פון באַגער אַרויסזאָגן אַזעלכע ווערטער, וועגן וועלכע מען קלערט גאָרנישט...

— דער מאַקסימום פון מענלעכער קראַפט איז זיך צו באַהערשן!

ער האָט באַמערקט זיין דורכפאַל און געוואָלט זיך צו־ריקכאַפּן.

— דאָס איז אַלץ נאַרישקייטן.

— נאַרישקייטן, באמת. זיי אָבער זיכער, אַז נישט בלויז צוליב דעם גיי איך פון דיר אַוועק. אויך בין איך נישט גע־גאַנגען זיך דערטרינקען צוליב ליבע־אַנטוישונג... ניין, איך האָב נאָר איינפאַך אויסגעקליבן דעם מאָמענט, ווען אַן אַנדערע פרוי איז דיר געפעלן...

ער האָט שטרענג אַ וואָרף געטון:

— זי געפעלט מיר נישט.

זי האָט רואיק פאַרגעזעצט:

— די שעה פון אונזער צעשיידונג האָט שוין פון לאַנג זיך אָנגעהויבן און אויסגעקלונגען. דיין נייע דעראָבערונג וועט דיך גיך מאַכן פאַרגעסן מיין פאַרלוסט.

איר איראָניע האָט אים דערמאָנט דעם מאָמענט, ווען פאַרלירנדיק אַרבעלן האָט ער געזען ספּי זיך דערוויטערן אויף שטענדיק, דאָס האָט אים געשניטן, ווי ריטער־שמיץ.

— די דאָזיקע געמיינע דענערין גייט מיך גאָרנישט אָן! פאַר מיינעטוועגן זאָל זי פּגרן!

ער האָט אָנגעכאַפּט אירע הענט און פּרובירט זיי קושן. זי האָט געמוזט זיך ווערן:

— נאָר אָן קאָמעדיעס, איך בעט דיך. איינס פון ביידע: אָדער ביסט געווען אויפריכטיק מיט איר, און קיין שום זאַך קען דיך פאַר מיר נישט ריינוואַשן, אָדער...

— דו ווילסט נישט פאַרשטיין, אַז איך האָב בלויז חוזק געמאַכט פון איר, דאָס איז עס געווען איגנאַנצן!

— איך וויל גאָרנישט פאַרשטיין. אַלץ איז שוין געענדיקט, רעד נישט מער דערפון.

זי קוקט אים אָן מיט אַזאַ פאַראַכטונג, אַז ער בלייבט אָן לשון. דערנאָך, מאַכנדיק זיך קוראַזש, שטעלט ער זיך אויף מיט שטאָלץ און זאָגט:

— איבעריקס, לאַנג וועט מען זי שוין נישט דאַרפן פאַר־

ליידן, היינט נאָכמיטאָג פאָרט זי אַוועק מיט די דובלעס. אַ גליקלעכע רייזע!

— דו וועסט זי צוריקגעפינען... — ער הייבט אויף די הענט צום הימל — ...איר, אָדער אַן אַנדערע. דאָס, וואָס איז געשען, איז פאַטאַל: אומפאָרזיכטיקע שאָפערן באַגעגענען שטענדיק אַ בוים, און וועלכן זיי ווערן צעהאַקט. נישט דער בוים איז פאַראַנטוואָרטלעך. ס׳איז דיין שולד, אויב דאָס מאָל האָט די קאַטאַסטראָפע דיך געטראָפן... וואַרט, וואַרט, וועסט זען, וואָס פרעדעריקאַ וועט דיר זאָגן. .

ביי דעם נאָמען פון זיין שוועסטער האָט ער אַ באַלייִדיקטער געוואָרטשעט:

— נישט מעגלעך שלעכט צו רעדן מיט די ווייבער. זיי שטיצן זיך אַלע אונטער!

ספּי האָט זיך צעלאַכט. ער האָט אַרויסגעפּלאַצט:

— דו געפינסט עס קאָמיש?

— יאָ, ביי מיין וואָרט.

אַזוי נידעריק באַהאַנדלט און אויסגעלאַכט צו ווערן האָט אים אַרויסגעבראַכט פון די כּלים. אַ קינדערישער כּעס האָט אים אויפגעטרייסלט. ער האָט אָבער געפילט, אַז סוף-כּל-סוף וועט ער זיך בלויז מער פאַרמיאוסן פאַר איר, דעריבער האָט ער מיט זיין אָריענטאַלישע בויגזאַמקייט מיטאַמאָל זיך געמאַכט הכנעהדיק. דער געדאַנק צו בלייבן איינזאַם האָט אים אויף אַ מינוט דערהויבן, צוליב זיין אייגענעם פעלער, זאָל ער האָבן פאַרניכטעט אַזאַ זעלטן געפיל, דאָס האָט אים אַזוי אויפגערעגט, אַז פאַר יעדן פּרייז וואָלט ער עס געוואָלט צוריק פאַרריכטן, פּונקט ווי אין די ערשטע צייטן, האָט זיך אים אויסגעוויזן זיין באַגער צו ספּי פאַר דעם איינציקן אויף דער וועלט. ביי זיין אויפריכטיקייט איז ער געווען כּמעט רירנדיק:

— זיי מיר מוחל! איך זאָג דיר צו ביי אונזערע הייליקסטע דערינערונג, אַז איך וועל דיר שוין מער קיינמאָל נישט פאַרשאַפן קיין עגמת-נפש, אין מיין לעבן האָב איך נאָך באמת קיינעם אַחוץ דיך נישט געליבט. מיט די אַנדערע פרויען איז

עס נאָר געווען אַ קאַפּריז, אַ משוגעת, צי קען מען דאָס נע־מען ערנסט? איך ווייס נישט, וואָס פאַר אַ שלעכטער שטן עס איז מיך באַפאַלן דאָס לעצטע מאָל... איך האָב געמוזט משוגע ווערן! נאָר דו, דו אַליין ביסט מיין אויפהאַלטונג אין לעבן, מיין שטרעבונג, מיין ליבע...

זי הערט אים אויס אָן אויפרעגונג. דער אויפבליק פון גוטן אַלעקסאַנדער, וועלכן דער שלעכטער האָט אַרויסגערופן צו הילף, קומט איר פאַר פאַרדעכטיק. זי קען שוין איצט אַלע זייטן פון דעם פאַרשוין.

— דו גלויבסט מיר נישט? דאָס איז שרעקלעך! דו ביסט מיין פאַרערונג, מיין קולט. וואָס וועט פון מיר ווערן, אויב דו פאַרלאָזט מיך? איך נייטיק מיך אין אַ בעסערן ווי איך!

— בכדי אים צו פאַרשאַפן ליידן, אַ דאַנק.

— בכדי מיר צו ווייזן דעם וועג, בכדי מיר צו העלפן בעסער זיך אויפצופירן...

— און איך נייטיק מיך אין אַלע מיינע כוחות, בכדי פאַר־צוזעצן מיין אייגענעם וועג.

— קיינער אַ חוץ מיר קען נישט אַזוי אָפּשאַצן דיין ווערט און האָבן אַזוי פיל דרך־ארץ פאַר דיין פערזענלעכקייט.

— איך לאָז מיך אויס פון דיין דרך־ארץ. איך שטרעב צו געפינען אַ ליבע אָן שום באַוואָרעניש.

— פון איצט אָן וועסטו עס האָבן...

— אפשר...

— באַשטימט!

— נישט מיט דיר, יעדנפאַלס.

— היט זיך!

— פאַר וועמען?... גענוג שוין, וואָס דו האָסט מיינע דע־רינערונגען באַשמוצט. פאַרסם־זשע נישט אונזער אָפּשייד.

ער האָט אַ מינוט זיך געוואַקלט, אַ פאַרדאגהטער זיך אויפ־געשטעלט, דערנאָך זיך אַנידערגעוואָרפן צופוסנס ביים בעט, ווייבענדיק מיטן פנים אויפן דעק, און געקרעכצט:

— איך וועל מיך פאַרבעסערן... כ׳וועל טון אַלץ וואָס

דו וועסט פאַרלאַנגען, נאָר בלייב מיט מיר!... וועסט דאָך נישט גיין צוליב אַ נאַרישקייט, וואָס איך באַדויער, צעברעכן אונזער פאַרייניקונג!

— דו אַליין האָסט עס טאָג-טעגלעך איבערגעריסן. מיט דיין לייכטזיניקייט, מיט דיינע פאַרגליסטונגען, מיט דיין פוסטקייט, מיט דיינע ליגנס...

זעענדיק, אַז זיין רויב גליטשט זיך אים אַרויס, האָט ער אַ פאַרעקשנטער אַ זאָג געטון:

— איך האָב מיך נאָך בעסער אויפגעפירט, ווי אַסך אַנדערע!

— אהאַ! אָט איז דיין ערשטער אָפנהאַרציקער געשריי! ווייל דו האָסט געהאַנדלט, ווי אַלע דורכשניטלעכע מענער, האָסטו רעכט אויף איינזעען פון דיין קרבן! פאַרוואָס נישט אויך אויף אַ שיינעם דאַנק?... דו האָסט בלויז איין זאַך פאַרגעסן: אַז די צייטן האָבן זיך געביטן. דער האַרעם איז גוט געווען ביי די טערקן, אין אַלטן מאַקעדאָניע. אין פראַנקרייך זענען פריי די פרויען, וואָס האָבן דעם קוראַזש צו ווערן זיין פריי. אַ סוף צו דעם שטענדיקן זיין אַ פּאַיאַץ ביי אייערע שטריקלעך!

— די אייפערזוכט פאַרפירט דיך.

— די אייפערזוכט? מיך?.. מען קען נאָר זיין אייפערזיכטיק צוליב אַזעלכן, וואָס איז עס ווערט.

— אויב דו גייסט פון מיר אַוועק, דערהרגע איך מיך.

— אויב ס'איז דיר אָנגענעם! דאָס וואָלט געווען דער לעצטער באַווייז פון דיין שוואַכקייט.

ער איז רויט געוואָרן און זיך ווידער אויפגעשטעלט. אַ קאַלטער כעס האָט אים אַרומגענומען. די קינבאַקן אַרויסגערוקט, די ציין צונויפגעדרוקט, דער בליק שטרענג, האָט ער אויסגעזען, ווי אַ קעמפער, וואָס גרייט זיך צו און זוכט אַרום צו באַזיגן.

— איך בין באמת צו גוט, אָנמאַכנדיק זיך בייז בלויז צוליב איין...

— איין?..

— גענוג דערמיט! איך בין איינמאָל באַגאַנגען אַ פעלער. איך וועל עס אָבער נישט טון אַ צווייט מאָל... דאָס באַליידיקן איז אויך אַ באַווייז פון שוואַכקייט. אָבער ווי ס'זאָל נישט זיין, ביסטו דערווייל מיינע, געהערסט צו מיר, אויב נישט, היט זיך!..

אַ שטאָלצע האָט זי געהויבן מיט די אַקסלען און אים נאָכגעפאָרשט מיטן בליק. „אַ גאַנץ דורכשניטלעכער, וואָס פרובירט זיך צו ענדערן. צום ערשטן מאָל זע איך אים אַזוי ווי ער איז, אַזוי ווי ער האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו זיין. דער לאַקיר האָט בלויז געדאַרפט פּלאַצן, כדי דאָס גאַנצע וועזן זאָל זיך אָפּשיילן...” ווי נישט זיכער זענען די דיאַגנאָזן... מען גלויבט לכתחילה, אַז מען קאָן אורטיילן אַ געוויסן כאַראַקטער צוליב דעם, וואָס מען האָט זיך געמאַכט אַ געוויסן אַלגעמיינעם סינטעז... אַז מען באַמערקט דעם טעות, זאָגט מען זיך: ער איז נישט אייגענער!... פונדעסטוועגן האָט ער זיך גאָרנישט געענדערט. די מעלות, וואָס מיר האָבן געזעען אין אים, זענען נאָר געווען פון זיין אויבערפלעכלעכקייט, פון אונז אַליין. און ווען צוזאַמען מיט דער אַטראַקציע עס הערט אויף דאָס געקינצלטע, פאַלן די מעלות אַוועק אין דער נישטיקייט אַזוי ווי מען בינדט אָפּ אַ מאַסקע... ווי אַ בליץ לויפן איר דורך די אַלע געדאַנקען. אַ שטילקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט צווישן זיי און ווירקט שווער.

כפי האָט זיך אויך אויפגעשטעלט און איז אינסטינקטיוו צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער. ער לייגט אַרויף זיין האַנט אויף איר שלאַנק הענטל, וועלכעס ער וואָלט איצט מיט פאַרגעניגן אויסגעדרייט, און זאָגט מיט אַן אינקוויזיטאָרישן טאָן:

— ליבסט אַ צווייטן?

זי האָט נישט אַוועקגעדרייט די אויגן, און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איר פאַרוואונדעטע נשמה האָט געהאַט ס'באַוואוסטזיין, ווי אויך דאָס באַדערפעניש קיינעם נישט צו ליבן, אין גייסט פון אַלעקסאַנדערן, האָט זי אָפּגעענטפערט, ווי אַ ווייטער אָפּקלאַנג:

— דאָס דאָזיקע גייט דיך נישט אָן.

— דערציייל מיר נישט קיין מעשיות! וועגן וועמען קלערסטו?
— וועגן מיר אַליין, שטעל דיר פֿאָר! און אין מיין לעבן איז דאָס אַזאַ נייעס, אַז דאָס אַליין געניגט מיר אין דאָזיקן מאָמענט.

אָבער גלייכצייטיק האָט זי אַ קוק געטון, ווי שפּעט ס׳איז אויף איר האַנט-זייגערל. ער האָט אַרויסגעפּלאַצט:

— דו וואַרטסט אויף וועמען. ס׳איז נישט שווער צו טרעפֿן!... אָ! אָ! דיין רעטער!

— יאָ, מיין רעטער. וואָס-זשע ווילסטו? דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער דאַרף קומען...

— צוריקקומענדיק צום בעט, האָט זי זיך אַרויפֿגעזעצט און אויסגעצויגן די פֿיס. מיט אַן אינסטינקטיווער באַוועגונג האָט זי פֿאַרדעקט די אָפּגעדעקטע קניען. ער האָט געשפּרייזט פֿון איין וואַנט צו דער אַנדערער, ווי אַ ווילדע חיה אין שטייג. זי האָט געלאָזט פֿאַלן די ווערטער:

— דו פֿאַרמאַטערסט מיך!

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט. ספּי האָט אָפּגעזיפֿצט:

— איין זאַך וואָלט איך געוואָלט, דאָס איז, אַז דו זאָלסט איצט אַוועקגיין. איך דאַרף בלייבן אַליין...

— בכדי אויפֿצונעמען דעם אַנדערן?

זי האָט אים געדראָט מיט אַ פֿינגער:

— נוץ נישט צופֿיל אויס מיין געדולד! אונזער איבעררייס— איז נישט צום ענדערן, דו הערסט — גייט קיינעם נישט אָן, נאָר מיך און דיך. אויב דו ווילסט דערהאַלטן מיין פֿריינטשאַפֿט, ראָט איך דיך צו בלייבן רואיק.

איר אויטאָריטעט, איר געזונטער חוש האָט געווירקט אויף אַלעקסאַנדערן און אים אַנטוואָפֿנט... זי האָט רעכט! און דאָס מאָל האָט ער געפֿילט, אַז אַלץ איז געענדיקט. ער האָט געמאַכט אַ רעזיגנירטן זשעסט. זעענדיק אים אַ מער רואיקערן איז ספּי געוואָרן גערירט...

— הער אויס,—זאָגט זי ווייך, — וואָס ער זאָל נישט זיין האָסטו אַ טעות וועגן מאריס לע גערן. ער איז סימפּאַטיש און איך בין אים דאַנקבאַר, דאָס איז עס אינגאַנצן. דו מעגסט מיר

גלויבן, אַז אויב ס'איז דאָ אַ קראַנקהייט פון וועלכער איך בין געהיילט, איז עס די ליבע אַלס גאַנצעס. איבריקנס, דערווייל האָב איך נאָך אַסך אַנדערע דאגות. זאָג מיר, וועלכע שעה רעכנסטו צו פאָרן ?...

— אָבער... איך ווייס נישט. היינט ביינאַכט... מאָרגן.

— וואָס פריער וועט זיין בעסער. נישט פאַראַן קיין נאַרישערס און אומנוצלעכערס, ווי פרייוויליק צו פאַרלענגערן ליידן, וואָס ברענגען קיינעם נישט קיין נוצן. אַלזאָ, אין דעם צושטאַנד אין וועלכן מיר געפינען זיך, קענען מיר זיך נאָר אָנמאַכן צרות, אפילו אַליין נישט ווילנדיק...

ער האָט באַוויזן אַ גוטן זשעסט:

— איך וועל טון אַלץ, וואָס איז אָפּהענגיק פון מיר, כדי עס אויסצומיידן.

— איך דאַנק דיר. אַזוי־אַרום וועלן מיר בלייבן פריינט.

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ פאַרצווייפלונג. וואָס האָט איר געריירט. נאָר דער געררויש פון טריט אין קאָרידאָר און אַ קלאַפּ אין טיר האָט זיי אַרויסגעריסן פון דער פאַרגאַנגענהייט און זיי צוריקגעוואָרפן צו דער קעגנוואַרט:

— אַריין. — זאָגט ספּי.

מאָריס לע גערן איז דערשינען, די הענט פאַרלייגט מיט פּעקלעך, און פריילעך אויסגערופן:

— גוט מאָרגן! איך ברענג אייך אַביסל פּרוכטן פון פּעטי־מאָן...

ער לייגט אַוועק זיין מתנה אויפן בעט, קושט גאַלאַנט די האַנט פון ספּי, דערנאָך דריקט ער העפלעך די האַנט פון אַלעקסאַנדערן, וועלכע איז ווי אַ ווייכע שמאַטע:

— נאָך אַלץ אויסגעצויגן?... איך האָב גערעכנט צו טרעפן אייך איינגאַנצן אַ געזונטע...

מיט איין שפרונג איז זי געבליבן שטיין:

— אָט בין איך!

שוין האָט זי געכאַפּט אַ שערל, שניידט איבער, פּאַקט אויף... פרעכטיקע פלוימען, ריזיקע פּעש רייצן איר דעם אַפּעטיט. איינעם בייסט זי אפילו איין...

— ווען קומט איר ביידע עסן די פּרוכטן קיין בלען-ברוגז? קלויבט זיך אויס אַ טאָג אויף צו קומען צו מיר אויף מיטאָג?..

אַלעקסאַנדער האָט אַ צעמישטער געענטפערט מיט פאַר-לעגנהייט.

— ס׳הייסט... אַ טעלעגראַמע רופט מיך צוריק קיין פּאַ-ריז און... אַזוי ווי מיין אורלויב איז שוין כמעט ווי געענדיקט גלויב איך נישט, אַז איך זאָל קענען צוריקקומען.

— ווען פאָרט איר?

— נאָך היינט ביינאַכט.

— אין דעם פאַל...

נאָר זעענדיק די אַנטוישונג אויפן פּנים פון גאַסט, האָט ספּי לעבהאַפט צוגעגעבן:

— אָבער איך פאָר נאָך נישט אַוועק! איך רעכן נאָך אַפילו צו בלייבן אין דעם האָטעל אַן אַכט טאָג... דערנאָך, די צווייטע וואָך וועל איך אויך אַוועקפאָרן.

אַ גאַנצע וואָך!... מאָריס רעכנט איבער אין געדאַנק: „אַכט גרויסע טעג פולשטענדיקער פרייהייט... בראַוואָ!” און באַהאַלטנדיק זיין פרייד האָט ער איבערגעחזרט זיין איינלאַדונג:

— אַלזאָ, מאַדאַם, צוליב דעם, וואָס איר בלייבט אַליין, דאַרפט איר קומען צום מיטאָג.

ספּי האָט זיך געוואַקלט:

— אָבער...

— די צעשיידונג וועט זיך אייך אויסווייזן ווייניקער לאַנג, אויב מיר וועלן אייך אַביסל צעשטרייטן... (און ווענדנדיק זיך צו אַלעקסאַנדערן)... איר דערלויבט, נישט אמת?

אַלעקסאַנדער האָט ביטער געלאַכט.

— ווי זי וועט וועלן...

דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעטיילט פון זיי און טראַכט מיט צונויפגעדריקטע פויסטן: „דאָס איז ער, דער דאָזיקער פאַרשוין, וואָס האָט איר ענדגילטיק אָפּגעצויגן פון מיר. ווען נישט ער, וואָלט זי מיר מוחל געווען!”

צן אוממעכטיקער קאָנסטאַטירט ער און פאַרגלייבט... אַז

לע גערן האָט אַ צופאַל צוגעפירט צו זיי פונקט אין אַזאַ מאָמענט, ווען ער אַליין האָט דערגרייכט דעם לעצטן עטאַפּ און מוז זיך איצט דערווייטערן, אָפּטרעטן דעם פּלאַץ!... ער שטעלט זיך פאָר, ווי ער איז אַליין אויפן וואָקזאַל... ער שטייגט נאָר אַריין אין וואַגאָן, ווי דער צוג רירט זיך פון אָרט, איבערלאָזנדיק אויף אייביק דעם בעסטן טייל פון זיין יוגנט.

— ס׳איז מיין שולד, — טראַכט ער,—ס׳איז מיין שולד.

די אויפרעגונג שטיקט אים אין האַלז אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט געוואָלט שרייען: „ספּי! ספּי! בלייב מיט מיר!״, נאָר ס׳פעלט אים מוט און גלייכצייטיק ס׳קול...

ער האָט פאַרשטאַנען...

צו שפּעט!

# צווייטער טייל

## Quasi una fantasia

בעטהאָווען

### I

— אָט אַן אַנשטענדיקער טיש, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַן אַנשטענדיק הויז!

הערווע לאָוגען, די אויגן פאַרדרימלט, די בעקלעך פאַררויטיקט, פאַרזיכערט ער זיך, אויב אַלע געסט זענען איינשטימיק מיט זיין מיינונג... צו דעם אַביסל צוחוצפּהדיקן היימישקייט פון אַ פּאַראַזיט, וואָס באַטראַכט פאַר זיין אייגנס דעם טיש, וואָס דערנערט אים, גיט ער נאָר צו בנוגע די איבעריקע פאַמיליען-מענטשן אַן אומברחמנותדיקן משפט... אָ! דאָס מיט בלוט פאַרלאָפענע פּנים פון דער מוטער באַזעלעק, וואָס זעט אויס ווי אַ מומע פון ברעטאָן! די פאַרשווינטע האָט געמוזט אין איר צייט גוט ליב האָבן ס'לעבן, אַז זי האָט אַזש ביז איצט געקענט דערהאַלטן אַזאַ געזונט פּנים. נישט קיין וואונדער שוין, וואָס דער פעטער באַזעלעק איז אַזוי אויסגעטריקנט! פונדעסטוועגן זשאַלעוועט ער זיך נישט דעם ביסן! אַזאַ פרעסער, — טראַכט הערווע, קוקנדיק אויפן אַלטן פאַרמעט-פּנים, וואו קיין איין שטריך באַשטעטיקט נישט זיין מיינונג, — אַז ער האָט געמוזט אַמאָל איינשלינגען זיינע אייגענע ליפּן. פון דאַמאָלס אָן זענען זיי אים שוין מער נישט צוריקגעקומען!

— ווייסט איר וואָס איר וואָלט געדאַרפט טון, ווען איר זאָלט

האָבן שכל? — האָט ער אים אַריינגעשושקעט צווישן איין ביס און אַנדערן — איר וואָלט געדאַרפט קויפן די אָנאַמעראַ-אַקציעס... ס'איז איצט דער מאָמענט. זיי זענען איצט צו 527, זיי וועלן שטייגן ביז 2000...

— דערציילט מיר נישט פון די דאָזיקע בערזע-פּאַפּירן! איך, אחוץ דער מלוכה-רענטע...

ער באַליידיקט זיך, אָדער רימט זיך? דער ספּעקולאַנט האָט אַ גרעבץ געטון, זיך באַמיענדיק עס צו פאַרגלעטן מיט אַ „צום טייוול מיט דעם מאָגן!", יעדער האָט זיך אָבער געמאַכט נישט הערן. לאַגוען האָט אומבאַמערקט לויז געמאַכט זיין פּאַס און פרייער אָפּגעאָטעמט.

נאָר ספּי, פּאַר וועמען קיין שום זאַך גייט נישט אַדורך אומבאַמערקט, האָט קוים זיך איינגעהאַלטן פון לאַכן. אָבער מאַריס האָט צו איר גערעדט וועגן זיינע פאָרשונגען, וועגן זיינע אַרבעטן... יאָ, ער האָפט אַמאָל, אין גיכן, צו קענען באַ-הערשן איינעם פון די וואונדערלעכסטע אומאויסגענוצטע קוואַלן, וועלכן די אומוויסנהייט און דאָס נאַכלעסיקייט האָט ביז איצט געלאָזט שלאָפן אין דעם גרויסן חלל פון דער נאַטור... ער וועט באַצוואונגען דעם כסדר זיך באַנייענדיקן אימפּעט פון די כוואַליעס, די ריטמישע באַוועגונגען פון די מאַרעס... אַ לעגענ-דאַרער קוואַל פון ענערגיע! מען קאָן דערפון באַלייכטן אַלע דערפער און פאַרשטאַרקן די אַקטיוויטעט פון אַלע פאַבריקן אין דער וועלט!

— באמת?

מען דאַרף זיין ערנסט! ס'איז שווער, למשל, צו פירן אַ טעכניש געשפּרעך, ווען דאָס פלייש שמעקט אויסגעצייכנט און די שכנים זענען אַזוי קאָמיש אָדער טומלדיק... ווי אַזוי קאָן מען נישט ווערן צעשטרייט פון אַזעלכע ביגאדאנס. ער, זיך וואַשנדיק די הענט, יעדן פינגער באַזונדער, גלייך ער וואָלט גע-גאַנגען פון זיי אונטערציען אַ בילאַנס. זי, קייענדיק פון דעסער אָן, איר אייביקן ציין-שטעכער, וועלכן זי וועט דערנאָך סמאָטשקען אַ גאַנצן נאָכמיטאָג? און די צוויי צעלאָזטע קינדער, מאַריאָ און

הוגו, וועלכע קריגן זיך אָדער קושן זיך אָן אויפהער ?... אומ-מעגלעך צו זיין ערנסט אין אַזאַ מאָמענט. אַפילו מאַריס אַליין איז אויך געצוואונגען איבערצורייסן, בכדי זיי איינצושטילן:

— הע דאָרט, איר פאַרליבטע!... איר קענט נישט זיין רואיק איין שעה? אַפילו בייזע חיות פאַרהאַלטן זיך אויך רואיק ביים עסן.

מאַריאַ הערט גאָרנישט און זוכט ווייטער אַרויסצורייסן פון הוגו אַ פּאַפּיר, וואָס ער וויל אויפמאַכן.

— ניין! ניין! הוגו, איך בעט דיך טו עס נישט! איך וויל נישט דו זאָלסט לייענען די פּרזן.

— זיי זענען זייער שיין!

— היט זיך! מען טאָר נישט אויספּלוידערן קיין סוד! שפּעטן פון ליבע איז ביי אונז אַ גרויסע באַליידיקונג!

אָבער אַרויסדרייענדיק זיך פון איר האָט ער זיך אויפ-געשטעלט.

— פאָרזיכטיק, מיין גלאָז! — האָט איווע פּראָטעסטירט.

ער האָט עס באַשיצט מיט אויפגעשטעלטע הענט קעגן שטויסן זיך פון די דאָזיקע צעהיצטע. הוגו לויפט אַרום טיש, ווי אַ ווייס-חברהניק, אַרויסדרייענדיק זיך פון דער טיגערינס נאָכיאָגן.

— גיב מיר דאָס! אויב נישט, וועט קומען אַן אומגליק אויף דיין קאָפּ!

זי מיינט, אַז אָט כאַפּט זי אָן דאָס צעקנייטשטע פּאַפּיר, גאָר שוין איז הוגו באַהאַלטן הינטער די באַזעלעקס. דער גע-וועזענער רעיענט זעט אויס, ווי איינער, וואָס צום ערשטן מאָל הייבט ער זיך אויף אין אַעראָפּלאַן מיט אַ משוגענעם. די מומע קוועטשט אַרויס מיט אַ שמייכל, וואָס קומט נישט פון האַרץ: „אָט משוגעים!", נאָר הוגו אַליין אַמוזירט זיך אַזוי לאַנג ביז מאַריאַ פּאַקט אים און שלאָגט אים מיט פאַרמאַכטע פויסטן.

— געמיינע חיה! — דונערט ער — דו וועסט עס נישט קריגן!

און אין דער צייט ווען איווע באַזעלעק און לאַגוען האַלטן צו די יונגע פּרוי, וואָס וויל זיך אַרויסרייסן, דעקלאַמירט ער:

צו מיין טייערן.

די זשעמטן פון אמאָל געהערן נישט קיינעם.

עס דאַרף זיך קיין שום זאַך נישט רעכענען, נאָר אונזער איצטיקע ליבע.

— שווייג! אָדער איך צעברעך אַלץ!

— אָ! ניין! נישט דאָס! — האָט מאַריס אויסגעשריגן. — האָט רחמנות אויף מיינע טעלער! איבעריקס, די פערזון זענען זייער שיין... פון וועמען זענען זיי?...

— ...פאַרגאַנגענע פאַרגעניגנס פאַרטראָגט דער ווינט.

דאָס האַרץ דערהאַלט נישט, וואָס די נשמה וואַרפט אַוועק...

— הוגו, הער אויף, איך באַשווער דיך!

— אָ! ווי וואָלט איך געוואָלט מיט פאַראַכטונג קענען פאַרגעסן

די דאָזיקע טעג, ווען דו ביסט געווען דאָס ליכט פאַר אַנדערע,

ווען האָסט פאַרשטעלט די פאַרבן, די פאָר־מען, די מאַטעריע,

און איך זאָל קענען דיך שאַפן איינגאַנצן פון דער ניי, דורך דעם גלאַנץ פון מיינע אויגן...

— דאָס איז שיין! — זאָגט ספּי.

— אויב דו זאָלסט נישט צאָרנען, שיינער שטרויס, אין דיין רונד־וועג,

זאָלסט נישט מאַכן פון מיינע נעכט דורך דיינע דעראָבערונגס־רופן

אַ פּיין, וואָס זאָל אין דער צייט ווען אַלץ וועט איינזינקען מיט אַ מאָל,

זאָל איך, אַ טויט בלאַט, זיך וואַלגערן אין אַ מבול פון בלעטער...

—Mara de Dei! Mara de Dei!...—האָט מאַריאַ געקרעכצט, פאַרשטאָפּנדיק זיך, די אויערן.

ספּי האָט זיך מיט דער לײַכטקייט פון אַ קאַץ אַ וואָרף געטון און אַרויסגעריסן פון הוגוס פינגער די באַשיידענע פּאָע-מע, וואָס האָט איר אַזוי גערירט. זי האָט עס אָפּגעגעבן דער שפּאַנעריןֹ, איר אַרומנעמענדיק:

— איר זענט פײַנער פאַר אים!

און אויסדרייענדיק זיך צו הוגו, וואָס איז געבליבן שטיין אויפן אָרט, ווי אַן אָפּגעשמיסענער נאַר:

— איר געפינט, אַז דאָס הייסט גאַלאַנט?... אויפדעקן די אינטימסטע געפילן און צו מאַכן דערבײַ דעם אָנשטעל פון אַ געלעכטער? גאָט, ווי נאַריש די מענער זענען!

אַלע פון אַלטן ביזן יונגן באַזעלעק, פון לאַגוען ביז מאַריסן, האָבן, אויפשטעלנדיק זיך פון טיש, פּראָטעסטירט: „רעדט בלשון יחיד!" מאַריאַ (וועמען אַלע גראַטולירן, בעת איר גע-ליבטער מאַכט חנדלעך, אַז זי זאָל אים מוחל זײַן) שרײַט אויס: „זי האָט רעכט! איר זענט אַלע ברוטאַל!" און צום שולדיקן, וועלכער אויסקלײַבנדיק אַ ציגאַר אין קעסטל, וואָס לאַגוען האָט פײַערלעך געעפנט, האָט זי אַ וואָרף געטון:

— דאָס חנפעט דיך, האַ, ס'באַווייזט, ווי ליב איך האָב דיך! נאָר ווייס, אַז איך בין נישט איינע פון די פּופּציק נקבות, וואָס דו האָסט שוין געהאַט. אויב דו וועסט מיך אַ מאָל פאַר-ראַטן, וועל איך דיך דערהרגענען!

— מער נישט ווי דאָס! — האָט איווע צוגעוואָרפן, פאַר-לייגנדיק איר זײַן ציגאַרן-טאַש. — אַן אַבדולאַ-ציגאַר?

זי שטימט אײַן, פאַררויכערט מיט כּעס ביים דאָקטאָרס ציגאַר... דערנאָך, אויסציענדיק די האַנט צו הוגו, מאַכט זי מיטן פינגער, ווי בײַ אַ צינגל פון אַ רעוואָלווער...

— פּונקט אין ציל, נישט אמת?—האָט זי האַלב געשפּאַסט.

דער אוויאַטאָר לאַכט:

— זי איז פון אַן אַנדערע צייט. זי וואָלט געטון, ווי זי זאָגט!

דער דאָקטאָר וואונדערט זיך:

— וואָס רעדט איר, מיין קליינע דאַמע? קיין שום תירוץ קאָן נישט באַרעכטיקן אַ מאָרד... נישט פאַראַן קיין נאַרישערע זאַך אויף דער וועלט, ווי דער ליידנשאַפטלעכער פאַרברעכן.

מאַריאָ עקשנט זיך איין:

— מעגלעך אַלנפאַלס, אויב אַלע מענער, וואָס פאַרראַטן זייערע פרויען וואָלטן געוואוסט אויף וואָס זיי שטעלן זיך אויס...

— מיר שרעקן זיך נישט אָפּ דערפאַר, ס׳איז פונקט אַזוי ווי אין דער מלחמה! — האָט לאַוגוען אויסגערופן, וועלכער איז אַגב אַליין דאָרט נישט געווען...

— ביי מיין ערנוואָרט,— האָט מאַריס באַמערקט,— ווען די ליבע ווערט אַזוי פאַרשטאַנען איז זי ענלעך צו אַ מלחמה!... זי איז אויך פונקט אַזוי אומזיניק.

די באַמערקונג איז געפאַלן אין אַ טויט-שטילקייט.

— אַ מלאך שוועבט פאַרביי. — זאָגט מאַדאַם באַזעלעק.

דאָס בילד פון דער גרויסער שחיטה האָט מיט זיין שוואַרצן פליגל אָנגערירט אַלעמענס שטערן. אָבער הוגו, דער לופט-פליער פון געפערלעך-טראַגישע לופט-אויסשפיר-עקספּעדיציעס און וואָס האָט נאָכדעם דורכגעריזט די לופט פון דריי ערד-טיילן, האָט אַרומנעמענדיק זיין מעטרעסע ביים האַלדז אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער:

באַ! אַ נפקא-מינה אַזאַ טויט אָדער אַן אַנדערער!... מיט מאַריאָ אַמווייניקסטנס בין איך אויסגעשטעלט נאָר אויף איין געפאַר!...

— און אַחוץ דעם — זאָגט ספּי — פאַרשפּאָרט איר צו פליען צו אים!

נאָר שוין האָט די שפּאַנערין, ענטפערנדיק אויף די צערט-לעכקייטן פון אַוויאַטאָר מיט אַ Sangre del mio cnore! זיך פאַרפלאָנטערט אין אים און געשלעפּט צו דער טעראַסע. יעדער האָט געקוקט, ווי זיי דערווייטערן זיך, אָנהענגענדיק אָן זייערע ליבעס-פולע טריט, זייערע אייגענע דערינערונגען: פאַר-

חלשטע פנימער, שטראַלנדע פנימער, און קיילעכיקער קרייז פון שמייכלען, קושן און טרערן...

אָבער ווייניק וועזנס האָבן ליב צו חלומען... דאָס איז דערפאַר, טראַכט ספּי, ווייל חלומען איז נישט לעבן, ווייל פאַר דעם רוב איז לעבן — זיך באַוועגן, ווי לאַגוען למשל, וועלכער זינגט אונטער ביים גראַמאָפאָן די נעגער־לידלעך, וואָס ער האָט אָנגעשטעלט, אָדער ווי דער איווע באַזעלעק, וואָס פּאָרעט זיך ביים קיילעכדיקן ראַדיאָ־אַפּאַראַט און מאָבילייזירט מאַריסן, אַז ער זאָל אים פאַררעכטן.

זי נוצט דאָס אויס אויף צו צופּודערן זיך אַביסל, דערנאָך אַוועקזעצנדיק זיך לעבן די באַזעלעקס, וועלכע מאַכן איר פאַרן ריכטער פון זייער טאָג־טעגלעכן שפּיל אין „זשאַקע", נעמט זי ווייטער ציען דעם פאָדעם פון אירע געדאַנקען... פון וואָס קענען טראַכטן אָט די פאַרשטיינערטע באַזעלעקס, אויב מען קאָן אין אַלגעמיין גלויבן, אַז זיי טראַכטן? דעם שכנס חלק פון איבערגעלעבטן און פון אויסגעטראַכטן בלייבט פאַר יעדן אַ סוד. ס'איז נאָר אַ סוזשעט פאַר געשפּרעכן, פאַר וועלכן מען באַמערקט דעם אויטאָמאַט, אָבער כּמעט קיינמאָל נישט זיין אמתע נשמה, זיין נשמה פון אַ קינד, וועלכע ער שטופּט אַוועק...

פונדעסטוועגן ווען עס טרעפט אים אַ ווייטיקלעכע אַנטוישונג אָדער אַן ערנסטע קראַנקהייט איז עס דער קליינער פון אַמאָל, וואָס דערוואַכט און קלאָגט זיך. איבערהויפּט געשעט עס מיט עלטערע מענטשן. זי האָט פאַר די אויגן דאָס ווייסקייט פון גוטן, גוסדיקן פיער, מיט זיין איינגעשרומפּן פּנים דורכן בויך־טיפוס, און מיט אויגן פון אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד! זי זעט דעם שטאַרבנדן דאָקטאָר קערוואָאיאַל, זיין לעצטן רוף „מאַמע!.." אויף איר טויף־פאָטער מיט זיין דורכזיכטיק פּנים פון די לעצטע טעג, אויף וועלכן ס'האָט געשטראַלט פאַרן פאַרגיין דאָס אומשטערבלעכע ליכט, די נשמה, — איצט ווייסט זי, אָדער אַמווייניקסטנס זי וויל זיך אַזוי איינרעדן, — וואָס איז נישט פאַרלאָשן... זי זעט אים אין זיין צימער אַ גוססן, עס דאַכט זיך אים, אַז זיין מוטער בייגט זיך צו אים אַריבער, ער רעדט צו איר:

„מאַמע!...“ מען איז, אַלזאָ, אַ גרויסע פּערזאָן נאָר פאַר אַנדערע!

איז עס דען נישט געווען אַ קינד, וואָס זי האָט געזען אוועקפאָרן מיט אַכט טאָג צוריק, ווען אַלעקסאַנדער האָט איר געזאָגט זיין לעצטן אַדיע? ער האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַ יתום, וועלכער דערפילט פלוצלינג, ווי ס'פעלט אים דאָס נאָענטסטע! איין זאַך מוז זי אים אָנערקענען: „ער איז נישט געווען דורכ-אויס שלעכט, ער האָט געהאַט גוטע זיטן, ווען כ'האָב אים אויס-געקליבן...“ די דערמאָנונג רודערט אין איר אויף די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט מיט זיין גאַנצן באַרג פון גוטס און ביטערניש.

עס קלינגט איר אין די אויערן זיין בעטן: „זיי מיר מוחל. צוויי מאָל באַגעגנט מען נישט אַ ווען פון דיין ווערט. פון איצט אָן וועל איך זיין דער אומגליקלעכסטער. איך האָב דאָס, וואָס איך האָב מיר פאַרדינט... אַ מצווה אויף מיר!“ ער האָט איר האַרציק געדריקט די הענט און נעמענדיק די וואַליזקע אין האַנט האָט ער זיך נאָכאַמאָל אומגעדרייט:

„זאָלסט קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ספּי, אין פאַל פון אַ נויט זיך צו דערמאָנען אין מיין איבערגעגעבנהייט! פון גאַנצן האַרצן ווינטש איך דיר, אַז דו זאָלסט זיין גליקלעך...“ אַז די וואַ-גאָן-טיר האָט זיך פאַרקלאַפּט, האָט זי אָנגעהויבן וויינען, אַליין נישט פאַרשטייענדיק פאַרוואָס. מוז זיין, ווייל ס'האַרץ איז איר פול געווען. ס'איז אָן צווייפל, אַז דער ריטם פון אירע גע-וואוינהייטן, וואָס איז געוואָרן אונטערגעבראָכן, דער איינדרוק פון אַ פאַרלאָזטער איינזאַמקייט, וואָס האָט אויף אַ ווייל אָפּ-געמעקט די פרייד פון באַפרייטן גייסט, ווי אויך ס'רחמנות, וואָס זי האָט פאַר יעדן ווען, וואָס ליידט אויפריכטיק, האָט אין איר אַרויסגערופן די טרערן. דאַמאָלס איז זי אַליין אויך נישט געווען מער, ווי אַ קליין ווען, וואָס האָט געליטן...

דערנאָך דערפילט זי ווידער, — אַ צעשטרייטונג אָדער אַן אויפהייטערונג? דאָס אָנקומען פון מאריס לע גערן; זי איז גערירט פון זיין פאַרשטענדעניש, פון זייז געבעט אומבאַדינגט זי מיטצונעמען צום מיטאָג.

און אָט ווערט היינט שוין באַלד אַ וואָך ווי זי איז דאָ.
אויפן אַלגעמיינעם געבעט האָט זי זיך איינגעאָרדנט אין
בלאָן-ברוג, וואו אַלץ געפעלט איר...

## II

מאָריס לע גערן, וואָס האָט אַ לענגערע ווײַלע איר אָנגעקוקט, האָט זיך צו איר דערנענטערט, זאָגנדיק מיט געפיל:

— פאַרחלומט?... וואָס איז אײַך?...

— גאָרנישט. איך האָב זיך אָפּגערוט, אויפלעבנדיק דערבײַ אייניקע עפּיזאָדן פון מײַן לעבנס־פילם...

— איך וואָלט זייער געוואָלט זײַ קענען און זען אינאיינעם מיט אײַך. אויב ס'איז נאָך צײַט, פאַרבעט מיך...

— די פאָרשטעלונג איז געענדיקט.

— איר דאַרפט נאָר בלויז ווידער אַ לאָז טון דעם שטראָם.

— ניין, באמת! די צוקונפט אַליין אינטערעסירט מיך...

דער הויך־רעדער האָט פּלוצלינג אַרויסגעלאָזט די קלאַנגען, וואָס דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט האָט אויפגעכאַפּט און איבערגעגעבן. בעטהאָווענס סאָנאַטע „Quasi una fantasia“ געשפּילט אויפן צומבאַלאָן דורכן באַרימטן אַלאַדאַר ראַקז האָט אָנגעפילט די פאַרנאַכט־שעה מיט אַ סודותדיקן צויבער. ספּי און מאריס זענען אַנטשוויגן געוואָרן און טיף זיך אײַנגעהערט. דער דאָקטאָר האָט צוגעקלאַפּט צום טאַקט, און לאַגוען, וועמענס חוש פאַר מוזיק האָט זיך באַנוגנט בלויז מיטן גערויש, איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער טעראַסע מאַכן זײַנע הונדערט טריט, וואָס ער פלעגט

אַלעמאָל טון, כּדי בעסער צו פאַרדייען. ווען די לעצטע טענער האָבן אויפגעהערט, האָט מאריס העפלעך זיך נאָכגעפרעגט:

— אַלזאָ, די געגנוואַרט אויך נישט?

— אַנטשולדיקט!... אָ! איך בין נישט קיין אומדאַנקבאַרע... איך ווייס גאַנץ גוט, אַז אויב איך בין דאָ און פיל אַרום זיך אַלע כוחות פון דער וועלט פאַרזעצן אַן אַנדער לעבן, אַן אינ־טערעסאַנטערס, ווי מיינס, האָב איך עס נאָר אייך צו פאַרדאַנקען...

— נישט וועגן דעם האָב איך געוואָלט איר זאָלט טראַכטן, נאָר אַז נישט די פאַרגאַנגענהייט און נישט די צוקונפט, כאָטש איין פאָדים בינדט זיי נאָך, דאַרף אונז איבערהויפּט נישט אינטערעסירן. וויכטיק איז נאָר די געגנוואַרט אַליין, וואָס איז דער פּרוביר־שטיין וואו אַלץ באַנייט זיך, גרייט זיך... דער עיקר איז קיין שום זאַך נישט צו נעמען טראַגיש...

קענענדיק זיין עפּיקורישע עקזיסטענץ, האָט זי נישט גע־וואָלט נאָכגעבן.

— אַפילו נישט נעמען ערנסט?

— יאָ!... נאָר אויף אַזויפיל, כּדי דאָך צו בלייבן פריילעך.

— אויב אַזוי, — האָט זי אָפּגעזיפצט, — דאַרף מען זיך נישט צופיל אָראָפּבייגן צו דער מענטשהייט. דאָרט דויערט אָן אויפהער די מלחמה, דאָס אייביקע אונטערדריקן די שוואַכע... (זי זעט, אַז איווע באַזעלעק, וועלכער האָט עס אויסגעהערט, האָט איינשטימיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ) ...ס'איז נישט אַזוי, דאָקטאָר?

— מאַדאַם ארעלי האָט רעכט. נאָר די עגאָיסטן געניסן פון לעבן...

זי לאַכט.

— איך בין נישט מקנא די מושלען, כאָטש זיי האָבן אַ מושל־הויט!

אויסנוצנדיק דאָס, וואָס איווע האָט זיך ווידער אַריבער־געבויגן איבערן אַפּאַראַט דרייענדיק אַ שרייפל, און האָט גע־לאָזט אין גאַנג דעם ראַדיאָ (מען האָט איצט געהערט די קורסן

פון דער ניו-יאָרקער בערזע) האָט מאָריס לע גערן אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף ספּיס קליין הענטל.

— וואָס וואָלט איר געזאָגט וועגן אַ קליינעם שפּאַציר אין די פעלד-גראָזן? אָט האָט זיך די זון פונקט פאַרצויגן מיט אַ שלייער...

— מיט פאַרגעניגן!...

אויפשטעלנדיק זיך מיט אימפּעט און לאָזנדיק די אַלטע באַזעלעקס ביי זייער אומענדלעכן שפּיל (פון וועלכן זיי פלעגן קיינמאָל די נאָז נישט אויפהייבן), איז זי שוין געווען ביי דער טיר. מיט אַן אינסטינקטיוו-אויסגעגלייכטן טריט זענען זיי גע-גאַנגען צום ים. ספּי האָט נישט באַמערקט דעם פאַרבענקטן בליק פון איווע, אַנטוישט, ווייל מען האָט אים נישט איינגעלאַדן, וואָס האָט איר נאָכגעקוקט...

איך האָב גראָד זייער גוטע שיך! (צייט זי איז אין בלאָן-ברוג האָט זי צוריק געטראָגן שיך און זאָקן...) אַזוי-אַרום קען מען גיין גלייך פּאָרויס, נישט אויסקלייבנדיק דעם וועג... דאָס ברעטאַנישע גראָז נעמט גוט אויף נאָר דעם, וואָס פאַרשטייט עס, אַז נישט שטעכט עס...

איבער אַ טעפיך ווייאָלעטע שטעכיקע קושאַקעס און ני-דעריקע אייכן-ביימלעך, וואָס באַהאַלטן פאַרעטעריש זייערע נאָדלען און צוזאַמענגעפלאָכטענע מאַסן, זענען זיי צוגעקומען צו אַן אָרט פון אַ פאַרצייטישע באַטעריע, וואָס האָט זיך גע-פונען אויפן שפּיץ פון פעלזן-וועג... מאָריס האָלט צו ספּי ביים עלנבויגן און זאָגט אַ פאַרטראַכטער:

— ווי שיין איז דאָס געבורטס-אָרט מיינס! איר געפינט עס נישט אַזוי?

— זיין ליכט איז זייער ריינד.

— און זיין ערד! איר וואָלט געברויכט קענען די גאַנצע פאַרשידנאַרטיקע שיינקייט פון אונזערע פּייזאַזשן. פון אַ גראַנ-דיעזע ווילדקייט ביז אַזאַ דורכדרינגלעכע ליבלעכקייט, וואָס זייער פאַרגלייך קאָן מען אין גאַנץ פראַנקרייך נישט געפינען...

און זיין ראַסע! אַזוי געטריי, אַזוי מוטיק, אַזוי פאַרהאַרטעוועט אויף ליידן! די ברעטאַנער פון ים און די פון די בערג...

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט זייט ביי זייט אויפן ראַנד פון דער פאַרשטיינערטע ערד. ספּי האָט מיט פאַרלייגטע הענט אויף די קניען איינגעזאַפּט אין זיך דעם אַראָמאַט פון די נאָענטע, צונויפגעפּרעסטע אייכן-ביימלעך. מאָריס האָט שטיל אונטערגעזונגען:

Briez, douaz ar zent cor douaz ar Varred(*

זי האָט ווידער געהערט דאָס דאָזיקע עטוואָס נישט קלאָרע קול, וואָס איז אָבער אַזוי מעלאָדיש און ווייך, אַז עס גלעט און באַרויִקט די נערוון.

— וואָס מיינט מען מיט די דאָזיקע ווערטער?

ער פאַרטייטשט: ס׳איז אַן אַלט לידל, וואָס האָט איינגעוויגט זיין קינדהייט און איז טייער ביי אַלע ברעטאַנער:

Bro goz ma Zadou... : „אַלט לאַנד פון מיינע פאָטערס...“

— איך האָב אייך געהאַלטן פאַר אַן אונטערנאַציאָנאַליסט!

— ווען מען איז גוט איינגעוואָרצלט אין דער אייגענער געבורט-ערד, איז נאָך דער אונטערנאַציאָנאַליזם פרוכטבאַרער... איך האָב ליב אַלץ, וואָס איז שיין און גוט אין אַלע לענדער. אָבער מיין ברעטאַן! נישט פאַראַן אַזאַ לאַנד אויף דער וועלט, וואָס איך זאָל עס אַזוי ליב האָבן: Neus bro o garan kement barz ar bed...

ער זינגט, זי הערט.

פון דאָזיקן הימן פון די נייע אָנוועזנהייטן: דער מאַן מיטן שפּראָצנדן בליק, ווי פון אַ קוואַל, אַ מעכטיקער פּראָדוקט פון די אַבותדיקע ערד, און דאָס דאָזיקע פאַרכישופטקייט פון קוים פאַררויכערטן האָריזאָנט, דער קרייז פון דעם שטילן דאָרף מיט זיין קירכן-טורעם, וואָס שניידט זיך אַריין אין הימל, דער ים, וואָס זעט אויס, ווי אַ ריזיק-אויסגעשפּרייטער שפּיגל, וועלכער שפּיגלט אָפּ אויף זיין רויִקן ליילעך די גאַנצע אומענדלעכקייט,

*) ברעטאַן, ערד פון אַלטע הייליקע, ערד פון די באַרדן.

פון דעם אַלעם שטייגט אַרויס עפּעס אַ מין נאַרקאָטישער גע-
שמאַק, וואָס נעמט אַזוי זיס אַדורך, שלעפערט איין...

ספּי קוויקט זיך מיט דער פאַרענדערונג, וואָס מאַכט פון
איר אין דער מינוט אַ גליקלעך ווערן. ס'איז דאָס ערשטע מאָל
צייט די שטראַלנדע טעג פון איר ים-קינדהייט, ווי זי לעבט
איבער אַזאַ מין שווימען. אַ פאַרגעסנהייט פון באַפעלערישן
קערפּער און פון די שטענדיק-אַליאַרמירטע נשמה...

יאָ!... זי האָט שוין אַמאָל געפילט אַזאַ שווימען... דאַמאָלס
ווען זי שווימט, נישט דאַמאָלס, ווען מען טרינקט זיך למשל! ביי
די דערינערונג ציטערט זי אויף און וואַרפט אַ שנאהדיקן בליק
צום ים, זי ווערט אָבער גלייך באַרואיקט, ווען זי דרייט זיך
אום צו איר באַגלייטער...

די לעצטע טענער האָבן אויפגעהערט צו וויברירן. זי
שטעלט זיך אויף און דאַנקט אים. בכדי אַראָפּצוטרייסלען פון
זיך די אימה, וואָס האָט איר אַרומגענומען. אַן ערנסטער שטעלט
ער איר אָפּ:

— צי האָט איר ליב מיין ברעטאַן?

די קראַפט פון געמיינזאַמע אויפרעגונג... קיינמאָל האָט זי
זיך נישט געשטעלט די דאָזיקע פראַגע. זי האָט נאָר געפילט, אַז די
פּראָווענס אַליין איז איר טייער. און אָט הערט זי, ווי זי ענטפערט...

— אַ דאַנק אייך, הייב איך אים אָן ליב צו קריגן.

וואָס האָט זי געזאָגט? ער נעמט איר אָן ביי די אָרעמס,
ווי אַ קליין מיידעלע וועמען מען גיט אַן ערן-פּרייז:

— אָ? באמת? פונדעסטוועגן קענט איר אים דערוויייל
נישט!.. איר וועט זען ווי גרויסאַרטיק ער איז. זיין ים רוישט
בייז, אָבער זיינע וועלדער, זיינע פאַנטאַנען, אפילו דאָס נאַקע-
טע שוואַרצקייט פון זיינע בערג פאַרמאָגן אַזאַ לעגענדאַרן צוי-
בער, וואָס פאַרכישופט...

— מיין דרום-לאַנד איז אויך זייער שיין!

— אייער דרום-לאַנד!... צופיל זון! אַ טרוקענע היץ, אַ
פוילע און בעסטיאַלישע נשמה... די דאָרטיקע מענטשן (ער האָט

דאָס אונטערגעשטראָכן מיט אַ צולהכעיסדיקייט) ווערן געבוירן אָן פעסטקייט...

— אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט!

— אָ! איר, איר האָט אַ מיסטישע נשמה, וואָס איז אַזוי געצנדינעריש, ווי אייערע איטאַליענישע אבות פון 16-טן יאָרהונדערט. איר וואָלט געקענט זיין אַ וויקטאָריאַ קאָלאָנאַ, אויב די נשמה זאָל מגולגל ווערן...

— אַ חלום אַזאַ, נישט אמת?

— ווער ווייסט?... די ציוויליזאַציעס האָבן אין פאַרלויף פון פאַרשידענע טויזנטער יאָרהונדערטער אַ דערשטוינלעכע ענלעכקייט פון פאָרמען. פאַרוואָס זאָלן די וועזנס נישט אַדורכמאַכן די זעלבע פאַרוואַנדלונג? דאָס וואָס איז נאָך היינט אַ געהיימניש, וועט די וויסנשאַפט אפשר מאַכן דערפון מאָרגן אַ פּשוטע זאַך.

— אַזוי גלייבט איר?

— איך גלייב, ווי מיין ברודער... דער זשעניע...

— אָ! איך ווייס עס, איך באַוואונדער אים אַזוי!

— איך וועל אים אייך באַקאַנט מאַכן... אים האָב איך צו פאַרדאַנקען דאָס ביסל, וואָס איך בין ווערט... איך גלייב, אַז איין באַהאַלטענע קייט בינדט אַלע מעשים פון מענטשן, ביז די אַנטוויקלונג פון זייערע געדאַנקען. דער פעטער באַזעלעק האָט אייך אָן ספק דערציילט וועגן די פאַרצייטישע אויסקריצונגען, וואָס מען דערקענט אויף די גראַניט-שטיינער פון אונזערע „דאָלמען"? ניין? אַלזאַ, ווען איר וועט וועלן וועט מען אייך ווייזן אויף די ריזיקע שטיינער פון פעטי-מאָן די זעלבע צייכנס, וואָס מען געפינט אויף די קברים פון עגיפּטן: אַן אומזעבאַרער מת, וואָס נאָר די פּאָדעשוועס פון די פיס זענען אין אַ ווערטיקאַלער ליניע, בולט... איבער דעם בריית אויסגעקריצט אַ בילד פון אַ זון, וואָס שטראַלט אויף די וואַסערן... אַ סימבאָל פון טויט און פון דער אומשטערבלעכקייט.

— די אומשטערבלעכקייט? — האָט זי לעבהאַפט אונטער-

געכאַפּט, — איר גלייבט אין דעם מאַטעריעלן איבערלעבן פון דער נשמה?

נישט קוקנדיק אויף דער משונהדיקער אזהרה פון דעם האַנט-בייטל, וואָס איז צוויי מאָל אַראָפּגעפאַלן פאַר דעם טראַגישן באָדן זיך, און דאָס געפיל, וואָס זי האָט געהאַט בעת דער גרעסטער געפאַר, וועגן דער אָנוועזנהייט פון דעם „גייסט" האָט זי זיך דאָך אומאויפהערלעך געפרעגט, אויב ס'איז נישט געווען אין ערשטן פאַל אַ פּשוטער צופאַל, און אין צווייטן פאַל, דער רעזולטאַט פון אויטאָסוגעסטיע, די שפּעררין פון איר טייערן געשטאַלט... זי וואָלט געוואָלט, אַז איר מיטשפּרעכער זאָל באַשטעטיקן אין איר דעם גלויבן פון אַ יענער-וועלט, וואו די פאַרשטאָרבענע, וועלכע מיר האָבן ליב געהאַט, זענען נישט פולקאָם אויסגעמעקט.

נאָר דער אינזשעניער, נישט קענענדיק חושד זיין, וואָס פאַר אַ אומרואיקייט ס'איז געווען באַהאַלטן אונטער איר פראַגע, האָט רואיק געהויבן מיט די אַקסלען.

— ניין, איך גלייב נישט אין דער אומשטערבלעכקייט אין דעם זין, ווי איר האָט פעסטגעשטעלט. אָבער איך באַגריס דאָס אומשטערבלעכקייט פון לעבן, וואָס לעבט ווידער אויף אין יעדן וועזן, ווי אויך אין דער גאַנצער נאַטור. אַט אין דעם זין האָבן אונזערע דרואידן *) געלערנט, — מישעלע האָט געזאָגט נאָך פאַר מיר — אַז די מאַטעריע און דער גייסט זענען אייביק.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַזאַ אָפענער סימפּאַטיע, אַז ער האָט זיך אַליין איבערגעריסן:

— אַזוי גאָר? איך לאַנגווייליק אייך נישט?.. (ער האָט אויפגעכאַפּט איר שיינעם שמייכל, און אַ דערמוטיקטער ווייטער גערעדט)... לאָמיר צוריקגיין צום גילגול פון דער נשמה. די דרואידן האָבן געדענקט, — אַלץ לויט דער וואונדערבאַרער Histoire de la France — אַז די מענטשלעכע נשמה איז אונטערגע-

*) די כוהנים ביי די אַמאָליקע גאַלער.

וואָרפֿן דעם גילגול, און אַז אָן דער דאָגמע האָבן זיי צונויפֿגע־בונדן דעם מאָראַלישן באַגריף וועגן באַלוינונג און שטראָף. זיי האָבן באַטראַכט די איבערוואַנדלונג ווי אַ פּחיתת-הכּבוד פֿאַרן מענטש, אַזוי ווי אַן אָפּקומעניש און אַ שטראָף... זיי האָבן אַפֿילו געהאַט אַן אַנדערע וועלט, אַ וועלט פֿון גליק.

— אָבער דאָס איז דאָך דאָס געזעץ פֿון קאַרמאַ, גענוי אַזוי! אייערע דרואידן וענען געווען מער טעאָזאָפֿן ווי גע־בילדעטע!

דאָס מאָל האָט ער איר אָנגעקוקט מיט אַ דערשטוינטן בליק:

— איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז איך האָב אַרויסגע־צויגן פֿון וואַסער אַ קליינע געלערנטע פֿרוי, אַן אמתע דרואידן!

— אָ! איר ווייסט נאָך אַלץ נישט קיין גרויסע זאַכן!... אָבער איר זאָגט עס מיט אַזאַ פֿאַראַכטונג, ווי קריסאַל*).

— ביי מיין וואָרט נישט! וויסן און שיינקייט, ווען זיי זענען על-פּי צופֿאַל פֿאַרייניקט, זענען געוויינלעך אַ שלעכט פּאָרפֿאָלק.

זי האָט געשמייכלט אַ געחנפֿעטע. זי האָט געפֿילט, אַז דער דאָזיקער ליבלעכער מענטש האָט צוטרויען צו איר:

— אויב אַזוי, דערקלערט מיר, פֿאַרוואָס די דאָזיקע חכמים מיט זייערע ווייסע מלבושים און וואַלד-סערפּן, האָבן אין דער אייגענער צייט, ווען זיי האָבן געשניטן די גראָזן, געהאַט אויך דעם ווילדן פֿאַרלאַנג צו מענטשלעכע קרבנות? זיי האָבן דען נישט אָנגעפֿילט מיט לעבעדיקע מענטשן זייערע קאָלאָסאַלע שטרויענע טורעמס און אונטערגעלייגט דאָרט אַ פֿייער?... ברעטאַנישער מאַלאָך! געמיינער אונטערשלאַק פֿון דער סעלטי־שער נשמה!

— פֿון אַלע נשמות, פֿון אַלע פּאַרצייטישע ציוויליזאַציעס.

— און פֿון די מאָדערנע!

— וואָס ווילט איר! די מענטשהייט פֿון זינט זי איז

---

*) קריסאַל איז אַ העלד אין מאָליערס קאָמעדיע „געלערנטע ווייבער“.

געבוירן אַמפּערט זי זיך צווישן צוויי אייביקע פּרינציפּן, דער טאָג מיט דער נאַכט, דאָס גוטס און דאָס שלעכטס. דער מיקראָב און דער געזונטער אָטעם...

זי האָט געטרוימט: מענטשלעכע מזבחות דאָס איז די מאָנסטרעדיקע דערקלערונג פון די שטיינערנע בנינים, מיט וועלכע די ערד פון מאַרביהאַן איז פאַרזייעט, זי האָט זיך אַלע-מאָל געפרעגט, קוקנדיק אויף דער גרויס פון דעם „טיש פון די הענדלער״ און אויף דעם „גרויסן מענהיר פון לאקמאריאקער״, ווי אַזוי די פּרימיטיווע פעלקערלעך האָבן געקענט אָן מעכאַנישע מיטלען אויפשטעלן אַזעלכע מעכטיקע מאַסן? נישט פאַראַן קיין מער דערשטוינלעכעס, ווי די ליניען-גלייכקייט פון קאַרנאַק! קברות-מאָנומענטן? אַלטאַרן-זיילן אין סאַמע הימל אַריין? וואָס פאַר אַ המון פון ריזן האָבן אַהער געשלעפּט און אויפגעבויט די דאָזיקע קאָפּ-שווינדלערישע מאַסן, וווּנדערלעכע אַלטאַרן פון אַ פאַרשוואוּנדענע רעליגיע? פאַר איר איז ברעטאַן, אַדאַנק די דאָזיקע פאַר-היסטאָרישע איבערבלייבענישן, געווען גיכער אַן ערד פון טויטע ווי פון לעבעדיקע.

בנוגע די טראַדיציע, פון וועלכע דער פּעטער באַזעלעק האָט איר אָנדערציילט, האָבנדיק אין איר געפונען אַ גוטע צו-הערערין, האָט זיך ספּי באַמיט ווי אַ גוטע שילערין צו דער-גיין דאָס ממשותדיקע, דאָס אמתע פון זיי, איבערהויפּט, ווען זייער אַבסורדער חלק האָט אָפּטמאָל אויסגעזען אָפּשטויסנדיק, ווי למשל די לעגענדע וועגן סען-קאַרנעלי, וועמען ס׳האָבן נאָכגע-יאָגט רוימישע זעלנער און וועלכע זענען פּלוצלינג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רייע שטיינער.

— דער לעצטער סך-הכל איז, — האָט זי געמורמלט, — אַז אָן אמונה איז נישט מעגלעך קיין ניסים. דער אָבערגלויבן איז די באַזע פון אַלע קולטן.

— זייער ריכטיק! און די מורא פאַר גאָט, דאָס הייסט דאָס מענטשלעכע פּחדנות, איז די באַזע פון אַלע מינים אָבער-גלויבנס.

— צוליב דעם ענין [illegible]אַלט איר מיך געדאַרפט פירן צו

דער „בהמות-הייליקונג״. איך בין נייגיריק צו זעען די פּראָצעסיע פון אָקסן אַרום דער קירכע פון סען-קאַרנעלי...

מאָריס האָט פאַרענדיקט.

— און צו דעם קירכן-פאַרוואַלטער, וועלכער פאַרקויפט אויפן יריד די בהמות, וואָס די פרומע עולה-רגלניקעס האָבן מנדב געווען פאַר דער קירכע! דאָס זעט איר איז אייביק אַזוי, ס׳איז אַמווייניקסטנס ערלעכער ווי די אויפשריפטן אויף צדקה-פּושקעס... שענקט „אויף רעליגיעזע באַדערפעניש!“ פון בעל ביז יופּיטערן און פון „הייליקן-גייסט“ ביזן „גרויסן לאַמאַ“, שטענ-דיק און אומעטום האָבן די גלחים געלעבט פון צדקה. ביז מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָבן זיך אונזערע פּויערים נאָך אַזוי גע-לאָזט אַרומשינדן, אַז איך האָב אַמאָל געהערט ווי מיין פּאָטערס פּערמער האָט דערקלערט, אַז אויב ער וואָלט נישט געפירט די קי צום הייליקן, וואָלטן זיי אַליין דאָרט אַהין געגאַנגען...

זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט. זי האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן ראַנד פון דער באַטעריע און געפּאַטשט מיט די הענט.

— מען זעט די בערג פון וואַן איבער דער הויכקייט פון טומיאַק!

— די הויכקייט פון צעזאַר, וואו מען האָט געפונען צי-רונג און קליינע סטאַטוען, אַחוץ דעם גאָלדענעם אָרון, וועגן וועלכן ס׳דערציילט די לעגענדע.

— וועלכער צעזאַר?

זי האָט געהויבן מיט די אַקסלען, אַז דער אמתער זשול צעזאַר האָט אין פאַן-פעניק באַזיגט דעם פלאָט פון די ווענעטער, וועמענס יורשים עס זענען די לאָקמאַריאַקער אָדער די וואַנען, דאָס אַלץ איז איר אין דער דאָזיקער מינוט געווען פונקט אַזוי גלייכגילטיק ווי די לעקציעס פון פעטער באַזועלעק... אַרמאָר האָט זיך טאַקע געמעגט קענען נאָך דער רוימישער ציווי-ליזאַציע, די ענגלענדער, די פּאָעטישע ערע פון די מכשפים און פעען, די גאַלאַנטע ערע פון די ריטער פון „רונד-טיש“, די רעליגיעזע ערע פון סען-רוסטיק, דאָס אַלץ איז גאַנץ ווייניק אָנגעגאַנגען אַ קליינע פּערזאָן, וועלכער האָט אָנשטאָט די

מיראַזשן פון פּאַרציײַטנס ליבער געהאַט אירע אייגענע בילדער און די נאָך מער וואונדערלעכע אַנטדעקונג פון אַ מאָדערנע וועלט.

אַזוי־אַרום האָט זי היינט צווישן די אומבאַוועגלעכע ווילדע גראָזן דערפילט אין זיך אַ נייע אומבאַשטימטע ענערגיע. די ערד פון טויטע איז ביים קלאַפּן פון איר האַרץ צוריק געוואָרן אַן ערד פון לעבעדיקע.

— און דער נייער דאַך דאָרט, אין דעם טאָל פון סאָסנעס, וואָס איז דאָס?

— מיין לאַבאָראַטאָריע, וואו איך שטודיר ווי אַזוי צו באַצווינגען די ים־ענערגיע.

— ס'וואָלט געווען שיין!

— ס'וועט זיין! די עלעקטרי־וויסנשאַפט ווערט איצט געבוירן! זי וועט נאָך באַצווינגען אויך דעם ווינט און די וויבראַציע פון דער זון...

ספּי האָט מיט אירע אויפגעהויבענע ברוסטן איינגעאָטעמט די לעבנס־לופט מיט זיינע וואונדערלעכע לעבנס־לוסטן... זיי זענען, רעדנדיק, אַראָפּ פון פעלז, טרעטנדיק איבער די שטעכיקע גראָזן, זענען זיי צוגעקומען צום קליינעם פּאָרט. די גראַניט־שטיינער זענען דאָ געווען באַשפּרענקלט מיט רויטע אָדערן, וואָס האָבן אונטער דעם גרינעם מעך אויסגעזען ווי געדיכט בלוט וואָלט אַראָפּגערונען.

ספּי האָט באַמערקט:

— דאָס איז אפשר דאָס בלוט, וואָס אַלע פראַנצויזישע און ענגלישע קעמפער האָבן פאַרגאָסן צוליבן דעראָבערן די ערד! עס הערט נישט אויף צו פליסן צום ים...

— ע! אָט זענט איר דאָך שוין נאַטוראַליזירט. איר פּאַבריצירט שוין אַפילו אַ נייע לעגענדע... אין דער אמתן איז עס אַזאַ זאַלץ, וואָס באַפאַרבט די שטיינער... איר ווילט מאַכן אַ קליינעם שפּאַציר אויפן ים? איר וועט דעמאָלס זען די פעלזן אין זייער פּראַכט...

— ביטע!

מיט אַ שנעלער באַוועגונג האָט ער אָנגעצויגן דעם זעגל

פון זעקס־מעטערדיקן שיף. אין דער זעלבער צייט האָט ספּי אויפגעהויבן דעם אַנקער און אָפּגעבונדן די שטריק.

— בראַוואָ! איר זענט אַן אמתער קליינער מאַטראָז!

אַ פריילעכער האָט ער זיך אַ נעם געטון צום רודער. די לייכטע שיף איז געפלויגן. ביידע האָבן אָן ווערטער זיך געקוויקט מיט דער פּשטות פון דער פיזישער פרייד.

— אַ חתונה! אַ חתונה!

ספּי טיילט זיך בייגיריק אָפּ פון די סקולפּטור-בילדער אַרום דער אַלטער קירכע: הייליקע מיט פּנימער פון בהמות, און חיות מיט מענטשלעכע פּנימער, זי האָט געגלעט דעם גראָען גראַניט, זאָגנדיק „אַ העלפאַנט-הויט!“

זי האָט דאָ איבערגעלאָזט מאָריסן, וואָס האָט געלאַכט פון איר באַמערקונג, און דעם דאָקטאָר באַזעלעק, וועלכער איז געווען שטאָלץ, וואָס ער קאָן ביי איר אַרויסרופן באַוואונדערונג פאַר די מאָנומענטן פון זיין ביגודען-לאַנד, דערציילנדיק וועגן זיי אין די קלענסטע פּרטים... אַ געפּלעפטער קוקט ער נאָך, ווי זי לויפט צום אָמניבוס, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן פאַר די שענק.

ווי הערלעך ס'זאָל נישט זיין די אַלטע קירכע פון פּאָן-מאַרק מיט אירע דריי פלאַמענדיקע עפּענונגען און דריי גלאָקן, האָט ספּי דאָך אָנגעהויבן ווערן דערעסן די שטיינער מיט די נאַיווע פּערסאָנאַזשן, ביי וועלכע ס'האָבן זיך אַזוי לאַנג פאַרהאַלטן די צוויי מענער פרומע זין פון „Bro goz ma Zadon...“ מיט אָט דעם נאָמען האָט זי זיי אָנגערופן, זינט זייער אָפּפאָרן פון פּעטי-מאָן אויף דער דאָזיקער אַכט-טעגיקער עקסקורסיע. יעדעס מאָל ווען זיי פלעגן אַראָפּ פון אויטאָ צו באַוואונדערן

עפעס אַ שטיין, אַ דאַלמען אָדער קרייץ האָט זי זיך מיט זיי געריצט „ווייטער אין וועג...״ „Bro goz ma Zadon"

אויף דעם רייצן זיך, אין וועלכן ס'איז געלעגן אַ נאָענטע פריינטשאַפט, האָט דער גראָבער לאָגוען, פערטער פערסאָנאַזש פון דער חברה, — קיינמאָל נישט פאַרפעלט צו באַגלייטן מיט אַ גראָב כיטרע געלעכטער.

אויב אין איר פרייד צוליב איר תחית-המתים האָט ספּי מיט אַ פאַרשיכּורט זאָרגלאָזיקייט ליבער געהאַט די דערשטוי־נונגען פון דער איצטיקער קעגנוואַרט, ווי די זכרונות פון דער פאַרגאַנגנהייט, האָט הערווע לאָגוען (וועלכער האָט אויפן אָרט פון האַרץ געהאַט אַ פּאָרטפעל) נישט געהאַט קיין גרויס נחת פון דער גאַנצער עקסקורסיע, וואָס איז פּלוצלינג באַשטימט גע־וואָרן נאָכן אָפּפליען פון די אויטאָרן... הוגו האָט געדאַרפט אָנטייל נעמען אין פלי-קאָנקורס פּאַריז-מעלבורן, אין מאַריאַ, אין שטומען פילם „דער טויט פון הידאַלגאָ״... דאָס איז באַ־שלאָסן געוואָרן זיצנדיק ביים עסן, ווען זיי האָבן געעפנט די אָנגעקומענע צייטונגען פון פּאַריז.

לאָגוענס חזיריש פּנים פלעגט זיך קנייטשן מיט אומצו־פרידנהייט, אָדער זיין קליין חזיריש אייגל פלעגט אויפלויכטן לויט דעם, ווי אָנאָמערא-אַקציעס זענען געפאַלן מיט עטלעכע פּונקטן, אָדער די פּעטראָליא זענען געשטיגן. מיט כעמישע אַרטיקלען, מיט בוימל, קוואַלן פון אַלגעמיינעם עשירות, אינ־טערעסירט ער זיך נישט. בלויז די רולעטקע פון קאַפּיטאַלן קען אים אָנרעגן. אָט האָט ער טאַקע אין קווימפּער, וואו זיי זע־נען נעכטן געשלאָפן, פאַרצייכנט אַ באַדייטנדיקן שפּרונג אַרויף פון די קופּריפּערס, וואָס ער האָט געהאַט געקויפט אויף זיין אייגענעם רעכענונג. אַ מחייהדיק לעבן!

ס'לעבן וואָלט נאָך בעסער געווען, ווען אויפן אָרט פון די אומעטום זייענדיקע ספּי און דעם לאַנגווייליקן דאָקטאָר, וואָלט דער פריילעך-מאַכנדיקער הוגו און די קונציקע מאַריאָ, באַגלייט זיין אַלטן לע גערן, זיין פריוואַט-אייגנטום.

— זאָג נאָר, מאָריס! — מאַכט ער צו אים, — דיין אַדאָפּטיר־טע טאָכטער האָט דיך געלאָזט שוויצן!

— אידיאָט! — האָט לע גערן אַביסל אַ באַליידיקטער זיך געבייזערט, זוכנדיק מיט די אויגן ספּי... — זאָגסט עס פּונקט, ווי איך וואָלט געהאַט אַ צורה פון אַ טאַטן!

— ע! ע! פינף־און־פערציק יאָר, אַ גוטע מאָס, מיין אַל־טיטשקער. ביי דעם איצטיקן מאָמענט וואָלסטו געקענט שוין האָבן אַ גאַנצן סקלאַד פון גרויסע קינדער, אויב דו וואָלסט נישט, פּונקט ווי איך, ליבער געהאַט... (ער הוסט אַביסל אונ־טער, און נאָכמאַכנדיק זיין קול דעקלאַמירט ער:) „ליבע אָן ליידנשאַפט און פאַרגעניגן און ריזיקירן".

איבערלאָזנדיק זייער אויטאָ ביי אַ יונג, וואָס האָט זיך אָנגעבאָטן צו היטן יעדן אָנגעקומענעם אויטאָמאָביל, האָבן די דריי פריינט זיך געלאָזט גיין צו דער יונגער פרוי, איווע באַ־זעלעק, האַלטנדיק זיך ביי אַן אידעע, האָט זיך אויסגעפרעגט:

— נו, און מאַדאַם אַרעלי ווי אַלט קען זיין? צוואַנציק? פינף־און־צוואַנציק? דרייסיק?

— ווער קען וויסן?... פאַראַן טעג, ווען נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי הייבט אָן שוין די דריטע עקזיסטענץ — קנייטשט נישט מיט די ברעמען, מיין קליינער, זי אַליין האָט עס מודה געווען, אַמאָל אין אַן אינדערפרי, אויף דער טעראַסע אין בלאָן־ברוג, — זעען אירע דרייסיק יאָר אויס ווי צוואַנציק.. פונדעסטוועגן, ווייסט נאָר איין גאָט און זי אַליין, וויפל בעזעמס זי האָט אויסגעריסן אין פאַרלויף פון אירע דריי... עקספּערי־מענטן.

דאָס מאָל איז מאָריס בייז געוואָרן:

— איך בעט דיך נישט צו באַשמוצן אַן אָרנטלעכע פרוי, וואָס איז מער ווערט פאַר דיר.

— באַשמוצן! פאַר אייך מיינע פריינט איז זי גוט. ס'איז אָבער נישט קיין סיבה, ווייל צוליב דעם, וואָס איר ביידע באַ־גערט איר, אַז...

ביידע צוזאַמען האָבן אַ וואָרף געטאָן:

— אַז?

— וואָרט, כ׳האָב נאָכנישט געענדיקט. פאַראַן אויך טעג, ווען מיט אירע פּרעטענזיעס אויף אַלוויסנהייט קען מען איר באמת נישט אָננעמען פאַר יינג...

— פּרעטענזיעס!—האָט איווע אונטערגעכאַפּט,—עס האָט אים געצויגן צו דער שיינער פרוי, נישט בלויז, ווייל ער האָט זי ליב געהאַט פּיזיש, נאָר צוליב דעם סיורפּריז, וואָס ער האָט אין איר אַנטדעקט אַ גייסט, וואָס איז אָפן פאַר אַלע מיני וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען; אָפטמאָל פלעגט זי זוכן די געלעגנהייט צו רעדן מיט אים וועגן די אַרבעטן פון אַנרי לע גערן. און דער תּלמיד, וואָס איז אַליין אויך שוין געוועזן אַ באַקאַנטער געגנעטיסיען דורך זיינע אַרבעטן איבער די ירושה־אייגנשאַפטן, האָט זיך דערפרייט, וואָס ער האָט געפונען אַזאַ הייסע צוהערערין. אַלנפאַלס — האָט ער אים אָפּגעהאַקט — זענען עס באַרעכטיקטע פּרעטענזיעס.

— ווי איר ווילט. די פרוי צו וועלכע מען האָט חשק לויכט שטענדיק מיט אַלע מעלות ביז דעם מאָמענט, וואָס מען איז באַפרידיקט, דערנאָך, קוויק! דאָס ליכט האָט זיך פאַרלאָשן.

— דער חשק! דער חשק! — מאַכט מאָריס — אָ! די פּאָעזיע און דו...

איווע האָט נאָך מיט מער היץ זיך געקאָכט:

— איר קענט גאָרנישט פאַרשטיין דאָס פאַרגעניגן פון אַ ריינע פריינטשאַפט פון אַ מאַן צו פרוי? אַחוץ דאָס לייגן זיך איז ביי אייך גאָרנישט פאַראַן?

— גאָרנישט. יעדער איינער איז פריי צו טון, וואָס ער וויל, איך האָב ליבער דעם ט...

— שווייג, הזיר!

דער אינזשעניער האָט מיט אַן ענערגישן מאַך מיט דער האַנט אַ סוף געמאַכט צו די געמיינהייטן. זיי האָבן זיך פאַרייניקט מיט די גרופּן נייגיריקע, וואָס זענען געשטאַנען פאַר דער

שענק און געשמועסט מיט די געסט פון די חתונה, וואָס זע־נען געבליבן אין אָמניבוס, פון וואַנען חתן־כּלה זענען אַראָפּ...

— דאָס זענען פישער פון גווילווינעק — האָט ספּי זיי געזאָגט — זיי זענען איצט צוריקגעקומען פון סען־געגנאַלע, וואו זיי זענען געגאַנגען „עולה־רגל־זיין". ס'איז געווען אַזוי הייס, אַז לאָגוען האָט, ווישנדיק דעם שטערן, אָפּגעזיפצט:

— ווען זייער ווייַן וואָלט נישט געווען אַזוי שטאַרק, וואָלט איך אַביסל געטרונקען...

— לאָמיר אַרייַנגיין! — האָט ספּי, וועמען אַלץ האָט אַמו־זירט, פאָרגעלייגט.

נאָר אַ בייסיקע און מאָנאָטאָנע מעלאָדיע האָט אָפּגעקלונ־גען. די גרופּן האָבן זיך געעפנט און עס האָבן זיך באַוויזן די צוויי מוזיקאַנטן אין פליושענע היטן פון וועלכע ס'האָבן אַראָפּ־געהאָנגען אויף די קורצע רעקלעך לאַנגע שוואַרצע בענדער מיט פולע באַקן האָבן זיי אַרייַנגעבלאָזן אין די אינסטרומענטן די מעלאַנכאָליע פון טראַדיציאָנעלן געזאַנג... דערנאָך דאָס יונ־גע פּאָרל. ער אַ שוואַרצער, דיק און קליין. אייַנגעפּרעסט אין צערעמאָניע־אַנצוג, זי, מיט אַן אויסזען פון אַ געשיקטע סאַר־דינען־אַרבעטערין, ווי אויך מיט דער ערנסטקייט פון אַ ברע־טאָנערין, וואָס איז געוואוינט מיט די ים־געפאַרן...

ספּי האָט באַוואונדערט די הויכע קאָפּשפּיצן, וואָס האָבן צוגעגעבן דעם פּנים אַ שטרענגן אויסזען. די גראַציעזע בלוזע מיט העל־פאַרביקע העפטערייען, און דאָס ברייטע שוואַרצע קלייד שמאָל אייַנגעצויגן ביי דער טאַליע. בלויז די זאָקן פון קונצלעכן זייד, און די לאַטשן מיט הויכע אָפּצאַסן האָבן אַביסל געענדערט דאָס אויסזען פון די באָבעס, וואָס האָבן געירשנט פון זייערע אבות...

— דאָס איז אויף אַן אַנדער אופן שיין — זאָגט זי צו מאָריסן — ווי דאָס, וואָס מען האָט דאַמאָלט געזען אין ארזאַן.

זי האָט דאָרט געזען אַרויסגיין פון קירכע אַ דאָרפישע פּראָצעסיע: אַ פּאָרל פון אויפגעקומענע פּויערים: ער אין אַ סמאָקינג, זי אין אַ קלאַסישן דאַמען־טואַלעט. ווייסע הענטשקעס

האָבן פאַרדעקט זייערע גראָבע הענט. בלויז די אַלטע און די עלטערן פון די אָרעמערע זענען געגאַנגען אין דעקאָראַטיווע מלבושים פון אַמאָל. איבערהויפּט איז געווען איינע מיט אַזוי פיל שפּיצן אויף אירע ווייסע האָר, אַז זי האָט אין דעם העל-טונקעלן קלייד אויסגעזען, ווי די קעניגין אַננאַ. זי איז געווען איינע פון די אינזל-איינוואוינער אין וועמען דאָס שפּאַנישע בלוט איז נאָך זייער אָנזעעוודיק אויף די פרויען-שיינקייטן...

„די ים-שליאַכטע"... דעם דאָזיקן נאָמען האָבן זיי נישט גע-גנבעט. ספּי האָט איר באַוואונדערט, ווי זי האָט געפירט דעם טאַנץ, דעם „רידע" אין וועלכן זי וואָלט אַליין מיט פאַרגעניגן אַנטייל גענומען, ווען נישט אַ געוויסע שעמעוודיקע אומדרייסט-קייט, כאָטש איווע באַזעלעק האָט איר דערצו פאַרבעטן...

אָ! ס'איז גאַרנישט געווען אַזוי שווער: דריי טריט אין אַ זייט, אַ קליינע צייט אויפן אָרט, אונטערקלאַפּנדיק מיטן אָפּ-צאַס, אַ סאקאד פון אַלע מיטאַמאָל אויפגעהויבענע אָדער אַראָפּ-געלאָזטע הענט, און אַזוי כסדר... איצט האָבן די פינגער ביי די טענער פון דער מוזיק, וועלכע האָבן אויסגעזען, ווי דער עכאָ פון דער היציקער און רעזיגנירטער ראַסע, זיך פרייוויליק באַהעפטעט. די פאַרלעך מיט אונטערגעהויבענע פיס צום טאַקט. די קייט האָט זיך פלוצים צוזאַמענגעבונדן און זיך אויסגעברייט.

— איצטער, — האָט מאָריס דערקלערט, — גייט מען אַריין.

ער נעמט אָן ספּי ביי איין האַנט, זי דערלאַנגט די אַנ-דערע האַנט איווען. זיי ווערן אַריינגעכאַפּט אין קרייז, וועל-כער דרייט זיך כסדר לויט איין און דעם זעלבן ריטם. אָן אַ סוף. אַ קרייז, וואָס פאַרכאַפּט און שלעפּט מיט, און וואָס דוי-ערט טויזנטער יאָרן. אויף די פּנימער שפּיגלט זיך אָפּ אַ קינ-דערישע צופרידנהייט, די קערפּער ווערן פאַרכאַפּט פון רונד-מאַרש, וואו אַלע מיט צוזאַמענגעשלאָסענע הענט הייבן זיך אויף און לאָזן זיך אַראָפּ, אָדער קלאַפּן צו מיט די אָפּצאַסן אַזוי ווי זיך אָנצונעמען מיט פרישן קוראַזש. די דאָזיקע אייביקע רונ-דע באַוועגונג וואָלט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט, ווען איינער

פון די מוזיקאַנטן וואָלט נישט אינמיטן דערקלערט, אַז דער האַלדז איז אים טרוקן...

איצט איז עס שוין געענדיקט, די כלה מיט די אונטער־פירערינס, וועמען ספּי האָט אָפּפאָטאָגראַפירט מיט קאָדאַק־אַפּאַ־ראַט, וואָס זי האָט אַרויסגעכאַפּט פון לאַגוּענס הענט, זענען צוריק אַרויף אויפן אָמניבוס. לאַגוּען איז דער ערשטער צוגע־לאָפן צו זייער אויטאָ, און אויסטרופנדיק „פּאַסאַזשירן קיין אַר־יערני, איינשטייגן!" ער איז דער ערשטער אַריין אינעווייניק.

— איר ווייסט, איר טאַנצט דעם „רידע" ווי אַ קאַריגאַ־נערין!— האָט מאָריס זי געריימט.

— פּונקט אַזוי! — באַשטעטיקט איווע, וועלכער קוקט מיט אַ באַדויערונג, וואָס גיט זיך אים נישט איין צו באַהאַלטן, ווי ספּי זעצט זיך אַוועק לעבן אינזשעניער, וואָס זיצט ביים מאָטאָר.

זי באַדאַנקט קאָמיש מיט אַן אויג אויף רעכטס און אַן אויג אויף לינקס, זי ציטערט נאָך אינגאַנצן פון דער געזונטער אויפרעגונג, און דער געדאַנק, אַז איצט פאָרן זיי צוריק צום ים, מאַכט איר אַזוי קינדיש־פריי, אַזוי ווי זי איז עס געווען אין די זאָרגלאָזטע צייטן פון אַמאָל, ווען זי האָט אַ זינגנדי־קע זיך געוואָרפן אין וואַסער.

איר שווערע פאַרגאַנגנהייט, וועמענס אומזעבאַרע לאַסט זי האָט נאָכגעשלעפּט אין פאַן־פעניק, האָט זי נאָך אַ לעצט מאָל אויפגעלעבט אויף דער טעראַסע אין בלאַן־ברוג: די פינצטערע טעג פון שאַטאָרוזש און פון מאַרסעל, די אַגאָניע און דער תחית־המתים פון איר יוגנט; דערנאָך איר קורץ גליק מיט פּיער בערניע, די דאָזיקע שרעקלעכע פאַרייניקונג פון ליבע און טויט; איר שפּאַנען צווישן די מענטשלעכע בהמות אַזוי לאַנג ביז דאָס לעבן האָט ווידער אין איר אויפגערייצט די אילוזיע; די פאַרלוירענע פיר יאָר מיט אַלעקסאַנדערן; דער איינדרוק צו האָבן געפלאָסן, ווי אַן אונטערערדישער קוואַל, די גאַנצע צייט אין דער פינצטער און דערנאָך מיטאַמאָל ווידער צו דערשיי־נען אין דער ליכט... אַלץ איז פּלוצים בליענדיק, ניי!

אין דער דאָזיקער שעה, ווען די נייע ספּי האָט באַקומען

ס׳באַוואוסטזיין פון איר צוריקגעפונענע ענערגיע, זענען אין איר פאַרשוואונדן געוואָרן די אַלע פּרויען, וואָס זי איז געווען ביז איצט. זי האָט זיך געפילט ווי אַ יונג פרייליק ווען מיט וואַקסנדע קרעפטן וועמען חלומות און ווייטיק האָבן אָפּגענאַרט.

דאַמאָלס, ווען דער אויטאָ איז געפלויגן איבער דער ערד, האָט זי אָנגעהויבן זינגען, מיט דער אייגענער זאָרגלאָזיקייט, מיט דעם אייגענעם פאַרגעניגן, ווי ביים טאַנצן. אַלטע לידלעך פון אַלע פּראָווינצן, אָדער אויפן געבעט פון מאריסן און איווען די רעפריינען פון אַרמאָר-געזאַנג האָבן אָפּגעהילכט מיט זיי-ערע הילצערנע שטעקשיך... עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן די צוויי ברעטאַנער, ווי ס׳דאָזיקע קול וואָלט אַרויסגעקומען פון האַרץ פון זייערע דערפער, ווי ס׳וואָלט אַרויסגעשפּראָצט פון די ביימער, פון גראָז. ספּי איז זייערע! די פּאָעטישע פאַנטאַזיע פון איווע האָט איר פאַרגלייכט מיט וויוויאַן. מאָריס דער פּראָזאיקער האָט אויפגעזונגען:

איך בין נישט אַזוי מיאוס
מיט מיינע שטעקשיך...
ווייל דעם קעניגס זון האָט מיך ליב
מיט מיינע שטעקשיך.
האָ! האָ! האָ! מיט מיינע שטעקשיך!..

אַפילו לאָגוען האָט אונטערגעכאַפּט דעם רעפריין.

באַלד אַריבערפאָרנדיק קעריט, האָט זיך באַוויזן דער הויכער בנין פון לייכט-טורעם... עס האָבן אים אַרומגערינגלט קוישן מיט שפּילצייג, געהאָפטענע שפּיצן אין קאָפּע-הייזער. לאָ-גוען האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קאַסטן אין שאָטן פון אַ גירלאַנדע, און האָט ענערגיש זיך אָפּגעזאָגט אַרויפצושטייגן אויפן טורעם. נישט קוקנדיק, וואָס זי האָט נישט ליב געהאַט קיין פּאַנאָראַמע-אָנזיכטן מיט די אָבליגאַטאָרישע דערקלערונגען, האָט ספּי, באַגלייט פון אירע צוויי דינסט-פּאַרטיקע הערן, גע-האַלטן פאַר אַ כבוד אַריבערצושפּרייזן די דריי הונדערט און זיבן טרעפּ. מיט דרך-ארץ האָט זי איבערגעלייענט די אויפ-

שריפט, וואָס די טאָכטער פון מאַרשאַל דאַוואָוס, וועלכער האָט געשאָנקען דאָס געלט פאַר דעם לייכט-טורעם, האָט געלאָזט אויסקריצן אויף דעם מאַרמאָר, ביים איינגאַנג: איך וואָלט וועלן, אַז דער לייכט-טורעם פון עקמוהל זאָל ווערן אויפגעשטעלט אויף דעם אָרט... די פאַרגאָסענע טרערן דורך די גרויזאַמקייטן פון מלחמות, וועלכע שרעקן מיך און וועלכע איך פאַרהאַס, וואָס אַמאָל שטאַרקער, זאָלן ווערן אויסגעקויפט דורך די געראַטעוועטע לעבנס פון די שטורעמס...

...יאָ, שטאָלץ איז די מאַטראָזן-ראַסע, — פון די דרייסטע אומדערשראָקענע ברעג-שווימער ביז די איינפאַכסטע, אייביקע ים-אַרבעטער! זי דערמאָנט זיך אין דער פוילער גלייכגילטיקייט פון די מאַטראָזן פון דרום-קאַנט, און מיט אַ שמייכל פאַרגלייכט זי זיי. דאָס געזעץ פון דער סביבה, פון קלימאַט... דאָ האָט מען געמוזט אַרויסרייסן צאָרניק ביים אָקעאַן דאָס, וואָס דער מיטלענדישער האָט פרייוויליק געגעבן אויף זיין אַזור-טאַץ...

און די אויפריכטיקע פנימער פון אירע נייע פריינט, אין זייערע הימל און וואַסער-קאָלירטע אויגן, האָט זי מיט סימפּאַטיע באַמערקט דעם אויסדרוק פון חלום און פון אַקטיוויטעט, וואָס האָט אין פאַרלויף פון צייטן זיך פאַראייניקט אין איינעם.

די עקשנותדיקע אָנשטרענגונגען פון אַ ראַסע און איר אומאָפּגעשוואַכטע האָפענונג. זי האָט זיך געפילט אַ נאָענטערע צו זיי און געשטרעבט זיי בעסער צו קענען... מאַריס איז אַ דרייסטער רעאַליזאַטאָר, ווען דער איינגעבוירענער קאַטאָליזם האָט נישט געשטערט צו ווערן אַ געלערנטער אָן גענזן-פיסלעך... איווע איז מער אידעאַליסט, פיל טיפער נאָך אפשר, ווי דער ערשטער, און אין זיין אַטעאיזם דערגייט ער אַסך ווייטער, ביז דעם עקסטרעמסטן פונקט פון דער ביאָלאָגיע און זיינע פאָרשונגען...

דער וועג פון פּאָן-מאַרק ביז גואַיאַוואַן, וועלכן מען האָט געדאַרפט נאָכאַמאָל איבערפאָרן, כדי צו קענען פאַרקירוועז אויף דרום האָט זיך איר אויסגעוויזן, ווי אַ בליץ, פּלוצלינג איז פון אַ טאָל דערשינען אַדיערן, דאָס לויכטנדע צירונג פון די בערג,

וואָס זענען די שמאַראַגדן פון פּאָרט. ספּי, פון אָנפאַנג אַן אַנ-טוישטע, ווייל זי האָט זיך געריכט אָנצוקומען צום אָקעאַן, האָט איצט פון התפּעלות געפּאַטשט מיט די הענט, אַזוי האָט דער ברעג מיט די פישער-שיפלעך ביים ראַנד פון אַלטע הייזלעך אויסגעזען הערלעך. איבערהויפּט די פיל פאַרביקע לייוונט פון די מאַסטביימער אויף וועמענס שפּיצן ס׳האָבן זיך געטרוקנט די בלאָע נעצן.

שעהן לאַנג האָבן זיי גרומשפּאַצירט אויף דעם קלעביקן באָדן צווישן אַלטע פיש-הענדלער אַהין און אַהער גייענדע פישער מיט באָרוויסע פיס, אָנגעטוען אין קליידער, ווי פאַר-פוילט האָלץ. זיי האָבן געקוקט אויף די אָנגעקומענע שווערע געלאָדענע שיפן פיל מיט פערלדיקע סאַרדינען, און אויף דעם גאַנצן רוישיקן, געזונטן און שווערן לעבן...

פאַרן נאַכט-עסן האָבן זיי געמאַכט אַ שפּאַציר צום דער פּליאַזשע, וועלכע האָט זיך געפונען אַזוי ווייט, אַז ווען זיי זענען דאָרט אָנגעקומען איז שוין געווען צו שפּעט צו קענען זיך באָדן. ס׳האָט זיך דאַן פאַרבונדן צווישן זיי אַ לאַנגער גע-שפּרעך. געטריבן דורך ספּיס אומדערמידלעכן נייגיר, האָט דער אינזשיניער (רעדנדיק וועגן זשאָרזש לאַכאָווסקיס טעאָריע) אָנ-געהויבן לאַנג אַרומצורעדן זיינע אייגענע פאָרשונגען אויפן אומבאַגרענעצטן געביט פון עלעקטריציטעט.

נאָך דעם האָט מען זיך געוואונטשן אַ גוטע נאַכט. פאַר ספּי איז זי געווען אַ זיסער אָפּרו און אָן חלומות, אין דער פרי, באַגריסנדיק מיט אירע חברים, איז איר גאָרנישט איינגע-פאַלן, וואָס פאַר אַ פּלאַץ זי האָט פאַרנומען אין זייערע בעטן.

לאָגוען האָט געהאַט אַ פרייליכע מינע. ער האָט אָן באַדויערן פאַרלאָזט ס׳דאָזיקע לאָך וואו דער געשטאַנק איז געווען אומדערטרעגלעך, „צוליב די אַלע פאַרפוילטע סאַרדינען, וואָס מען האָט זיך אָנגעזען, וועט איר פאַרלירן דעם חשק זיי צו עסן פון די שאַכטל!״ ספּי אָבער האָט געהויבן מיט די אַקסל:

— אָדיערן פאַרשמעקט מיט זיינע זאַלצן און בוימאייל!.. דאָס הייסט אַ פּאָרט!

— אויב אַזוי, ווען דוּאַרנענע אויך געפעלן, — האָט איר מאריס פאַרשפּראָכן.

דאָרט האָבן זיי געזאָלט איבערנעכטיקן: ס׳איז געווען דער ענד-ציל פון זייער רייזע, צוליב די לאָקאַלע פייערונגען, וואָס דער קאָנגרעס פאַר ברעטאַנער דערהאַלטונג האָט אָרגאַניזירט אונטערן צייכן פון דער שטעכיקער בלום בלאָן-ברוג. גרויסע טענץ-קאָנקורסן און אייגנאַרטיקע קאָסטיומען.

ספּי האָט זיך פאָראויס דערפרייט פון דעם פאָרשטייענדן באַזוך אין Pointe de Raz אויף דעם אָרט וואו די ווינטן באַגעגענען זיך...

— איר ווייסט, דאָס מאָל וועט איר האָבן צופיל לופט!— האָט איר איווע דאָקטאָריש געעצהט, זעענדיק, ווי זי זעצט זיך אויף איר אָרט פון פאָרנט. ס׳בלאָזט זיך שטאַרק אויף דער פלאַכקייט.

— איך האָב אַזוי ליב דעם ווינט אויפן פּנים!

— אויב אַזוי, וועט איר אים האָבן,— האָט ער געמורמלט, אוועקזעצנדיק זיך אַ רעזיגנירטער לעבן לאָגוען.

ער באַטראַכט די פּלייצעס פון זיין קוזין און פון דער דאָזיקער צויבערן, וועלכע ער האָט נאָך מיט פופצן טעג צוריק נישט געקענט און צו וועלכער, אַליין נישט וויסנדיק ווי אַזוי ס׳איז געשען, ער פילט זיך איצט אַזוי צוגעבונדן. אָ, ניין! ער קאָן איר גאָרנישט פאָרוואַרפן. קיין שום קאָקעטעריע, קיין שום פאָרצוג צו דעם, אָדער דעם אַנדערן אָן פּשוטע חברשאַפט. און דאָך, זעענדיק די צוויי וועזנס, זייט ביי זייט, די ברוסטן אַרויסגעבויגן פאָרויס מיטן אייגענעם דראַנג, וואָס טרייבט זייער אויטאָ, פילט ער מיט פאַרביטערונג ווען ספּי דרייט זיך אום מיטן פּנים צו מאַריסן, אַז אַ פיזישע סימפּאַטיע דערנענטערט זיי. פאַרוואָס אייגנטלעך זאָלן זיי נאָך אַלעם נישט פּראָפיטירן פון זיך? ביידע זענען זיי פריי פון פאָראורטיילן און פון אַלע פליכטן... אָבער, ווי וואָלט ער איר בעסער פאַרשטאַנען מער געליבט! אָט אַזוי גייט ס׳לעבן. נישט דעם איידעלן, נאָר דעם ענערגישן שמייכלט עס צו.

דער אויטאָ איז געפֿלויגן צום Pointe de Raz. ספּי וואָלט נאָך געזונגען, ווען דער איינדרוק פון פּייזאַזש, זיין גרויסקייט און שטילקייט וואָלט אין איר נישט גובר געווען דאָס באַרוישונג פון דער געשווינדקייט. מען איז אַדורכגעפאָרן די פעלזיקע פּלאַכקייט, וועלכע קיין שום געוויקס האָט נישט באַלעבט. דאָ און דאָרט האָבן די נידעריקע הייזלעך מיט זייערע ווענט פון אַ רעגן-קאָליר און גלאַנציקע דעכער אויסגעזען, ווי פאַרלאָזטע קברים...

באַלד האָט זיך באַוויזן לעקאַרף מיט איר איינציקע גאַס, און מחנות וועג-פירער ביי יעדער שוועל. יינג און אַלט האָט זיך אַ לאָז געטון צו די אויטאָ-טירלעך, און נאָכלויפנדיק האָבן זיי זיך איינער דעם אַנדערן איבערגעשריגן, ביז מאָריס האָט זיי מיט ענערגישע ברעטאַנער ווערטער ביסלעכווייז אינגאַנצן פאַרטריבן. ענדלעך האָט זיך פון צווישן די האָטעלן אַרויסגעהויבן די ווייסע טעלעגראַף-געביידע מיט זיין נידריקן טורעם.

דעם אויטאָמאָביל האָבן זיי איבערגעלאָזט הינטער אַ בוים, אויף וועלכן לאָגוען האָט אַכטונג געגעבן, זיך מאַכנדיק באַקוועם אויף דער קאָמפאָרטפולער טעראַסע פון „אַטלאַנטיק", זאָגנדיק מיט צופרידנהייט „געבענטשט זאָלן זיין די אַמעריקאַנער!" מאָריס האָט פאָרגעלייגט צו גיין מאַכן דעם אויספלוג. נאָר דער בערזע-מעקלער האָט פּראָטעסטירט.

— אָ! ניין! צו אַלדי רוחות מיט דעם שפּאַציר אין גיהנום פון פלאָגאָף! דאָס איז גוט פאַר די פיס פון מאַדאַם אַרעלי!

— לאָמיר גיין! — זאָגט ספּי.

— נעמט מיין שטעקן. — האָט איווע פאָרגעלייגט.

— וואָס אייך פאַלט איין!

— לאָזט מיך יעדנפאַלס גיין דער ערשטער. — האָט מאָריס זיך אָנגערופן. — פאַראַן דאָרט אַסך נישט באַקוועמע ערטער...

אָבער נישט קימערנדיק זיך וועגן זיי ביידע האָט זי אויסגענוצט דעם מאָמענט, וואָס זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן ביי דער סטאַטוע פון דער נאָטרע-דאַם פון די דערטרונקענע, וועמענס מאַרמאָר (צו וויים!) איז געוואָרן אויפגעשטעלט בעת

זיי זענען דאָ ס'ערשטע מאָל פאַרבייגעפאָרן... „מיט פינף-און-צוואַנציק יאָר צוריק, האָט זיך מאַריס דערמאַנט, ביסטו אַלט געווען זיבן יאָר, האָסטו, איוואָן, זיך אָנגעהאָנגען אין מיין רעקל, ווייל דער צפון-ווינט האָט שטאַרק געבלאָזן... און איר זענט גאָר-וואָס געבוירן געוואָרן..."

ביי די ווערטער איז זי אַוועק אַ פאַרטראַכטע: „אַ מאָדנע באַגעגעניש פון שיקזאַלן!" פון אַ פאַרגאַנגענהייט, אין וועלכע זי האָט נאָך באמת נישט עקזיסטירט, האָט זיך אַרויסגעשיילט און געריכטעט אויף איר וועג, דער דאָזיקער מענטש, וועמען זי איז שולדיק דאָס, וואָס זי לעבט צום צווייטן מאָל... ער איז נישט געווען און וועט אָן ספק קיינמאָל מער פאַר איר נישט זיין, ווי אַ פריינט... פונדעסטוועגן האָט זי באַמערקט, אַז ער באַגערט זי אײַנגאַנצן און אַז זי קאָן נישט זאָגן, אַז ער געפעלט איר נישט. באַ! אַז מען וועט לעבן, וועט מען זען!... וואָס אָנבאַלאַנגט איווע, האָט זי אין דעם מאָמענט קיין איין סעקונדע וועגן אים נישט געטראַכט.

— קויפט געהאָפטענע שפּיצן, מאַדאַם!

זי איז צוריקגעשפּרונגען. אַ ברוין מיידל מיט צעשויבערטע האָר מיט ברודיקע הענט טראָגט איר צו הינטער דער נאָז אַ קאָרב מיט קליינע סערוועטלעך און נאָזטיכלעך. פון וואַנען האָט זי זיך גענומען? אַרום איר האָבן דריי מאָגערע שעפּסלעך געקייט. מיט וואָס פּאַשען זיי זיך, מיט דער טרוקענער ערד? די פּאַסטעכין ווייזט אויף דעם איבערבלייבעניש פון איר סטאַדע, וועלכע לעקן די פעלזן...

— קויפט, מאַדאַם! דער זומער איז פאַר אונז דער איינציקער מאָמענט, ווען מען קאָן פאַרקויפן. ווינטער קומט קיינער נישט צו אונז...

— וואָס טוט איר דאַמאָלס?

— מען העפט. איר ווייסט, ווי שווער ס'איז, ווען דער שטורעם רייסט די לאָדן, ווען ס'וואַסער שטורעמט אויפן ברעג און די מענער זענען אויפן ים!..

מיט רחמנות באַטראַכט ספי דאָס אונטערטעניקע פּנים,

אויף וועלכן ס'האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ כיטרעקייט... וואָס פאַר אַ גורל! וועלכע געזעלשאַפט וועט דאָס אַמאָל קענען פאַר־בעסערן!.. כדי פּטור צו ווערן פון מאָגאָטאָנגעם „קויפט מאַדאַם!" נעמט זי אַ שטיקל שמאַטע און באַצאָלט צוויי מאָל אַזוי פיל, ווי ס'איז ווערט, דערנאָך טיף אַריינאָטעמדיק די לופט פון דער ריזיקער ים־מאַסע, לאָזט זי זיך איבער די חורבות, איבער־שפּרינגענדיק אויף דעם צוגן־וועג. זי הערט נישט די געשרייען, וואָס רופן איר.

זי פרייט זיך, וואָס זי איז אַ פרייע חיה מיט עלאַסטישע מוסקולן, וואָס גלייכט זיך אויס איינזאַם אויף דער זון און אין ווינט. ס'בלאָזט געוואַלדיק, פאַרדעקנדיק מיט שוים די פעלזן, וואָס אונטער אירע פיס. פון אַ שמאָלע פלאַכקייט, וואו זי איז אַרויפגעקראָכן, זעט זי אויף רעכטס דעם אויסגוס פון טרעפּאַסע, וואו די וואַסערן האָבן אַמאָל בעת גרויסע שטורעמס אַרויסגע־וואָרפן אויפן ברעג שטיקער פון אונטערגעגאַנגענע שיפן און טויטע קערפּערס... אַ נאַקעטע לאַנקע פאַרדעקט דאָס איינגע־זונקענע ים, וועמענס קירכן־גלעקער, דערציילט מען, מען הערט טיילמאָל קלינגען און וועמענס ווילדן און זידיקן אימפּעט עס האַלט איין דער ריזיקער אַלטער מאָנומענט פון Pointe de .Vane

זי דרייט זיך אום... מיטן פּנים צום פולן ים, איבער אַ רייע מעכטיקע גראַנאַט־שטיקער, טרעפּ פון ריזן, וואָס די יאָר־הונדערטער האָבן צוזאַמענגעבראָכן און וועמענס פונדאַמענט רוען אין די פאַרזונקענע ים־שטיינער, שטייט דער „לייכט־טורעם פון די אַלטע", וועמענס סירענע הערט נישט אויף צו הילכן אין פאַר־נעפּלטע טעג. דעם בנין האָבן געשמיסן די צאַרניקע כוואַליעס, אונטער וועלכע עס האָט זיך אויסגעשפּרייט דער שרעקלעכער פּאַס פון גרינעם און מערדערלעכן פעלד פון Raz de Sein, ווי ים־פעלזן באַדעקט מיט שווימענדיקע בלומען „פליקן אויס די וואָל ביי די אומגליקלעכע ים־שעפּסן".

דער דאָזיקער פּערז קומט איר פון זיך אַליין אין זיכרון. מעכאַניש חזרט זי עס איבער, ציטירט, זוכנדיק מיט די אויגן אין

דער טיף פון האָריזאָנט דאָס סודותדיקע אינזל, וואו די דראוּדן האָבן געהערשט. איר נשמה רייסט זיך אַוועק אין דער אומענדלעכקייט. זי פילט נישט מער קיין ערדישע שווערקייט, זי איז בלויז שאַפונגס־קראַפט, די פרוכט פון דער אוניווערסאַ־לער ליבע...

אין איר קליינע ציטעריקע און נערוועזע פערזאָן ציטערט נישט בלויז פּראָוואַנע און ברעטאָן, נאָר גאַנץ פראַנקרייך, וואָס בייגט זיך אַריבער ביי דעם עקסטרעמען פונקט פון אייראָפּע. די פירערין פון די אַלטע וועלט פון וואַנען די נשמה פליט אַוועק, אויף צו אַנטדעקן אַ נייע... ס׳איז אַ באַשיידענער, גוטער, מענטש־לעכער ווילן, וואָס שווימט לויטן קאַפּריז פון אָפּפלוס און צו־פלוס, וועלכער אָבער אַ באַהערשטער פון איבערנאַטירלעכן, אַ דורשטיקער נאָך „אַ יענע וועלט״ וואַרפט ער דעם הימל מיט התלהבות די מתּנה פון זיין טרוים, וואָס רייסט זיך צו דעם ווייטסטן ברעג, און צום העכסטן שפּיץ!...

— ספּי! ספּי!... וואו זענט איר?

— ענטפערט!

דאָס זענען מאַריס, רויט, פאַרסאָפּעט און איווע אינגאַנצן אַ בלאַסער, וואָס לויפן איר נאָך... „אוּף! האָט איר אונז אַביסל אָנגעשראָקן!״ זי לאַכט שטיפעריש פון זייער עמאָציע. אַלע צו־זאַמען מיט ספּי אין דער שפּיץ זעצן ווייטער פאָר דעם וועג איבער די אָפּגעריסענע פעלזן און געפערלעכע בויגונגען, נישט אַרויסרעדנדיק דערביי קיין וואָרט. מאַריס קען נישט אָפּרייסן זיינע בליקן פון דיקן פלייש פון אירע פיס, וואָס באַהערשן אים אַזוי. איווע גייט נאָך אַ רעזיגנירטער. פאַרברענטע פון ווינט זענען זיי צוריק געקומען צום באַרג, וואו די פאַסטעכין איז נאָך אַלץ געשטאַנען און זיי אָפּגעוואַרט. זי איז געשטאַנען אַזוי, אַז דער ווינט האָט אינגאַנצן בולט געמאַכט אירע פיס און ברוסטן.

— קויפט ביי מיר, מיינע הערשאַפטן!

— אָ! ניין, — האָט ספּי פּראָטעסטירט, ווייזנדיק דאָס גע־קויפטע.

מאריס האָט אָבער דורכאויס געוואָלט איר געבן אַ סער-וועטל צום אָנדענקען, און איווע אויך...

— וואָס ווילט איר, איך זאָל מיט זיי מאַכן?

— פאַר אייער צוקונפטיקער באַלעבאַטישקייט! — האָט די איינגעשפּאַרטע פאַרקויפערין געעצהט מיט אַ צווייַדייטיקן שמייכל אויפן אַדרעס פון מאריסן.

ביידע האָבן אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער.

— זי טויג זיך צום מסחר. — האָט מאריס אַן אַמוזיר-טער געזאָגט.

— זאָל זי עס באַהאַלטן פאַר אַנדערע!...

איווע איז אַ צאָרניקער אַוועק צום אויטאָ.

## IV

אַריבערפאָרנדיק „די ווייסע זאַמדן“ האָט לאַגוּען, וועלכער האָט נאָכגעקוקט אין „מישעלען“, אַ זאָג געטון:

— אפשר וועלן מיר נעכטיקן אין „טרעבול“? די האָטעלן זענען דאָרט אביסל באַקוועמער.

— אויב אַזוי, — האָט מאריס מסכים געווען, — איז נישטאָ וואָס זיך צו ישובן!...

איינער פון די פאָרוואורפן, וואָס ספי האָט געמאַכט, רעדנדיק וועגן טוריזם, איז געווען די פאַרנאַכלעסיקטע גאַסט-הייזער. אַחוץ דעם אומנוצלעכן לוקסוס פון געוויסע האָטעלן, וואָס נאָר אויסלענדער מיט אַ הויכער וואַלוטע קענען דערפון געניסן וואָלט מען דען נישט געברויכט איינפירן, אַז אויך אין די איינפאַכסטע האָטעל-צימערן זאָל זיין אַמווייניקסטנס לויפנ-דיק וואַסער? ס'איז שרעקלעך, ווי דאָס דורכשניטלעכע פראַנק-רייך איז געבליבן שמוציק!... זי האָט גלייכצייטיק געטראַכט אויך וועגן דעם אומדערהערטן מצב פון די שלעכטע וואוינונגען אין מאַרסעל, וואו זי האָט געלעבט אין אַ פיזישע און מאָראַלישע דערנידערנדיקע זאָרגלאָזיקייט, אַזוי ווי אַזויפיל אַנדערע צוליב אומווּיסנקייט אָדער צוליב דעם ווייל זיי זענען געצוואונגען, זענען צוזאַמענגעקוועטשט, ווי עלענדע בהמות אין שטאַלן. איוועס קול האָט פון איר פאַרטריבן דעם קאָשמאַר.

— אין דואַרנענע וועלן מיר פון אַ פענצטער קענען זעען די גאַנצע דעפּיליאַדע.

דער געדאַנק וועגן באָדן זיך, — וואָס מען האָט נעכטן פאַרשפּעטיקט און וואָס איז איצט אָבער מעגלעך געוואָרן — האָט אים צוריק געקערט דעם מוט. פון דער צייט אָן, וואָס ער האָט געהאָלפן ספּי אַרויסשלעפּן פון וואַסער אַ נאַקעטע פון די היפּן ביז די ברוסטן, האָט אים דאָס דאַזיקע בילד פאַרפאָלגט.

די טעראַסע פון האָטעל, וועלכן זיי האָבן אויסגעקליבן איז אַריבערגעהאָנגען איבער אַ שמאָלן פּאַס פון פיינעם זאַמד, וועלכעס דער שטייגנדער ים האָט אַרומגענומען מיט זיינע קליינע כוואַליעס... ווען ספּי איז אַרויס דעם פּעניואַר אויפן באָד-קאָסטיום איז שוין לאַגוען געשטאַנען ביים גלעזל וויין און מיט דער לאָרנעטע געקוקט אויף דעם נאַקעטקייט, וואָס די באָדנדיקע האָבן אַרויסגעשטעלט. פון זאַמד איז מער קיין צייכן נישטאָ. ס'וואַסער קלאַפּט אין די טרעפּ פון די שטיגן. איווע וואַרט, זיצנדיק אויפן לעצטן טרעפּל, און הערנדיק ספּיס קול: „שוין גרייט?" דרייט ער זיך אום. ער באַמערקט דעם חוזק אין אירע ווערטער... יאָ, ער דער ציטעריק-אָפּגעהיטענער האָט זיך אַדורך געשטויסן דורך אַלע, כּדי אַ צוגעשמידטער צום אָרט איר אָפּ-צוּוואַרטן דער ערשטער... אָבער נישט אים האָט זי געדרענגט דאָ צו געפינען!...

ספּי קאָנסטאַטירט מיט באַדויערונג.

— מען קען דאָ נישט שווימען! מען מוז זיך דאָ איינ-נעצן ביסלעכווייז.

— כאַפּט זיך אַרויף אויף מיינע פּלייצעס! איך וועל אייך צוטראָגן ביזן טיפן וואַסער.

— איר וועט מיך נישט קענען דערטראָגן!

זי לאַכט רחמנותדיק. אַ באַליידיקטער ווייזט ער אָן אויף מאַריסן, וועלכער קומט אָן:

— זעלבספאַרשטענדלעך, אַז איך האָב נישט אַזעלכע ברייטע פּלייצעס, ווי מיין קוזין. טאָמער פאַלט איר אַראָפּ וועט דאָס איבערדרייען זיך מיט אים זיין אָנגענעמער.

וואָס האָט אים אַ ביס געטון? ספּי קוקט אים אָן אַ דער־שטוינטע. וואָס האָט זי אַזעלכעס געטון, אַז ער זאָל דאַרפן אַזוי קלערן? נאָך אַלעם דערעסן איר ביידע מענער מיט זייערע חשבונות, אין וועלכע זי האָט נישט געבעטן מען זאָל איר אַריינגעמען... און נישט וואַרטנדיק אויף דעם, ווי אויך נישט אינטערעסירנדיק זיך מער מיטן אַנדערן, איז זי שוין ווייט שניידנדיק ס׳שוימיקע וואַסער.

צו מאָרגנס, זיצנדיק אין אויטאָ, וואָס האָט זיי געפירט קיין דוואַרגענע, איז זי געווען ס׳געלעכטער גופא. איר גוטער הומאָר ווירקט, ווי אַן אָנשטעקונג אויף אויף די דריי מענער. לאַגוען און איווע ווייסן נאָך נישט די סיבה דערפון, אָבער מאָריס, וואָס קען ער דעריבער טראַכטן?

נעכטן ביינאַכט, אין דער צייט ווען איווע האָט אין קאָ־רעספּאָנדענץ־סאַלאָן געענדיקט שרייבן צו זיין מוטער, האָט מאָריס זי באַגלייט ביז איר טיר און אויסנוצנדיק איר סורפּריז און דאָס, וואָס זי האָט נישט געוואָגט צו שרייען, האָט ער, נישט קוקנדיק, וואָס זי האָט זיך געווערט, איר אַרומגענומען און באַ־העפט זיינע ליפּן צו אירע, אויפּברויזנדיק אין איר אַלע חושים, אַלע כוחות, איר ווילן. אַנידערפאַלנדיק אויף אַ שטול, האָט זי געשלאָכצט און (אין דער צייט ווען ער האָט זיך אַנטשולדיקט) געבעטן: „לאָזט מיך אָפּ, איך בעט אייך”... ער האָט געפאָלגט.

היינט אין דער פרי, זעענדיק, אַז זי האָט פאַרשפּעטיקט, האָט ער נישט געקענט ביישטיין דעם פאַרלאַנג צו גיין איר אָנקוקן אַליין פריער, ווי די אַנדערע און אונטערן אויסרייד געוואויר צו ווערן, וואָס ס׳הערט זיך איז ער צו איר אַריין. ער האָט גלייך דערפילט, אַז זי האָט אים מוחל געווען. ער האָט איר ווידער אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס... זייערע ליפּן האָבן זיך דאָס מאָל ביידע פרייוויליק פאַרנייגט. און ווען זי האָט אים ענדלעך אָפּגעשטויסן האָט ער עס געקענט אָנעמען, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל באַזעלעק און לאָגוען האָבן הינטן אויף זיי געוואַרט... דער געדאַנק, אַז ער פאַרשטייט אפשר נישט די סיבה פון איר ענדערונג האָט פאַרטאָפּלט איר פרייליכקייט.

נישט אויפהערנדיק צו שפּאַסן האָט זי אַנאַליזירט אירע געדאַנקען: טרערן, געלעכטער, דאָס זענען פאַרשידנפאָרמיקע רעאַקציעס פון איין און זעלבן געפיל: די ליידנשאַפטלעכע אויפרעגונג. נאָך מער! אַ געזונט, יונג און פריי ווייזן, מאַן אָדער פרוי, וועט תמיד ווערן אויפגערעגט דורכן הייסן קאָנטאַקט פון אַ געזונט, יונג און פריי וועזן. ווען איך גיב צו פריי, מיין איך דאָס פערזענלעכע באַוואוסטזיין. ווייל דער געדאַנק פון פאַרשאַפן ליידן אָדער אַן אומרעכט אַ צווייטע פרוי וואָלט פאַר מיר גענוג געווען זיך צו באַהערשן... פריי! זיך פילן פריי! וואָס פאַר אַ פרייד! וואָס פאַר אַ קראַפט! דער לעצטער סך-הכל איז, אַז איך גלייב, דאָס די דאַנקבאַרקייט, וואָס איך בין אומשולדיק, האַלט אין איבערגיין אויפן צווייטן פלאַן פון מיינע געפילן!... געפילן—איז דאָס ריכטיקע וואָרט? פאַרוואָס זאָל מען די זאַכן נישט אָנרופן ביי זייער אמתן נאָמען?... דער אינסטינקט אין זיין נאַטירלעכסטער באַפרידיקונג. דאָס איז אַלץ...

אַ הו-האַ, געשריי. וואָס איז געשען? איינע פון די באַפוצונגס-בענדער מיט די אויפשריפט „Breir de Viriken" וואָס זענען געווען פאַרצויגן איבער דער גאַס, וואו זיי זענען דורכגעפאָרן, איז אַרויפגעפאַלן אויף זייער אויטאָ און זיך איינגעפלאָנטערט אין די רעדער. מען האָט עס אויפגעפלאָנטערט. אַ לאַנגע רייע אויטאָמאָבילן רוקט זיך פּאַמעלעך פאָראויס צום קליינעם האָטעל, וואו מאָריס האָט באַשטעלט אַ טיש אָפּצועסן מיטאָג, און אַ פענצטער אויפן ערשטן שטאָק נאָכצוקוקן די דעפילאַדע. דער ברוק און די טראָטואַרן זענען איבערפולט פון נייגיריקע, אַלע פענצטער פון דער שמאָלער גאַס זענען באַצירט מיט פענער און רויזן בלאַן-ברוג...

דער שפּייזע-זאַל איז שוין פול געווען, ווען זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין זייער רעזערווירט ווינקל. די פאַרפאָרעטע קעלנער מיט זיילן-הויכע שטויסן טעלער אויף די הענט האָבן מיט מי זיך דורכגעשטופּט צווישן די צוזאַמענגעקוועטשטע צעהוליעטע פאַרזאַמלטע. די אויסלענדער, וואָס האָבן זיך אָפּגעגרענעצט ווי אַ באַזונדער אינזל צווישן דעם אַלגעמיינעם

טאַראַם, האָבן זיך אַמוזירט ביי די לידער, וואָס „צוריקגעקומענע געסט פון אַ חתונה", וועלכע האָבן פאַרנומען דעם גרעסטן טיש, האָבן געזונגען אויפן גאַנצן קול אָן אויפהער: ערנסטע פאַרצייטישע הימנען, וועלכע די ברעטאַנישע לערער אָדער גלחים האָבן אויסגעבעסערט... טיילמאָל האָט אַ נאַריש קאַפע־ליד געפּרואווט זיי איבערשרייען, ס'איז אָבער גלייך פאַרזונקען געוואָרן אין דעם פאַרגרעסערטן כאָר פון די שכנישע פריינט און באַקאַנטע פון די חתונה־געסט. די כלה, אָנגעטון ווי אַ פּאַריזערין לויט דער מאָדע פון יאָר 1924, איז געווען עלטער פון איר חתן, אַ יונגער, געזונטער פויער, וואָס האָט איר נישט אויפגעהערט צו גלעטן און קושן מיט אַ פריינטלעכער פּשטות. די ערן־פריילינס, וועלכע האָבן זיך געוואָלט אַרויסווייזן אַלס מאָדערנע, זענען געווען קורץ געשוירן, די הענט אַנטבלויזט און געצרויכערט פּאַפּיראָסן צווישן איין מאכל און אַנדערן, אונטערהעלפנדיק זינגען ביי די רעפריינען...

ספּי האָט געשפּאָסט.

— ברעטאָן ציוויליזירט זיך!

— אויבערפלעכלעך בלויז, — האָט איווע באַמערקט.

— דער גרונט וועט נאָכקומען, און דאָס אויך זייער גיך...

מאָריס האָט אויפגעקלערט איר טעות:

— ניין! דער קלערק גיט שוין אַכטונג, אַז עס זאָל נישט גיין צו ווייט. ער אָרדנט איין די דאָזיקע פּאַרווײלונגען מיט די אַלע טראַדיציאָנעלע פאַרזאַמלונגען און עולה־רגל־שפּאַצירן צו אַלע הייליקע ערטער פון דער געגנט. דער אויפרוף אָפּצוהיטן די אַלטע קליידונג מיט די אַלטע מנהגים איז נישט מער ווי דאָס אויבערפלעכלעכע זיסקייט פון די פּילן.

— הערט נאָר דאָס אויס, — האָט איווע זיך אָנגערופן, אויפמאַכנדיק דעם „אועסט־עקלער". — „דער ציל פון קאָנגרעס איז — לעז איך — דאָס דערהאַלטן און באַנוצן זיך מיט דער שפּראַך און צו פאָדערן פאַר ברעטאָן די פולע פרייהייט און רעכט אויפן קולטורעלן און שפּראַכלעכן געביט. איבערהויפּט אויפן אונטעריכטס־געביט".

לאַגוּען האָט זיך אָפּגעריסן פון אַרומצופּן אַ פּיסל פון אַ ים-ראַק.

— אויטאָנאָמיע! דאָס איז זייער אונטערשלאַק!

— אומזיסטע טרחה, — מאַכט מאָריס. — די אייניקייט פון פאָטערלאַנד איז אַ געשעענע זאַך, און דער ברעטאַנער רעפּוב-ליקאַניזם איז פון סאָציאַלן שטאַנדפּונקט געזיכערט. פּאָליטיש אָבער איז גאָר אַן אַנדער זאַך! דערפאַר טאַקע פירט די קירכע איר קאַמף אויף דעם באָדן, אויסנוצנדיק דערביי דאָס געט-לעכע קעניגרייך...

— אַ פיינע שפּיל! — זאָגט ספי, — אונטער דער פאַרב פון פאַרהערלעכן די פאַרגאַנגנהייט צילט מען אין די צוקונפט. ס'דאַ-זיקע באַאומרואיקט אייך נישט, געלערנטע?

— מיר וואָלטן נישט געווען, איך און איווע, קיין אמתע ברעטאַנער, אויב מיר וואָלטן נישט געווען דורכגעדרינגען מיטן ספּיריטואַליזם, אָבער מיר וואָלטן נישט געווען קיין אינטעליגענטן, אויב מיר זאָלן נישט צוזאַמען מיט אייך באַדויערן, זעענדיק ווי אונזערע פּריסטער דרשענען זייער אָפּגעאַרבעטע תורה, און אַנשטאָט די באַפרייערישע היגיענע, פּרעדיקן זיי דאָס פאַרצייטישע אונ-טערטעניקייט...

ספי האָט דערמאָנט די דערפער, וואָס מען איז פאַרביי געפאָרן, מיט זייער ריח פון פאַרפוילט מיסט ביי יעדע שוועל, און אויסגעמאָגערטע בהמות... זי האָט דערציילט, וואָס אַן אַל-טע פרוי אין לען-וויהאַן האָט איר פאַרן אָפּפאָרן פון דאָרט געענטפערט.

— זעענדיק אַרויסקומען אַ קו פון דער שטוב, וואָס איז געווען אַ שלאָפצימער, אַ קיך און אַ שטאַל, האָב איך אָנווייזנ-דיק איר אויף דער קו, וואָס איז געווען אויסגעשמירט מיט אומריינקייט פון בהמות, אויסגערופן: צי האָט איר גאָר קיין בושה נישט?... האָט איר געדאַרפט זען ווי זי האָט מיך, אַן אַפּיקורס אַן אַרבל, אָן זאָקן און אָן אַ צאָפּ, געגעבן אַ מעסט אָפּ מיט די אויגן, און אויסדרייענדיק זיך מיט דער פּלייצע צו

מיר, אַ וואָרטשע געטון: „דער גוטער גאָט איז גאָרנישט קיין שטרענגער!"

— ליידער — האָט איווע באַמערקט — הערשט ס'גע־זעץ פון קלענסטן ווידערשטאַנד, דאָס איז דער אוניווערסאַלער שאַנקער...

לאָגוען, ווען ס'האָט דענערווירט אַלץ, וואָס איז נאָר נישט געווען פינאַנץ אָדער פרוי, האָט זיי דערמאָנט אַן וויכ־טיקערע זאַכן:

— רירט זיך אַביסל! ס'איז די צייט פון דער דעפּיליאַדע.

זיי האָבן פאַרנומען אַן אָרט אויפן באַלקאָן, וואָס איז גע־ווען פאַרפלייצט פון מענטשן און וואו מען האָט זיך געפּרעגלט אויף דער סאַמע זון. אָבער ספּי, אַזוי ווי אַ קינד, ווען מען האָט פאַרשאַפן אַ פּורים־שפּיל, האָט דערקלערט, אַז זי איז באַ־צויבערט. מיט אַ צווייגל פון אַ גרינער סאָסנע, וואָס זי האָט אַרויסגעריסן פון די דעקאָראַציעס, באַשיצט זי זיך קעגן דער זון, פעסט אַנטשלאָסן קיין שום זאַך נישט צו פאַרלירן פון ספּעקטאַקל. הינטער איר האָבן צוויי שורות צוזאַמענגעפּרעסטע קעפּ, וואו די היטלען פון אַרבעטער האָבן זיך אויסגעמישט מיט די מיצלעך פון די באַדנדיקע און שטרויענע קאַפּעליושן פון די טוריסטן, לאָזנדיק פריי אַ שמאָלן דורכגאַנג פאַרן קאָרטעזש. פון אַלע פענצטער האָבן מענגעס פּנימער אויסגעקוקט זיין דער־שיינען. אין שאָטן פון מאַנכע שמאָלע פענצטערלעך האָט מען באַמערקט אַלטע לייט אין שוואַרצן מיט צורות פון מומיעס, ווע־מענס שטייפע סקעלעטן האָבן אָנגעוואָרפן אַ מורא... „ווי שרעק־לעך, האָט זי געטראַכט, איז דאָס לעבן פון אַזעלכע לעבעדיקע־טויטע!"

ענדלעך האָט זיך די פּראָצעסיע באַוויזן. אונטער אַ שטורעם פון בראַוואָ־אויסרופן איז פאַרבייגעריטן אַ קעניג אַרטור. פאַר אים אַן אויסרייטער און פון ·ינטן אַ באַוואָפנטע גוואַרדיע. — הע, מאַטיע, האַלט זיך גוט! — באַן זשור, מאַגאַן, וואו האָסטו געפּאַקט דעם זאָטל! — האָט מען גערופן פון אַלע זייטן. די מאַס־קאַראַד האָט געהאַלטן אין פולן ברען. ס'איז דערשינען דער

מאָנאַרך פון העלדישן געזאַנג, אַ רויטלעך גוטמוטיק אויסזעען מיט אַ פּערוק אויפן קאָפּ, באַגלייט פון צוועלף ריטער זיינע פון רונדן-טיש. מען האָט זיי באַגריסט מיט אַ גאַנץ שוואַכן ענטוזיאַזם. ווייטער זענען געקומען אויף אַ רייט-וואָגן, וואָס אָקסן האָבן געשלעפּט, די צוויי גאַלישע העלדן: טריסטאַן פון לעאָנואַ און די בלאָנדע איזאָלט. זיי זענען געלעגן אויף ווייסע טעפּיכער...

אַ וואַגנערישער צויבער האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן שפּראָצן אין ספּיס הארץ, אַרויסגיסנדיק אַ ליבעס-שטראָם... נאָר די באַמערקונגען און געלעכטערס פון המון, פאַר וועמען דער דורכגאַנג פון די אומשטערבלעכע פאַרליבטע האָט בלויז אַרויסגערופן אַ נאַרישן חוזק, האָט זי דערמאָנט אָן דערווירקלעכקייט.. נישט דער פּאָעטישער זינען פון די לעגענדעס האָט דורכגעמאַרשירט איבער דעם פאָלקס אומוויסנהייט, נאָר דאָס גראָבע טעגלעכע לעבן חוצפּהדיק פאַרשטעלט.

צום מייסטן האָט איר פאַראינטערעסירט די נאָכקומענדע גרופּן אין זייערע ספּעציפישע אַרט-קאָסטיומען. געווען אין דעם אַן אָפנהערציקייט, אַ פאָרזעצונג פון מנהגים, וואָס האָבן איבערראַשט מיט זייער פאַרביקייט און אומגעווייגלעכקייט... צום ערשט, נאָך די עטלעכע פאַרשטעלטע דוארנענערינס — די גאַנצע באַפעלקערונג פון פאָרט, אַחוץ עטלעכע וועמען די רעליגיעזע רעדלפירער האָבן אויסגעקליבן, זענען אַלע געווען אויפן גאַס, מיט זייער נאַטירלעכן אויסזעען און פיש-ריח, — זענען געקומען די יינגען און מיידלעך פון די אַרומיקע שטעטלעך, פון פלואַרע, פון לאַקראַנאַן, פון לאַניוּוי, פון פּולדערגאַ... געהאָפטענע קאָפּטיכלעך מיט שפּיצן, וואָס האָבן באַהאַלטן די צעפּ, טוליענע שאַלן מיט שוואַרצע קאַנטן און געפאַלדעוועטע האַלזבענדער.

דערנאָך האָבן זיך ביי אַפּלאָדיסמענטן פון איווע, באַוויזן די ביגודענערינס אין שוואַרצן וועלור און ווייסן האַפּט און אין בונטע בליוזקעס פון געלן זייד... די פון פּאָן-אָוואַן זענען געגאַנגען מיט זייער אויסגעשניטענע קאָרסאַזשן אויף שניי-ווייסע

שפּיצן-בענדער, וואָס הייבן זיך אויף די פּלייצעס, ווי פליגלען. ווייטער, די ערנסטע מיידלעך פון ל'איל דע סען: פּליושענע קליידער פון אַ נאַכט-קאָליר, אויף וועלכע ס'פאַלט אַראָפּ די קאָפּ-טיכלעך, ווי אַ שלייער... און אָט זענען די מענער פון גו-רען און פון קארהעקס: קײלעכיקע היטן מיט לאַנגע בענדער, אָדער צילינדערס מיט רינגען... די לעאָנאַרדן, ביי וועמען די פילצענע הוטן מיט די אויפגעהויבענע ראַנדן, וואָס זעען אויס, ווי דער ווינט פון יאָרהונדערטער וואָלט זיי איבערגעבויגן... און אָט איז ענדלעך — פון וועלכן קבר אַרויס? — אַ שורה פון איינ-דרוקספולע פּאָרלעך, די פרויען, ענלעך צו מאַרשירנדיקע גלחים, די קעפּ איינגעוויקלט פון שטערן ביז דעם געמבע אין אַ שטייפע לייוונט, און זייערע פּלייצעס און ברוסטן באַדעקט מיט אַ דינעם שלייער... ביי דעם אָנבליק פון אָט דעם פּאַרצייטישן בילד האָט ספּי אויסגערופן:

— ווי אַזוי פאַרטראָגן זיי אַזאַ קליידונג? ווי אַזוי איז מעגלעך זיך צו פאַרשטעלן אויף אַזאַ אופן? וואָס פאַר אַ אי-לוסטראַציע פון מיטלאַלטער! לאָמיר האָפן, אַז מיט די היינטי-קע געוואוינהייטן...

— באַגעגענען זיך די עקסטרעמען, — האָט איווע פאַר-ענדיקט. — צי האַלט איר נישט, אַז די קליידער ביז פאַר די קניען זעען אויס פונקט אַזוי לעכערלעך, ווי יענע? דאָס מאָ-דערנע פאַרשטעלעכץ שאַפט נאָכנישט דעם פּראָגרעס. היינט, (ער האָט איר שאַרפער דורכגענומען מיטן בליק) — איז גענוג איין-איינציקער בליק, כּדי צו זען, ווי אַזוי אַ פרוי איז געבויט! און איין-איינציקער טאַנץ, כּדי מען זאָל איר אַפילו נישט ברויכן צו באַזיצן! ביי דער ערשטער וויברירונג האָט מען איר שוין געהאַט.

ספּי האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט:

— אויב אַזוי, טיילן אונז פונאַנדער בלויז די ווערטער. איך האָב קיין זאַך נישט אַזוי ליב ווי אייער אומשולדיקן „רידע-טאַנץ”.

אָבער אַזוי ווי ער וואָלט אינסטינקטיוו געפילט, אַז דער

ראַזיקער אויסדרוק פון סימפּאַטיע דערנענטערט זיי גאָרנישט, האָט ער גאָרנישט געענטפערט.

דער סך-הכל איז, — באַמערקט ספּי, רעזומירנדיק אירע איינדרוקן, — אַז דאָס איבערלעבן פון בגד, וועמענס אויסטערלישקייט אַמוזירט אַזוי די, וועלכע גייען דאָ פאַרביי, איז די ווענטקע, וואָס זעצט פאר זיי צו מאַכן פאַר געפּאַנגענע פון דעם. איך באַדויער זייער דאָס לאַנגע געפאַנגענשאַפט פון זייערע אבות און האָף, אַז די אַלע קאָרסעטן און פּנים-שלייערס, וואָס מיר זעען דאָ איצט, וועלן אייניגכן נישט זיין מער ווי אַן אָנדענק, וואָס מען וועט קענען געפינען נאָר אין די מוזעאומס פון רען, נאַנט און קימפּער!

מאָריס האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער.

— ווער ווייסט, אויב מיר וועלן נאָך די נאַכט קענען זיין אין ברעסט... אַלנפאַלס, אויף היינט אַדיע מיט פאָרט-סמילען און טרע-היר.

ער האָט געוואָלט פאַרשאַפן אַ נחת ספּין, ווייזנדיק איר די צוויי וואונדערבאַרע פּלאַזשן, וואָס זענען ווייניק באַקאַנט, פון וועמענס ברעגן מען זעט די האַלב-אינזלען קראָזאָן און קראַמאַרע מיט זייערע מעכטיקע שטויסן פון בעבלעך.

אַ צעשטרייטונג, פון וועלכן לאַגוען האָט זיך פון גאַנצן האַרצן אָפּגעזאָגט. האָבנדיק בלויז אין זינען, וואָס שנעלער צו קענען נעמען אין ברעסט דעם צוג קיין פּאַריז... געענדיקט דער וואַקאַנס! ער האָט זיך דערוואוסט, לייענענדיק זיין טייערן „ענפּאַר מאסיאַן", וואָס ער האָט געקויפט פאַר מיטאָג, וועגן קראַך אויף דער ניו-יאָרקער בערזע... און ער האָט דאָך רעקאָמענדירט אייניקע זיינע קליענטן צו קויפן די ווערט-פּאַפּירן פון וואָל-סטריט.

— שוויג, קליין מיידל, ער וועט אונז דערהערן!

איוועס צימער האָט זיך געפונען עטלעכע טריט ווייטער אין זעלבן קאָרידאָר, פּונקט קעגנאיבער מאָריסעס, וועלכער האָט זיך איצט אויפגעכאַפּט אין ספּיס צימער. אין די בלויזע אונטערוועש, שטייענדיק אומבאַוועגלעך אויף איין פוס, פאַרשטעלט זי מיט איין

האַנט איר מויל, כדי צו דערשטיקן אין זיך ס׳ווילדע געלעכטער. אַנטקעגן איר, אויך אין אַ אומבאַוועגלעכן גלייכגעוויכט, שטעקט מאָריס אַריין איין פוס אין זיינע אונטערהויזן...

מיט אומרואיקייט האָבן זיי געקוקט צו דער טיר. מען האָט אָנגעקלאַפּט. אַ צווייטער ענערגישער קלאַפּ האָט עדות געזאָגט, אַז ס׳איז עמעצער, וואָס קאָן נישט מער קיין שום זאַך ווי זיין פליכט. ספי האָט מיט די אויגן באַפוילן מאָריסן זיך נישט צו רירן, און מיט אַ פאַרשלאָפענעם טאָן האָט זי אַרויס־געגענעצט.

— יאָ, וואָס איז?...

— דער פרישטיק.

זי האָט פאַרגעסן, אַז זיבן אַזייגער האָט מען איר גע־דאַרפט אויפוועקן און אַריינברענגען עסן. דאָס דאָזיקע האָט געזאָלט באַווייזן איר אומשולדיקייט אין דעם, וואָס איז איצט שוין אַ געשעענע זאַך.

— איין מינוט!

מאָריס איז אַנטלאָפן מיט די זאַכן אין דער האַנט אין וואַנע־צימער אַריין, ספי האָט זיך צוריק אַריינגעלייגט אין בעט אַריין און אַ דרוק געטון אויפן קנאָפּ, וואָס איז געווען פאַריי־ניקט מיטן עלעקטרישן ריגל.

— אַריין!

ווען די טיר האָט זיך ווידער פאַרמאַכט איז מאָריס אַרויסגעקומען.

— גיך, גייט איצט אַרויס.

ער האָט איר געקושט.

— אויף ווידערזעען, מאַדאַם... ביז ביינאַכט, מיין טייערע.

ספי האָט, נישט ענטפערנדיק, אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויפן מויל און איז צוגעלאָפן צו דער טיר, וועלכע זי האָט האַלב געעפנט.

— דער וועג איז פריי? — האָט מאָריס געשפּאָסט.

זי גיט אַ צייכן אויף יאָ.

און אַ צופרידענע, וואָס זי זעט אים איצט אוועקגיין אַזוי ווי זי איז עס געווען, ווען ער איז נעכטן ביינאַכט צו איר אַריין, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט צום פרישטיק און געגעסן מיט אַ גוטן אַפעטיט.

## V

ספּי איז געשטאַנען ביים פענצטער פון גרויסן סאַלאָן, דער שטערן צוגעדרוקט צו דער שויב און געטרוימט.

דער רעגן האָט דאָ אַרויפגעלאָזט זיינע ערשטע טראָפּנס, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי נאָדלען. זייערע נישט-דייטלעכע האַפט האָט אָנגעצייכנט אין דער פאַרנעפּלטער ווייטקייט, וואו מען האָט מער נישט געזען קיין לאַנדיעס און קיין סאָסנעס, פאַרשידענע בילדער וועמענס קאָנטורן די יונגע פרוי פאָלגט מעכאַניש נאָך. דער טרוים צעפאַלט, בלאַן-ברוג פאַרשוואונדט אין אַזאַ טאָג, וואָס שמעקט מיט הערבסט און אָפּפאָר.

אַ גליקלעכער טרוים, פון וועלכן זי כאַפּט זיך אויף מיט אַביסל מעלאַנכאָליע. זי פילט אַ פאַרלייכטערונג צוליב דעם אָנגענומענעם באַשלוס און צוליב דעם אומבאַגרענעצטן האָפענונג, וואָס עפנט פאַר יונגע וועזנס די באַדערפעניש פאַר טעטיקייט און ס׳באַוואוסטזיין פון זייער קראַפט.

אונטער איר האָט די גרויסע שטוב, וואו זי האָט צייט דריי וואָכן אַנטייל גענומען אין פאַמיליען-לעבן פון דעם אַלטן הויז, און וואו עס איז געווען אָפּהענגיק בלויז פון איר, אַז זי זאָל דאָ פאַרבלייבן די באַלעבאָסטע, פאַרשפּרייט אַרום אַ פוסטקייט. אַן איינדרוק פון אַ האָטעל-זאַל, וואו עס גייען כסדר פאַרביי דורכפאָרנדיקע און וואו אַ טיפע נשמה פילט זיך איינזאַם...

אַ באַלעבאָסטע! דאָס וואָרט און דער אומבאַוואוסטזיניקער תּמצית, וואָס עס לייגן אין אים אַריין די גרעסטע צאָל מענער (און נישט קוקנדיק אויף זיין אײדלקייט אויך מאָריס, דערין איז זי געווען זיכער!) האָט אין איר אויפגעהויבן אַ פּאַראַכטונג צו־ליב זיין אמתע באַדייטונג. אַ באַלעבאָסטע, וואָס פאַר אַ איראָניע!.. גיכער אַ דינסט. היינט אַ פינקלדיק שפּילצייג, מאָרגן, ביים ערשטן ברוך, אַוועקגעוואָרפן...

ניין! ווי העפלעך, ווי האַרציק מאָריס לע גערן זאָל זיך נישט אַרויסווייזן קען זי זיך נישט פאָרשטעלן, אַז זי זאָל דאָ קענען רעגירן אַלס באַלעבאָסטע...

אַ זעלבשטענדיקע, אַזוי ווי ער האָט זי באַלד די ערשטע צייטן נאָכן צוריקקומען געפילט, אַז זייער אַוואַנטורע קען נישט האָבן קיין מאָרגן... אַ באַפרידיקונג פון אַ קעגנזייטיק פאַרגעניגן, פאַרבייגייענדיק אויפגעכאַפּט. דאָס איז עס איינגאַנצן...

אַ פאַרטראַכטע קלאַפּט זי מיט די פינגער אויף די שויבן, יואו דער רעגן פאַלט, — אַ זאַך וואָס דויערט נישט — די טענער פון דער סאָנאַטע, וואָס דאָקטאָר באַזעלעק (זי האָט זיך קיינ־מאָל נישט געקענט צוגעוואוינען אים צו רופן איווע, אַזוי ווי ער האָט געבעטן) האָט געשפּילט די ערשטע וואָך פון זייער צוריקקומען .Quazzi una Fantasia!... ס'האָט אויסגעזען, ווי אַן אַקאָמפּאַנירונג צום שטורעם־ווינט, וואָס האָט דאַמאָלס גע־בושעוועט... שעהן פון דער גאָר נאָענטער פאַרגאַנגענהייט און וועלכע זענען דאָך שוין אַזוי ווייט צערונען אין איר זיכּרון, אַזוי ווי בלאַן־ברוג אונטערן שלייער פון שלאַקס־רעגן.

אין דער דאָזיקער פרימאָרגן־שעה זענען פילעמאָן און באָס (די בוגודעגער) באַהאַלטן אין זייערע צימערן און אַ קליינלעך שרעקעוודיקייט פון וועלכע עס באַשטייט זייער פּראָווינצער על־טער. פונדעסטוועגן זענען זיי סימפּאַטיש דאָס פּאָרפאָלק פון פעטער און מומע, וואָס פאַרשטייען קיין שום זאַך פון דער נייער וועלט אין וועלכע זיי לעבן פאַרשלאָפענערהייט... אַן עק־זיסטענץ פון געפאַנגענע אין זייערע חדרים, וואָס דרייען זיך פּאַמעלעך אַרום זייערע קליינלעכע געוואוינהייטן... אָבער איין

ווינקל פון הימל: דאָס גוטסקייט שפּיגלט זיך אָפּ אין זייערע רואיקע אויגן.

זי איז צופרידן, וואָס זי פאַרלאָזט זיי. פונדעסטוועגן וועט זי מיטנעמען אַן אויסגעצייכנט דערינערונג פון זיי... דער רעגן האָט אויפגעהערט. בעסער אַזוי, ווייל מאָריס איז אַוועק צום וואָקזאַל פון יואַן מיטן אויטאָמאָביל צו באַגעגענען זיין קוזין איווע.

דער דאָקטאָר איז אייערנעכטן אין איילעניש אָפּגעפאָרן קיין פּאַריז... צוריקקומענדיק קיין בלאָן-ברוג האָט ער געפונען אַ טעלעגראַמע פון אַנרי לע גערן: „דער פּאַטראָן רופט מיך אַרויס קיין ראַמבויע אויף אַכט-און-פערציק שעה... איך וועל דאָ זיין צוריק איבערמאָרגן... איך וועל אייך נאָך דאָ טרעפן, נישט אמת?...“

זי האָט געוואָלט ענטפערן: „ניין! איך פאָר מיט אייך!“ ווייל אויך איר האָט געוואָרט אַ בריוו, אַ לאַקאָנישער רוף פון עטינעט: „דיין מעבל איז באַהאַלטן... ביי מיר פאַראַן אָרט; דיין צימער איז גרייט. קום צו פאָרן!“ אָבער זי האָט מורא געהאַט צו שמערצן מאָריסן דורך אַזאַ אָפּפאָרן, וואָס וואָלט אויסגעזען, ווי אַנטלאָפן.

זי שמייכלט מיט אַ פריינטלעך כיטרעקייט, קלערנדיק וועגן פאַרשלאָסענעם פּנים פון איווע, פון זיין האַרציקייט און אַכטונגספולע האַלטונג בעת דעם גאַנצן וועג פון ברעסט אָן... האָט ער געהאַט עפּעס אַ פאָרגעפיל, אַ חשד?...

צווישן די וואָלקנס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַן אַזור-קלייד. שנעל איר מאַנטל און לעדערנעם הוט! נאָך איין לעצטן שפּאַציר איבער דעם גאַסטפריינטלעכן שטח... אַלץ איז דורכגענעצט. פון די סאָסנעס רינען טראָפּנס וואַסער, די קושאַקעס און גרוזן פינקלען, ווי דימאַנטן... און אָט הערט זיך דאָס ברומען פון ים, וואָס וואַרפט זיך אויף די פעלזן. זי ציט איין דעם אָטעם. ווי גוט און שטאַרק עס שמעקט דאָ!

דער וועג ציט זיך דאָ איבער פעלזן ביז דעם שיפן-פאָרט... די לעצטע וויגן זיך צווישן די קעמפנדע כוואַליעס. דער ים

שלאָגט מיט שווערע קלעפּ דעם לאָדונגס-האַפן. דער שניי פון די צעהאַקטע כוואַליעס שמייסט ספּי אין פּנים און יאָגט איר נאָך ביז דער קליינער גראַטע, וואו עס זענען באַהאַלטן אַלע שיף-מכשירים און וועמענס זאַמדיקער באָדן ליגט איבער די העכסטע מאַרעס.

זי זעצט זיך, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט ביי אַ שוימיקן פעלז. ס'איז אַזוי גוט, ווי דאָס ווייכקייט פון אַ געליבטן אַקסל... וועמענס?... זי זוכט... הערט זיך פאַרטראַכט איין צום רעגן, וואָס הייבט ווידער אָן, וואָס שפּינט די לופט מיט זיינע פאַרפלאָנטערטע פאָדימס... דער גרויער שלייער שפּרייט זיך ווידער אויס און ווערט דיקער... אַ געזיכט?... עס קען זיין, אַז ווען זי וואָלט בעסער געזוכט... מאַריסנס פּנים אויף אַ מינוט אַרויסגערופן, ווערט פאַרמעקט... זי דרייט מיטן קאָפּ: „אַ ליבער חבר צו וועמען איך וועל שטענדיק פילן אַ דאַנקבאַרקייט, ווייל ער האָט מיך געראַטעוועט. וואָס אָנבאַלאַנגט דאָס איבעריקע איז עס גאַנץ פּשוט; זיין באַגער האָט אויפגעוועקט מיינעם און מיר זענען קווית...” אַ גרויסער טראָפּן פאַלט אַראָפּ פון אויבן, פון אַ פעלזן-שפּאַלט אויף איר האַנט... זי ווישט עס אָפּ... נישטאָ מער...

אַלעקסאַנדער?... אַ צווייטער טראָפּן פאַלט, דער דאָזיקער אַן אייז-קאַלטער... אַ טרער פון זאַכן, וואָס האַרמאָנירן נישט אין איר, וואָס לאָזן אירע טרוקענע אויגן זוכן ווייט, זייער ווייט... וואָס פאַר אַ חבר וועט איר אַמאָל באַגלייטן מיטן אייגענעם ריטמישן טריט, וואָס אירע, און וואָס וועט נישט אויפהערן פריער, ווי ביים לעצטן אָטעם-צוג? צוויי שטראַלן מיט איין נשמה!... ביים דערמאָנען די פאַרגאַנגענהייט דערפילט זי אַ מידקייט אין די פיס... אַ ווייטיק ביי דער דערינערונג פון אַמאָליקן לעבנס-וועג, וואָס זי האָט אָנגעהויבן מיט פּיערן, אויך אַזוי לעבנס-לוסטיק, ווי זי, און אַזאַ גוטער! זיין טויט האָט איר צעבראָכן און דאָס פאַרלאָזנקייט האָט איר פאַרצווייפלט!... אָ! ניין, שוין בעסער צו אַוואַנסירן אַליין, אַזוי איז מען ווייניקסטנס

זיכער צו ליידן בלויז פון אייגענע פעלערן!... דערווייל אָבער הערט דער דאָזיקער רעגן נישט אויף. מען דאַרף אַהיים גיין.

בעת איר אויפשטעלן זיך האָט אַ שטיק שטיין געביטן זיין אויסזען. זי פּלאַצט אַרויס מיט אַ געלעכטער: אַ געזיכט? אָט איז עס דאָך? עס שטעלט פאָר אַ פּראָפיל פון אַ פּנים מיט אַ לאַנגע אַראָפּהענגענדיקע נאָז, געשוואָלענע ברעמען, אַ גאָמבע, ווי אַ קאַלאַש... אָ, אַ דאַנק פאַר אַזעלכעס!

אַ פרייליכע שטייגט זי צוריק אַרויף מיט נערוועזע טריט אויפן פעלזן-וועג. די געזונטע לופט האָט איר גוט געראָטן! אַ באַרואיקונג טראָגט זיך פון שפּייענדיקן וואַסער און פון דער רויכנדיקע ערד! אַפילו פון דעם לייכטן ברעטאַנישן רעגן!...

— העהאָ! ספּי!

— העהאָ! דאָס זענט איר, מאָריס! שוין געקומען צוריק?

— איך זוך אייך שוין מער, ווי אַ פירטל שעה. וואו זענט איר געווען? דער וועג איז גליטשיק און פאַררעטעריש.

— וואָס האָט איר מורא, איך בין דאָך נישט קיין קליין קינד!

זי לאַכט, נישט אָן באַוואונדערונג פאַר דעם פעסט-געבויטן מאַן, וואָס איז אַזוי פריילעך אונטערן רעגן, אָנגעטון בלויז אין אַלטן לייוונטענעם-אַנצוג, — זיין אומפּאָרעם פון בלאָן-ברוג.

— אויב איר זאָלט אייך אַזוי זאָרגן פאַר אַלע פרויען, וואָס זענען ייִנגער פאַר אייך מיט צוואַנציק יאָר, וואָלט איר געהאַט גאָר אַסך אַרבעט.

— איר זענט די איינציקע, וועלכע איך האָב נישט גע-לאָזט דערטרינקען ווערן. פון דאַמאָלס אָן האָב איך אייך אַדאָפּ-טירט. איך האָב אַ לאַסט אויף מיין נשמה.

— אַ לאַסט? ווער האָט זי אויף אייך אַרויפגעלייגט? איך נישט.

— יאָ, איר.

— ווען?

— אָבער... (ער שמייכלט)... אין די לעצטע טעג.

אָט איז אַ מאָמענט צו זיין אָפנהערציק, איצט אָדער קיינמאָל! זי האָט אויך געשמייכלט:

— איך האָב אייך אָפּגעגעבן דאָס פאַרגעניגן, וואָס איר האָט מיר פאַרשאַפט. מער נישט.

— ווילד קינד!

מיט אויטאָריטעט האָט ער איר אָנגענומען ביי דער טאַליע. זי האָט זיך געלאָזט, זיכער זייענדיק מיט זיך. ער האָט געזאָגט:

— איך וויל דיר נישט צונעמען דיין פרייהייט, מיין טייערע קליינינקע!... אַכטונג געבן אויף דיר צוליב... לאָמיר זאָגן, פריינטשאַפט, כדי עס זאָל מיט דיר ווידער עפּעס נישט געשען... נישטאָ קיין בייז אין דעם, הע?...

זי האָט נישט געענטפערט, נאָר אים אָנגעקוקט מיט אַ אָפּוועזנדיקן בליק אין וועלכן ער האָט געפילט, אַז אונטער דער אויפריכטיקער פריינטשאַפט ליגט אַ פעסטער ווילן, וועמענס באַשלוס האָט געשאַפן צווישן זיי אַן אָנהויב פון אַ צעשיידונג...

— איר ווייסט, אַז איך פאָר מאָרגן אַוועק, — האָט זי ענדלעך געזאָגט מיט פשטות.

ער האָט נאָכגעלאָזט די אומאַרמונג.

— דו ווערסט ני... (אָבער פלוצלינג האָט ער דערפילט, אַז דאָס דוצן איז מער, ווי נישט אויפן אָרט, און מיט דיסקרעציע זיך צוריקגעכאַפט)... איר וועט דאָס נישט טון! איוועט און איך רעכענען מיר איבערמאָרגן ענדגילטיק צוריקצופאָרן. מיין ברודער גרייט זיך די קומענדיקע וואָך אין אָקעאַני... יאָ, יאָ! איך האָב עס אייך נישט געזאָגט... ער וועט פאַרברענגען צוויי חדשים אין באָרנעאָ... (זי האָט אים אָנגעקוקט מיט דערשטוינונג)... אַ וויסנשאַפטלעכע רייזע. די מאַלפע איז צייט די פאַרשפּרייטונג פון וואָראַנגאָוטאַנס און אַנדערע מעטאָדן געוואָרן אויך אַזאַ טייער באַשעפעניש, ווי דער מענטש! אין אַפריקע קען מען נישט געפינען אַזוי פיל וויפיל מען וואָלט געברויכט. אַנרי דענקט, אַז דער גיבאָן, וועלכער איז פאַראַן אין אַ גרויסע צאָל אין די האָלענדישע אינזלען, וואָלט אויך געקענט זיין זייער נוצלעך פאַר דער האָמעאָגראַפיע.

זי האָט איבערגעחזרט מיט קנאה, ווי אַ קינד, וואָס חלומט פון וואונדערלעכע רייזעס:

— באַרנעאָ!... און ער פאָרט אַליין?

— ניין. ער וועט מיטנעמען אייגעם פון זיינע אַסיסטענטן, דעם דאָקטאָר עטיען אָן ספק אָדער דעם דאָקטאָר ניוועז. איווע געהערט נישט צו דער עקספּעדיציע... בלייבט... מיר וועלן אַלע דריי צוזאַמען צוריקפאָרן קיין פּאַריז. איך וועל אייך נאָך אפשר נוצן... מיר קענען זיך דאָך נישט צעשיידן אַט אַזוי אַ, נאָך דעם וואָס ס'איז פאָרגעקומען...

— פאַרוואָס נישט?

— ס'איז אַן אַבסורד!

— אַזוי! מיין אָרימער מאָריס, אַזאַ אינטעליגענטער־מענטש, ווי איר איז נישט אַזוי פיל אינטעליגענט צו פאַרשטיין, אַז אַ פרוי, וואָס האָט זיך וועמען איבערגעגעבן, קען נאָך ווייטער געהערן זיך אַליין? ווען מען נעמט אַ חבר צום שפּילן הייסט נאָך נישט, אַז מען איז געצוואונגען זיך מיט אים צו פאַרבינדן!

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ נישט אָן פאַרביטערונג.

— איר האָט רעכט... און אויב איך ליב אייך?

ער גראָבט איין זיין בליק אין איר, זי אָבער דרייט אַוועק די אויגן, כדי ער זאָל זיך איבערצייגן, אַז זי שפּילט נישט מער...

— איר! ליבן!

זי מאַכט אַ טריט אויף צוריק און באַטראַכט אים מיט אַ איראָנישן שמייכל.

— איך ליב אייך! זענט איר דען דאָס נישט ווערט?

זי דערקלערט:

— אפשר!... נאָר גיט אייך נישט קיין מי, ביי אונזער עלטער קומט יעדן זיין לעבן.

ער האַלט זיך נאָך נישט פאַר באַזיגט, וויל איר אַרומכאַפּן... זי הייבט אָן לויפן. ער כאַפּט איר... זי איז אין זיינע אָרעמס, לאַכנדיק לאָזט זי אַרויס נידעריקע געשרייען. ער קושט איר.

— דו געפעלסט מיר! געפעלסט מיר אַזוי, קליין מיידל. זאָג, ווילסט איך זאָל דיך ליב האָבן?...

דער ווארעמער רעגן האָט אָנגעהויבן ענערגיש צו שפריצן. ער שמייסט זייערע פּנימער, וואָס באַוועגן זיך אָן אויפהער. ספּיס צאַרטע הויט ווערט רויאיק, ווי אַ פעלד-בלום. זי ווערט זיך, שטופּט אָפּ די הענט, וואָס דריקן איר.

— אונטער אַ פּרישניק רעדט מען נישט פון קיין ליבע!.. גייט טוט זיך בעסער אָן! מיט אייער לייוונטענעם אַנצוג צוגע־קלעפּט צום קערפּער זעט איר אויס, ווי אַ רויטער אינדיאַנער, איינגאַנצן נאַקעט... הוו! אַזאַ אומפאַרשעמטער!...

ער האַלט זיין רויב, וויל איר נישט אָפּלאָזן:

— דו ווייסט גאָרנישט מיט גאָרנישט! ערשטנס איז דאָרט די זון. און צווייטנס גיבן נישט קיין קליינע מיידלעך קיינעם קיין לעקציעס.

— אַזוי גלויבסטו?

ער טריומפירט.

— איין גוטער פונקט. האָסט מיך געדולד!

— אַ טעות ווערט נישט גערעכנט...

— נעם מיך אַרום און קוש מיך! בעסער! אָן אמתן קוש,

— טיראַנער! דאָס וועט שוין זיין דער לעצטער.

מיט אַן ענערגיע, וואָס ער וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז זי קען זיין דערצו פעאיק, האָט זי זיך באַפרייט פון זיין דרוק און דערנאָך אים האַרציק געקושט... אירע ליפּן האָבן זיך צוגעקלעפּט צום ערשט אויף איינע, דערנאָך אויף דער אַנדערע באַק... די ערלעכע צערטלעכקייט פון דער זיך-באַפרייענדע פרוי באַווייזט אים, אַז אין דער פאַרלוירענער מעטרעסע האָט ער געפונען אַ פריינט, וואָס איז אים נאָענט... דער סיורפריז האָט אין אים געמילדערט דעם באַדויערן און האַלב זיך אונטערגעגעבן. אַזאַ אָפּגעהיטענער הונט! ער איז אָבער אויף איר ווייניקער בייז ווי ער וואָלט עס געגלויבט. שפּעטער וועט ער זי נאָך מער אָפּשאַצן...

— אַלזאָ, — האָט איווע זיך נאָך געפּרואווט, זיך אויפ־שטעלנדיק פון טיש, — איר ווילט נישט, מיר זאָלן אייך באַ־גלייטן!... פּעסט באַשלאָסן? ס'איז גאָרנישט פיין פון אייך,

צוזעקצופֿאָרן פֿון אונז פּונקט דאַמאָלס, ווען מיר האַלטן אַליין אויך ביים פֿאָרן! איר ווייסט, איך בין ספּעציעל צוריקגעקומען, כּדי צו פֿאַרברענגען נאָך אַפּאָר שעה מיט אייך!

— איך האָב אין פּאַריז אַ גאַנצן באַרג זאַכן צו דערלייי-דיקן... און אַחוץ דעם האָב איך טיענו פֿאַרשפּראָכן צו קומען און זי וועט מיך אָפּוואַרטן.

— באַ! — מאַכט מאַדאַם באַזעלעק, נישט אַרויסלאָזנדיק איר אייביקן ציין-שטעכער, — איר האָט נאָך צייט!... אייער פֿריינדין מאַדאַם זשורדאַן וועט דאָך נישט וואַרטן אויף אייך קיין שעהן... בלייבט מיט אונז ביז סוף חודש... (זי וועגדעט זיך צו מאָריסן...) זי איז אַזאַ וואוילינשקע!...

— איך וועל אייך פֿירן באַקוקן דעם מוזעאום מילגע, אין קאַרנאַק, — האָט דער אַלטער באַזעלעק פֿאַרגעלייגט מיט אַזאַ מינע, גלייך ווי ס'וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ וויזיט אין גן-עדן. דער דאָזיקער מוזעאום מיט דעם פֿון וואַן זענען דער רייכסטער באַוויז פֿון אונזער אַרכעאָלאָגיע.

ספּי, אַ געריכטע, האָט באַהערשט איר חשק צו לאַכן.

— איך דאַנק אייך זייער, אָבער...

מאָריס איז איר געקומען צו הילף.

— זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס הויז בלייבט שטענדיק פֿאַר איר אָפֿן און אַז זי וועט אַלעמאָל זיך דאָ פֿילן ווי ביי זיך... נאָר אין אירע יאָרן האָט זי, פֿאַרשטייט זיך, אַסך נויטי-קערע זאַכן ווי צו זיין אַן עדות ביי אייער שפּיל אין זשאַקע, מיין טייערע טאַנטע... אָדער צו וויסן, אויב דער שטיין, וואָס דער פּעטער האָט נעכטן געפֿונען אין פּעטי-מאַן, איז געווען אַ אַ פּאַרצייטישע האַק.

— ס'איז יעדנפֿאַלס אַ שטיין פֿון מיין גאָרטן, — האָט דער אַלטער מאַן באַמערקט מיט שטאָלץ.

— אויסער דעם, — האָט איווע געזאָגט האַלב אין שפּאַס, האַלב ערנסט — איילט זיך אונזער פֿריינדין צו זיין צוזאַמען מיט מאַדאַם זשורדאַן... די לוסטיקע אַלמנה!...

— דאָס, דאָקטאָר, איז נישט פֿיין.

— דער אויסדרוק איז אייערער!

— ניין. אַן אַלמנה מוז נישט זיין געצווינגען איינצוהילן זיך ס׳גאַנצע לעבן אין שוואַרצע שלייערן און האָבן אַ מעלאָ-דראַמאַטישן אויסזען, איבערהויפּט נאָך, ווען דער מאַן, וועלכן זי האָט געהאַט, איז געווען אַ ברוטאַלער, און זי האָט נישט געליבט... איך האָב בלויז געזאָגט, אַז מיין פריינדין איז געווען זייער אַ פריילעכע. דאָס צוזאַמען מיט די מיליאָנען, וואָס זי האָט געירשנט, האָט זי נישט, וואָס צו קרעכצן...

— זעלבספאַרשטענדלעך! — האָט איווע נאָכגעגעבן. — אַנטשולדיקט מיר. דאָס עגמת-נפש, וואָס איר פאַרלאָזט אונז מאַכט מיך זיין אומגערעכט.

ספּי האָט אים דערלאַנגט די האַנט.

— אָבער מיר וועלן זיך נאָך ווידערזען! און דאָס גאָר אין גיכן.

מאָריס האָט איר האַרציק אָנגעקוקט. ער האָט געטראַכט מיט מער אויפרעגונג ווי ער האָט אַרויסגעוויזן וועגן פּאַסאַזש פון דעם שיינעם בלאָען פויגל. אויף דעם גרויען הימל פון זיי-נע פירציקער יאָרן. ער האָט געפילט, אַז איצט איז ספּי שוין ווייט פון ברעטאַנישן ברעג, פון דעם אָרט, וואו זי איז שיער אומגעקומען און פון וואַנען זי האָט זיך מיט אויסגעשפּרייטע פליגל אַ וואָרף געטון צו אַ נייע עקזיסטענץ... ער האָט זיך פאַרשפּראָכן, איר נאָכצופאָלגן באַהאַלטענערהייט, אַזוי, .אַז זי זאָל קיינמאָל נישט פילן די קייט פון זיין הילף.

— אַלנפאַלס רעכנט בלאָן-ברוג אויף אייך ביי די קומענ-דיקע וואַקאַנסן!

— אָבער זיכער!

— ס׳איז פאַרשפּראָכן?

זי האָט זיך אַרויסגעדרייט.

— ביז דאַמאָלס... מיר וועלן דערפון רעדן.

זי האָט געפילפול און גוטווויליק געשמייכלט צו אַלע... נישט אָן באַדויערן האָט זי פאַרלאָזט דאָס אַלטע גאַסטפרײנטלעכע הויז, די ווילדע פעלד-גראָזן אין דעם פאָרט.

די מעגלעכקייט צו שאפן דויערהאפטע ראסן דורכן פארבינדן געזונטהאפטע די פארשידנארטיקע פאר־זעניש דערלויבט צו גלייבן, אז מען וואָלט באקומען אַ מענטשלעכע ראסע ביי וועמען די אינטעליגענץ, די פעאיקייטן, דער חוש פאַר רעכט וואָלט איבערגעגאַנגען פון איין דור צום אַנדערן.

**קאַנט.**

ספי עפנט און פאַרמאַכט נערוועז אירע וואַליזקעס, ציט איין די לעדערנע פאַסן, קוקט אַרויס צו די פעלדער, וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אין פאָרשטעט... ליימיקע הייזלעך, שוואַרצע פאַבריקן, דאָקן, ווי מיאוס, זענען די אַריינפאָר־ערטער פון די שענסטע שטעט! און ווי לאַנג זעט אויס אַ רייזע, ווען אַ ניי־אומבאַקאַנט לעבן לויערט אויף אייך ביים אַראָפגיין פון צוג!

נאָך אַ גליק, וואָס איר עלטסטע פריינדין פון דער פאַר־גאַנגענהייט וועט דאָ זיין איר אויפצונעמען... די דאָזיקע טייוולאָ־נישע עטינעט פון וועמען זי האָט אַחוץ דאָס אָנשטענדיקע בריוול אין בלאַן־ברוג זעקס חדשים צייט קיין שום ידיעה נישט געהאַט... די עטינעט, וואָס אַלע זייערע געשמאַקן טיילן זיי פו־נאַנדער און נאָר די דערינערונג פון ווייטע, שלעכטע צייטן בינדן צונויף זייער ברויזנדיקע יוגנט און גוטן הומאָר, בעת זייער גפאַרשידנאַרטיק לעבן... אָ! זי וועט נישט מיסברויכן פון איר אַסטפריינטלעכקייט! נישט מער ווי אויף דערווייל ביז זי וועט

זיך אַרומקוקן, גע[illegible]ן די ערשטע בעסטע באַשעפטיקונג... און דערנאָך!...

אָט איז פּאַריז!... דער לאָקאָמאָטיוו, אָנקומענדיק, לאָזט אַרויס אַ פריידיק געשריי, דערנאָך אָטעמט ער רויִשיק אָפּ, אַזוי ווי אַן אָסטמע־קראַנקער, וואָס איז צופיל געלאָפן. דאָס שטיקן זיך ווערט קלענער, הערט אויף... די קייט וואַגאָנען פּלאַצט אויף. פון די אָפענע טירלעך שלאָגט זיך אַרויס אַ געדראַנג פון מענטשן, וואָס איידער זיי גייען אַראָפּ קוקן זיך אַרום אויף רעכטס, אויף לינקס, זענען עס פאַרפּלאָגטע? ניין! אַ טייל זוכן אַ היימיש פנים, אַנדערע נאָר בלויז אַ טרעגער, וויסנדיק, אַז זייער איינזאַמקייט ווערט נישט אויף קיינעם און קיינער ווערט נישט אויף זיי... פונדעסטוועגן וויפיל זענען פאַראַן צווישן די נייגיריקע, וואָס די אָנקומענדיקע צוגן ציען צו און מעסטן אויס די לאַנגע פעראָנען, זוכנדיק עפּעס אַן אילוזיע, וויפיל אָרימע איינזאַמע וועזנס, וועמען קיין שום פריינטלעך פנים וועט נישט אָנקוקן! די איינזאַמקייטן רירן זיך אָן, נישט דערקענענדיק זיך...

טיענו!... ספּי האָט איר דערזען, אַ רייך־אויסגעפּוצטע, מיט יענעם שטאָלץ, וואָס עס גיט די זיכערקייט, אַז מען ווערט באַוואונדערט... דער שוואַרצער מאַנטל אין ווייסע פּאַסן באַפּוצט מיט אַ גרויסע טונקעלע בלום, וואָס האָט דייטלעכער געמאַכט איר שיינעם, דינעם האַלדז... אירע פיס זענען איינגעפּאַסט אין זיידענע, דורכזיכטיקע זאָקן, און שיכלעך צוגעפּאַסט לויט די קליידער... אויף איר האַנט פינקלט אַ דיאַמאַנטן זייגערל, אויף וועלכן זי וואַרפט יעדע ווײַלע אַ בליק, כאָטש זי האָט פאַר די אויגן דעם גרויסן וואָקזאַל־זייגער, — נאָר אויב מען זאָל נישט ווייזן דאָס צירונג, דאַרף מען דאָך דאָס נישט טראָגן אויף זיך! ספּי איבערצייגט זיך, אַז נישט קוקנדיק, וואָס זי איז איצט „מאַדאַם אַלמנה זשורדאַן", איז זי דאָך געבליבן די אייגענע טיענו... „אַהאַ, זי האָט מיך דערזען!..."

— ספּי!

אַ געשטויסענע און זיך שטויסנדיק צווישן די פּאַסאַזשירן, וואָס זעען אויס ווי אַנטלויפנדיקע באַלעבאַטים. אין

עטיענעט געקומען צו לויפן. זיי צעקושן זיך. די צייט און דער טרעגער מיטן באַגאַזש זענען דערווייל פאַרשוווּנדן...

— וואו איז ער?... אָ! איך זע אים... לאָמיר אים דעריאָגן!

נישט אויפהערנדיק צו פּלוידערן גייען זיי ביידע פאַר־טיפט נאָר מיט זיך אַליין, זיך באַוועגנדיק ווי אַ זעגל־שיף. מעכאַניש גיבן זיי אָפּ די בילעטן, באַצאָלן דעם טרעגער, וועל־כע׳ לייגט אַרויף די וואַליזקעס אויפן אויטאָ, און אָט דרייען זיך שוין די רעדער.

— ביסט נישט מיד?

— ניין. ווי שיין דו ביסט!

— געפינסט עס איין?... ס׳פאַרשאַפט מיר פאַרגעניגן, וואָס מיר וועלן ביידע זיין צוזאַמען. איך האָב צוגענומען רענע, כדי מען זאָל קענען זיין רואיק.

— ווער איז דאָס דער רענע?

— מיין שאָפער. שוין איין מאָל אַ טיפּ! אַ פאַרביסענער קאָמוניסט, אָבער אין גרונט זייער אַן אָנשטענדיקער. געוויינלעך פיר איך אַליין אָן מיטן אויטאָ.

— זאָג נאָר, ער איז דאָך נישט קיין שיינער.

— דאָס איז ספּעציעל אַזוי. פאַרשטייסט... דו קענסט דאָך מיך, אַביסל אַ שענערער יונג וואָלט איך באַלד געהאַט חשק צו שלאָפן מיט אים!

— האָסט זיך גאָרנישט געענדערט! און האָסט נישט מורא!

— פאַרוואָס?

— ער שיקלט. ס׳איז געפערלעך מיט אים צו פאָרן.

— אום געגנטייל, מיין אַלטיטשקע! איין אויג פון איין זייט, ס׳אַנדערע פון דער צווייטער זייט, קען ער קיינמאָל זיך נישט פאַרלירן... ס׳איז אמת! אין גרונט גענומען, נאָך וואָס דאַרף מען, אַז ביידע אויגן זאָלן קוקן אויף איין און דער זעל־בער זאַך? ביי דעם היינטיקן קאָמפּליצירטן לעבן איז בעסער, אַז יעדע זאַך זאָל זיך האָבן זיין אַרבעט!...

ספּי שמייכלט. זי האָט צוריק געפונען איר לין. אַ דערמוי־טיקטע האָט מאַדאַם עטיענעט טעאָ־זשורדאַן אונטערגעהויבן איר הוט.

— דו ווייסט, ס׳איז גוט זיך צו מאַכן פֿאַר אַ אידיאָט!...
אָ! לאָ! לאָ! אין מיינע יאָרן, אַז מען איז אַליין און מען וויל עפּעס דערגרייכן אין דער וועלט, דאַרף מען אָפּטער ווי אַלע־מאָל האָבן אַ שירעם אין הינטן!... קענסט דיר גאָרנישט פֿאָר־שטעלן! דאָס איז דער גרונט, און די געזעלשאַפֿט! ווען איך וועל אַלט זיין פֿופֿציק יאָר, און מען וועט דאַרפֿן אָראָפּבייגן דעם קאָפּ, דעמאָלס וועט שוין זיין גאָר עפּעס אַנדערש, כ׳זאָג נישט...
— ביסט אַלט דרייסיק, און זעסט אויס ווי פֿון צוואַנציק!
— ביסט אַ וואָוילישקע! כ׳האָב דיך ליב, קום אַהער!
— אַלזאָ, ס׳איז אמת, אַז דו לעבסט איינזאַם?
— ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי!... אַליין מיט דער מאַמען אין מיין גרויסער בודע...
— זי זעט גוט אויס?
— מיין בודע? קענסט דאָך איר, שטענדיק די אייגענע. אונזער וואוינונג־פּאַלאַץ.
— ניין! איך מיין דיין מוטער.
— ווי צום בעסטן. זי איז געוואָרן נאָמינירט אַלס פּאַ־טראָנאַטין פֿון דער וואוילטעטיקער געזעלשאַפֿט פֿון XVI־טן באַצירק. אין יאַנואַר וועט זי קריגן אַן אויסצייכענונג. איך פֿאַרנעם זיך אויך מיט וואוילטעטיקע זאַכן.
— בייטאָג. אָבער ביינאַכט?...
— אַלע קען זענען גראַ!... אוודאי, אַז איך בין אַ מיל־יאָנערקע, פֿאַרשטייסטו, אַז איך מוז האָבן געליבטע!... כ׳וועל דיר דערציילן. און דו? געענדיקט מיט אַלעקסאַנדערן?
— פֿולשטענדיק.
— כ׳האָב דיר אַלעמאָל געזאָגט: „קיין שום צוקונפֿט פֿון דעם צוזאַמענקלעבעכץ!״ ביי מיינע באַציאונגען וועל איך דיר געפֿינען בעסערס, כ׳זאָג עס דיר צו.
— דיינע באַציאונגען? — האָט ספֿי געפֿאָרשט מיט אומצוי־טרויען, נישט לייגנדיק אַפֿילו קיין אַכט אויפֿן פֿאָרשלאַג.
— צום טייוול! ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז טעאָ האָט נאָר

ליב געהאַט צו פאַרקערן מיט גרויסע לייט... איך אַרבעט בלויז מיט הויכגעשטעלטע: פירשטן, פּרעזידענטן, מיניסטאָרן.

עטינעט האָט אַרויסגערוקט דעם בוזעם, אָנגעבלאָזן די בעק און פונאַנדערגעשפּרייט די הענט מיט אַ טריאומפאַלער מינע, ווי זי וואָלט געזאָגט: „אָט ווער איך בין!״.

— אַ באַוויַיז: די אַנדערע וואָך וועסטו עסן מיט זיי צוזאַמען...

— איך האָב נישט קיין קלייד!

— איך וועל דיר באָרגן מיינס! ס׳וועלן זיין מיינע פריינט דער פירשט און פירשטין דע לוסטאמבער — צוויי אַלטע רעשטלעך, וואָס איך האָב אויפגעהויבן אין מאַראָקע, און וועלכע קלאַפּן אין אַלע טירן אויף פילאַנטראָפּישע צוועקן... די גראָבע רעסינגער, וועלכע זיי קענען נישט פאַרליידן: צוליב קאָנקורענץ! באַזונדער נאָך צוליב דעם, וואָס רעסינגער האָט די קלינגערס, וואָס זיי פעלט עס אַזוי... בואַסאָנעי, דער מיניסטער פאַר היגעניע... זשאָרזש לערא, פאַרטרעטער פון מיניסטער פאַר עפנטלעכע בילדונג (דער מאָמעס אויסצייכנונגען)... די פּרינצעסין...

— גענוג, הער־אויף!

— ... דע פּיאַמבינא, די באַרימטע פּאָעטין. זי וויל פון מיר אַרויסקוועטשן צוויי הונדערט טויזנט פראַנקלעך אויף צו גרינדן איר ליטעראַרישן פּרייז... דערנאָך לויף איר נאָך! ס׳וועט אויך זיין... (ספּי וואָלט געקענט זעען ווי זי קריגט רויזע פאַרבן, ווען אירע בעקלעך וואָלטן נישט געווען פאַרשטעלט פון דער רויטער פאַרב)... דער גרויסער קינאָ־שטערן ליאָנעל האָט.

— נישט באַקאַנט.

— וועמען קענסטו יאָ? וואָס טוט זיך מיט דיר, ליאָנעל האָט! זיין בילד איז דאָך דאָ אין אַלע ציַיטונגען!... דער אויטאָר פון נייעם פילם, וואָס גאַנץ פּאַריז לויפט זען אין סטודיאָ דרייצן... „דער טרוים פון נשמות״... האַלוצינירנד! ליידנשאַפטלעך!... וועסט זען! ס׳איז פּראַכטפול!... (פון ענטוזיאַזם קלאַפּן ביי איר די ברעמען, ווי פליגל)... און וואָס פאַר אַ זאַל! צוויי הונדערט טויזנט פראַנק בלויז פאַרן רעסטאָרירן.

— דו סובסידירסט עס?

— אביסל... היינט ביינאַכט גייען מיר אַהין.

— הער, דעם ערשטן טאָג וואָלט איך געוואָלט בלייבן אינ־דערהיים מיט דיין מוטער.

— די מאַמע? זי לויפט אַוועק גלייך נאָכן עסן. ס'איז היינט דער טאָג, ווען זי שפּילט אין בעלאָטע ביי איסאַ... אַ טרעפעריין, וועלכע זי האָט באַגעגנט אין ווישי... ס'איז אומ־דערהערט! פון די הענט, פון קאָרטן... זי וועט דיר זאָגן דיין פאַרגאַנגענהייט.

— אַ דאַנק! איך קען איר גוט.

— דיין צוקונפט... לויט איר דאַרף מיט מיר געשעען אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע, און דערנאָך אַן אומגלויבלעך גליק. צו אַכציק יאָר וועל איך ווערן אַ מאַרקיזין...

— שוין איינמאָל אַ גליק!

— זי איז וואונדערבאַר, די דאָזיקע איסאַ. און ווי בכבודיק זי האַלט זיך!... וועסט זי זעען, כ'האָב איר אויך איינגעלאַדן... אָ! ס'וועט שוין זיין איינמאָל אַ נומער... די גאָר ערנסטסטע מענטשן. אַפילו ווען זיי גלייבן נישט דערין האָבן ליב, אַז מען זאָל זיי צוטרעפן עפּעס אַ גוט געשעעניש.

— צוליב דער מורא פאַר שלעכטס. פונדעסטוועגן שטאַרבט מען דאָך נישט מער ווי איין מאָל.

— שווייג, — האָט עטינעט באַפוילן, בלאַס זייענדיק, — וואַרפסט אויף מיר אָן אַן אימה. דער געדאַנק וועגן טויט שוי־דערט מיך אויף... נישט פאַראַן גאַרנישט אַחוצן לעבן! דאָס, אין דער טרוים פון נשמות. איך גיי עס זען כמעט אַלע נאַכט... וועסט זען ליאָנעל, ער שטעלט אַליין פאַר זיין פילם.

— גוט. וועסט מיר שפּעטער אַלץ דערציילן.

עטינעט האָט צופרידן געשמייכלט. דער אויטאָ איז דורך די גרינע פעלדער צוגעקומען צום טויער פון דער „גרויסער בודע", וועלכע האָט געהאַט אַ קובישן פאָרם, לויטן סטיל פון לודוויג דעם XVI. אַ מער גלאַנציקערע קאָפּיע פון Petit-Trianon.

— מיר זענען ביי זיך. — האָט די אייגנטימערין העפלעך געזאָגט.

ספּי האָט אַ קלער געטון: „ווי טוט זי זיך דאָ אַהין!...״ אין דער צייט, וואָס דער דינער האָט מיט אַ פֿאַרגליווערט גדלות זיך פֿאַרנומען מיט אירע וואַליזן, האָט זי באַוווּנדערט מיט סימפּאַטיע דעם גאָרטן, וועמענס גרויסע ביימער האָבן זיך געצויגן ביזן בולוואַר סושע.

— די מאַמע וועט זיין צופֿרידן דיך צו זען. — זאָגט עטינעט, זיך לאָזנדיק צו דער ווינדע.

— די מאַדאַם מוטער, — האָט דער הויפּטדינער, וועלכער איז געשטאַנען שטייף אויסגעצויגן ביים אָפֿענעם טירל, אָפֿיציעל געמאָלדן, — איז נאָך נישט צוריקגעקומען.

לאָזנדיק אים ביי זיין שטייפֿקייט, האָט ספּי פֿאָרגעלייגט אַרויפֿצוגיין דורך די מאָנומענטאַלע מאַרמאָרענע טרעפּ, כּדי זיך צוצערודערן אַביסל די פֿיס. זיי זענען אַרויפֿגעקומען אויפֿן ערשטן שטאָק אין דער אייגענער צייט, וואָס די ווינדע מיט די וואַליזן און טרעגער... „אין צימער פֿון בלאָען דאַמאַס, אַרטור״. דער מאַן איז געגאַנגען פֿאָרויס, מיט שטאָלצע טריט, ווי אַ הערשער. ספּי האָט זיך געוויצלט:

— דאָס מוז שטאַמען ווייניקסטנס פֿון קעניג!

— וואָס פֿאַר אַ קעניג?

— דער קעניג אַרטור!

— ווער איז דאָס?

— ער איז טויט.

— אויב אַזוי, גייט ער מיך נישט אָן! דער דאָ איז אַ געוועזענער רוסישער אָפֿיציר... אַלנפֿאַלס, דיין חבר איז דער, ווו דער אַפֿגאַנישער קעניג איז אַמאָל געשלאָפֿן.

— דו פֿאַרכּישופֿסט מיך! ווייסט, דאָס קלענסטע ווינקעלע...

— די אַנדערע פֿינף שלאָפֿצימערן זענען נאָך אַסך גרעסער. מען פֿלעגט אין זיי טאַנצן! דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען טעאָ פֿלעגט פֿאַרבעטן צו זיך הימל און ערד... ער האָט ליב געהאַט די הרחבה, דער דאָזיקער מענטש... איך וואָלט

געגוג געהאַט איין כאַטקעלע מיט איין האַרץ... (זי האָט גערעדט שטילער)... אויב כ׳זאָל פאָלגן ליאָנעל, וואָלט איך דאָס אַלץ פאַרקויפט.

— ביי מיין וואָרט, — זאָגט ספי, — ווי דו וואָלסט גוט געטון!

— און מיט די זעקס מיליאָן, וואָס שלאָפן דאָ, וואָלט איך געקויפט אַ שיינעם אַפּאַרטאַמענט...

— און דריי סטודיאָס!

אויפמאַכנדיק די טיר, האָט ספי אַן איבערראַשטע אויסגערופן:

— אָ! דאָס איז זייער פיין!

זי האָט דערקענט איר מעבל, דער אָנדענק פון איר טייערן טויף-פאָטער... דער לאַקיר האָט אַראָפּגעלויכטן פון די פּראָוואַנסער אויסאַרבעטונגען... די פאַרצייטישע קאָמאָדע... און אין דער ווייסער וואַזע פון סעוור, אַ בוקעט שיינע רויטע רויזן...

— אַחוצן בעט האָב איך ס׳גאַנצע מעבל פאַררוקט אויפן צווייטן שטאָק, כדי דיינס זאָל קענען שטיין באַקוועם...

— דו האָסט געדאַרפט מיינס אַוועקשטעלן ערגעץ אַנדערש. איך רעכן נישט דיך צו באַאומרואיקן אויף לאַנג!

— קודם זעץ זיך אַוועק!... אָדער ניין! קוק. דאָ זענען די העגגערס, דער באָדצימער... און דאָ, אין דאָזיקן קאַמער, אַלע דיינע פעקלעך, וואָס איך האָב נישט געעפנט. דער צעטל ליגט פון אויבן.

ספי נעמט אַרום מיט אַ גלעטנדיקן בליק די קאָנטורן פון די אַלטע, לעבעדיקע פאַמיליע-זאַכן, וועמענס געגנוואַרט מעקט אָפּ די צייט און לעבט אויף אַלץ, וואָס איז געווען גוט אין דער פאַרגאַנגענהייט... זיכערע חברים, וואָס זי איז גליקלעך זיי ווידער צו געפינען. אַ גערירטע נעמט זי אָן איר פריינדין ביי די אַקסלען:

— לאָז מיך דיך אַ קוש טון, ביסט אַ איסערגעוויינלעך אָנשטענדיק!

— ס׳איז שוין גוט! ס׳איז גוט!... לאָז מיך צורו מיט מיין

אָנשטענדיקייט... דו ביסט ביי זיך. כ׳זאָג עס דיר איין מאָל פאַר אַלע מאָל. און אַזוי לאַנג ביז ס׳וועט דיר דאָ נישט פּאַר-מיאוסט ווערן, בין איך צו דיר אונטערגעוואָרפן... פאַראַן מאָמענטן, ווען איך געגעץ דאָ, ביז צום פּלאַצן... זאָג נאָר, יאָ, און דיין רעטער?... דאָס איז די איינציקע פּערזאָן, וועגן וועלכער מען האָט נאָך נישט גערעדט... ער איז עפּעס אָנשטענדיק דער דאָזי-קער לע גערן?

— זייער.

— מער נישט?

— אָבער, ניין...

— ביסטו, הייסט דאָס, מיט קיינעם נישט, וואָס-זשע וועסטו איצט טון? די צייטונגען, דאָס איז שווערלעך... ס׳בלייבט דיר נאָר, וואָס דו שרייבסט גוט. ביז דאָס וועט דיר אָבער עפּעס אַריינברענגען...

— איך רעכן, אַז מאַדאַם קערוואָיאַל וועט מיר העלפן געפינען אַ באַשעפטיקונג...

— ביי מעדיצין?

— אָדער ביי עפּעס אַנדערש.

עטיגעט האָט זיך האַסטיק אַ קלאַפּ געטון אין שטערן.

— וואַרט נאָר! כ׳האָב, וואָס דו דאַרפסט... זוט! דער טעלעפאָן!... שוין לאַנג... (זי נעמט אַראָפּ פון קאָפּשטיק פון קעניגלעכן בעט דאָס טעלעפאָן-רערל)... ווער? די פירשטין דע לוסטאמבער?... גוט... גיט איר אַהער... (צו ספּי)... ס׳איז די וויצע-פּרעזידענטין פון מעק.

— פון וואָס? — מאַכט ספּי מיט דערשטוינונג, עפּנדיק דערווייל אירע וואַליזן.

אָבער אויפן באַפעלערישן צייכן, וואָס עס האָט איר געגעבן מיט אַ קינדערישער גאווה איר טיענו פון רו מארט*) איז זי צוגעגאַנגען אוו געגומען צום אויער דאָס צווייטע טעלעפאָן-רערל... ביידע האָב זיך, איבערווינקענדיק זיך מיט די אויגן,

---

*) זע: דער קערפּער איז דיין.

געשטיקט פון געלעכטער. איבערהויפּט ספּי, ווען עטינעט האָט מיט אַ גרויסאַרטיקער מינע אָנגענומען אַ טאָן פון אַ וועלט-דאַמע... „אָבער זיכער, מיין טייערע פריינדין!״ „איר פאַרשטייט, מיין גוטע? האָט זיך געהערט אַ ווייט צעבראָכן קול,— די דאָזיקע רעסינקער טרייבט איבער. נישט גענוג נאָך וואָס זי האָט מיר צוגעגנבעט ס׳פּרעזידענטשאַפט פון דער געזעלשאַפט, מיט איר איינצאָלן דעם מיליאָן, וויל זי נאָך, אַז מען זאָל איר פריער דעקאָרירן פאַר מיר! איך דערוויס זיך איצט, אַז אויף דער ליסטע פון „היגיענע״, וואָס איז אַוועק אין הויפּט-קאַנצעלאַריע צום פאַרטיילן די קרייצן, פיגורירט איר נאָמען אָנשטאָט מיינער!... נישט קוקנדיק אויף אַלע הבטחית פון בואַסאָנעי!... ס׳איז אומדערהערט!...״— „פאַרגעסט נישט, אַז די קומענדיקע וואָך זייט איר צוזאַמען מיט אים ביי מיר צום נאַכט-עסן. איר וועט קענען...״— „איך ווייס נישט אויב מיר וועלן קומען, ווייל די דאָזיקע גראָבע זשידאָווקע וועט דאָרט זיין...״ — „אָבער וואָס רעדט איר! אַז איר וועט וועלן, וועט דער מיניסטער זיך אַן עצה געבן און וועט געפינען פאַר אייך אַן אַנדערן קרייץ! אין קריגס-, אָדער אינערן-מיניסטעריום... אָדער גאָר ביים סאַמע מלוכה-פּרעזידענט... איך דאַרף נישט מער ווי צוואַרפן איין וואָרט מיין פריינט לאַבאַסטער, גענעראַל-סעקרעטאַר פון עליזע... — „איר גלייבט, אַז דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק וועט באַווייליקן?...״ — „פאַר אייך, זיכער! איר ווייסט דאָך, אַז די דאָזיקע הערן האָבן שטענדיק אין רעזערוו אַביסל בייט-געלט...״ —„איר זענט זיכער?״— „אַוודאי!... אויף יעדן פאַל רעכנט אויף מיר, אַז איך וועל זאָגן, וואָס מען דאַרף... איר ווייסט דאָך, אַז בואַסאָנעי פאָלגט מיך...״ — „איך ווייס אַפילו, אַז אויב איר וואָלט איינגעשטימט אים אויך צו פאָלגן, וואָלט מען אייך אין גיכן גערופן „מאַדאַם מיניסטער!״— „יאָ, אָבער...״ — „איר האָט ליבער פרייהייט ווי גרויסקייט? אָ! ווי שיין איז די יוגנט און דאָס עשירות!...— נו, גענוג מיט דעם! איך קוש אייך...״ — „איך אויך.״— „איר זענט אַ נ...״

דאָס וואָרט איז געבליבן אין דער לופט. עטינעט האָט מיטאַמאָל איבערגעריסן.

— אַזאַ פּאַס!... זי גריצלט מיר מיט איר ערן-לעגיאָן. זי מיינט טאַקע, אַז כ׳וועל מיך איינרייסן צוליב איר!

זי האָט געוואָלט צוגעבן: „איך קען אַזעלכע, וואָס זענען דאָס מער ווערט״, אָבער זי האָט געוואָלט, אַז ספּי זאָל פריער דערקענען דאָס געניאַלע גרויסקייט פון ליאָנעל... „דעם טרוים פון נשמות״ דעריבער האָט זי איינגפּאַך פאַרענדיקט:

— אַזוי, מיין אַלטיטשקע. דו זעסט ווי מען רייסט זיך איבער מיר!

— איך זע. אָבער זאָג מיר צום ערשט, וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר אַ מעק?

עטינעט האָט דערקלערט:

— די מ׳ע׳ק׳. איך רוף עס מעק, כּדי זיך צו אַמוזירן. דאָס איז אַן אינסטיטוציע אַזאַ, וואָס מיר, אַ קליינע גרופּע פריינט, וועלן עפענען אין סוף אָקטאָבער. אַ גרויסער טאַראַראַם! די מוטער ראסינגער וועט קריגן דעם קרייץ. דומערג וועט האַלטן אַ דרשה... יאָ, מיין טאָכטער... די „אינסטיטוציע פאַר די קינדער פון קינאָ״! דו מיינסט גלאַט אַזוי קינדער? ביין! דו קענסט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ המון עס לעבט, ערגער אָדער בעסער, פון קינאָ. איצט וועלן זיי האָבן אַ סאַניטאַרן אַנשטאַלט, אַהיים פאַר זויג-קינדער, אַ זומער-קאָלאָניע...

ספּיס פּנים האָט אויפגעלויכטן.

— אַט דאָ ווילסטו מיך אַריינפּאַקן?

— האָסט געטראָפן.

— וואָס פאַר אַ פונקציע?

— איך ווייס נאָך נישט. פאַרשטייסט, כ׳האָב טאַקע געשאָנקען פינף הונדערט טויזנט פראַנק. אָבער איך בין נישט איינע... ברויכסט זעען ווירקן אויף די פּרעזידענטין.

— זי איז פאַרבעטן צום מאָלצייט?

— יאָ. איבריקס, די גאַנצע סמעטענע פון אַדמיניסטראַ־טיוון ראַט איז פאַרבעטן צום מאָלצייט.

— די לוסטאַמבערס!...

— און אויך, כ'האָב פאַרגעסן... אונזער יורידישער בעל־יועץ מארוסאַן, געוועזענער אַדוואָקאַט... פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע. אַזוי, מיין טייערע! הע? ס'זעט אויס רייך.

— כ'קען אים נישט. וואָס האָט ער אָנגעשריבן?

— אָ! דו פאַרלאַנגסט צופיל! איך ווייס נאָר, אַז ער איז פרעזידענט פון דער נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט... (זי בלאָזט אָן די באַקן)... האַלט דיך פעסט!... פאַר דער פאַרמערונג פון גע־בורטן אין פראַנקרייך...

— ס'מוז זיין אַ מין פאָטער זשיגאָן *).

עטיענעט האָט אַרויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער.

— ער? ער האָט פונקט אַזויפיל קינדער ווי איך. אויב ער האָט אַמאָל יאָ געהאַט זענען זיי זיכער אין פריוואַט... אָ! ס'וועט אויך זיין ראַוואָסט, דער דירעקטאָר פון „אַדווערסער". אָן דער פרעסע איז גאָרנישט צו מאַכן.

— דאָס זענען אַלע?

— דאַכט זיך... וואַרט נאָר... ס'וועט אויך זיין האַגרען. פרעזידענט פון דער געזעלשאַפט פון פראַנצויזישע קינאָ־קינסט־לער, וועלכע האָבן ווי איך געשאָנקען פינף הונדערט טויזנט פראַנק.

— און דו פאַרלאַנגסט נישט, אַז מען זאָל דיך פאַר דיין מי אויך באַשענקען מיטן ערן־לעגיאָן?

די מיליאָנערקע האָט געלאַכט.

— קענסט חוזק מאַכן אויב דו ווילסט! פריער אָדער שפּעטער וועט עס אַליין קומען... ווען איך וועל האָבן פאַר־טרעטן די רעסינגער, אָדער די לוסטאַמבער. דו ווייסט דאָך, אַז דערווייל לעבט נאָך מערמעראַדס קאָפּ.

— מערמערא?

---

*) פאָטער פון אַסך קינדער.

— ווייסט נישט, ווער ס'איז?... דערמאָן זיך אין מאַר־סעל! דער פּאַסקודניאַק, דער אויספאָרשונגס־ריכטער, וועלכער האָט דווקא געוואָלט אונז אַריינפּאַקן אין תּפיסה, ווען כ'האָב געהאַט צו טון מיט דער אָקושערקע... טאַקע אַביסל צוליב דעם פּאַרנעם איך זיך מיט ווילטעטיקייט... איך גיב נאָך אויף אַ פּריוואַטן דערציונגס־אַנשטאַלט, וואָס דערציט אָרימע קינדער, וועלכע די עלטערן נעמען צוריק צו צו זיך ווי נאָר זיי זענען עס בכּוח.

— דאָס אַלץ טוסטו!

— נאָר וואָס דען? מען דאַרף זען, אַז די דערפאַרונג זאָל צו עפּעס נוצן! איך דענק אָן מיר, אָן דיר... אין אונזערע קינדער, וואָס מיר האָבן נישט געקענט דערציען... פאַראַן אויך אַ קליניק, ווו כ'האַלט אויס צען בעטלעך פאַר די שלים־מזל־ניצעס, וואָס האָבן זיך געלאָזט אָנמאַכן אַ קינד קעגן זייער ווילן... שוין בעסער זיי זאָלן געלעגן ווערן אויף אַ ריינעם אופן, איינשטעלן ס'לעבן ביים אָפּטרייבן... נישט אמת?

ספּי איז איר אַרויפגעשפּרונגען אויפן האַלדז. דער טע־לעפאָן האָט אָנגעהויבן קלינגען און אָפּגעריסן זיי איינע פון די אַנדערע.

— דאָס מוז זיין צום נאַכט־עסן, — זאָגט עטינעט. (זי איז צוגעגאַנגען צום אַפּאַראַט און געהערט)... ניין! ס'איז די מוטער, זי איז נאָר־וואָס אָנגעקומען, מען גייט אַראָפּ!

— איך וואַש מיר נאָר אָפּ די הענט. קענסט זיך נישט פּאָרשטעלן ווי ס'פרייט מיך איר צו זען. (זי האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס גוטסקייט פון דער אַלטער פרוי, בעת די שלעכטע צייטן)... שוין! איך בין פאַרטיק, מיין טייערע!

די ווינדע האָט זיי אַראָפּגעשטעלט אין פייערלעכן פּאָ־דערצימער, די מאַדאַם מוטער איז זיי אַנטקעגן געקומען מיט אַ דערפרייט פּנים. איר קערפּער האָט זיך געהאַלטן זייער נאָבל,

אונטער אַ זיידן קלייד, געמאַכט פון אַ גוטן פאַכמאַן. ספּי האָט זיך האַרציק מיט איר צעקושט.

אין דעם דאָזיקן לוקסוס־רייכן ערי־מקלט האָט זי כמעט צוריקגעפונען איר פאַמיליע, די צוקונפט האָט געשמייכלט.

## II

— זאָג נאָר, ספּישנעט, וואו טוט מען אַהין די עפּנטלעכע בילדונג?... ביי מיין רעכטער אָדער לינקער זייט? ווער גייט צום ערשט? בילדונג אָדער היגיענע?

ספּי האָט מיטן בליק געפּאָרשט די מיינונג פון מאַדאַם רוסטאַן. אָבער נישט אויפהערנדיק צו קייען אַ פייג, האָט די מאַדאַם מוטער מודה געווען איר אומקאָמפּעטענץ.

אין לאַנגע אָוונט-קליידער — „ווי אומבאַקוועם זיי זענען די דאָזיקע שלעפּערס" — האָט עטינעט געוואָרטשעט. — די מוטער און די טאָכטער האָבן געוואָרפן אַ בליק אויף די לעצטע טיש-פאָרברייטונגען, אונטער דער מאַיעסטעטישער אויפזיכט פון מעטר ד'האָטעל קעניג אַרטור, נאָך מער שטייף ווי שטענדיק, און מאַרי ערשטע קאַמערדינערין, דאָס טישטעך פון אַ וואונדערבאַרן האַפט פון ווענעדיק אויף אַ דורכזיכטיקן בלויען קרעפּ איז געווען פאַרזייעט מיט די פאַרשידנאַרטיקסטע פרוכטן: באַרן, פערש און וויינטרויבן אויסגעמישט מיט טייערע בלומען און רויזן, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט מיט די פאַרצייטישע זילבערנע קאַנדעלאַברעס.

ס'געשיר איינגעפּאַסט אין שיינע באַפּוצונגען די מחנה קריסטאָל-גלעזער, דאָס שטראַלנדיקע ליכטיקייט פון די זשיראַנד-לען און דאָס שפּראָצנדיקע וואַסער פון פאָנטאַן, וואו ס'זענען

ארומגעשוואומען אין אַ זיג-זאַג פֿאַרשידנפֿאַרביקע כינעזישע פֿישלעך וועמענס קאָלירן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין ליכט פֿון פֿאַלנדיקן וואַסער, דאָס אַלץ האָט געשאַפֿן דעם איינדרוק פֿון אַזאַ אויסערגעוויינלעכן פּראַכט, אַז ספּי, פֿאַרגלייכנדיק דאָס מיט דעם איינפֿאַכקייט פֿון בלאַן-ברוג, האָט געטראַכט: „וויפֿיל אָרימע וואָלטן זיך געקענט דערנערן פֿון בלויזן טיש-איינאָרדענונג!“ אַ הויכער שפּיגל האָט איר געוויזן איר פֿיגור. מיט צופֿרידנהייט האָט זי קאָנסטאַטירט, אַז זי זעט אויס שיין אין איר פּאַראַיאָריק קלייד, וואָס זעט נישט אויס, וואָס אַן אמת, אַזוי רייך, ווי די נייע קליידער, וואָס איר פֿריינדין האָט איר פֿאָרגעלייגט, וואָס איז אָבער געווען מער צוגעפּאַסט צו איר איצטיקער לאַגע.

עטינעט האָט אַ פֿאַרדאגהטע זיך געישובט:

— אויב ס'זאָל זיין אַ פֿראַגע פֿון עלטער, קומט באַדיאַנסן דעם כּבוד. און דאַן וואָלט איך געזעצט קוקו-לאַ-רענעט אויף לינקס...

— זאָג אויף פּראָווינציעליש! — האָט ספּי זיך געבעטן.

— באַדיאַנס, דאָס בואַסאָנעי. אַ וואוילער טיפּ, וועלכער קען קיין שום זאַך נישט אָפּזאָגן און וועלכער האַקט אַ סעודה, אַ מחיה צו קוקן! און שמוציק!.. ער איז אַזוי געפּאַסט צו זיין מיניסטער פֿאַר היגיענע, ווי איך אַ פּאָפּ! ס'איז זיכער, אַז מען האָט אים נאָמינירט אויף אַ קאַטאָוועס.

— דו גלויבסט אפשר, אַז בעת מען האַלט זיי ביי אויסוועלן רעכנט מען זיך מיט זייערע פֿעאיקייטן?

— אָ! כ'ווייס עס גאַנץ גוט! אין יעדער פּאַרטיי נעמט מען אַ הוט, מען וואַרפֿט אַהין אַריין קליינע פּאַפּירעלעך מיט אויפֿגעשריבענע נעמען און האָפּ! ווער ס'איז זוכה-בגורל. קוקו-לאַ-רענעט אַמווייניקסטנס, וועלכער איז מער באַקאַנט אונטערן נאָמען זשאָרזש לעראָ, קען זיך נאָך אַן עצה געבן! אַ ריידעוודיקער, קען לאַטיין, גריכיש און אַזעלכע ווערטער, וואָס מ'דאַרף זיך לייגן אין דער ברייט זיי צו פֿאַרשטיין... ס'איז נישט צו פֿאַרשטיין פֿון וואַנעט ער נעמט זיי!

— אָבער פֿאַרוואָס עפּעס קוקו-לאָ-רענעט?

— ווייל ער רופט אין מיר אַרויס אַ היץ, זעענדיק, ווי די געבראָטענע טייבעלעך פֿליען אים גלייך אין מויל. אָ! קענסט זיך נישט פֿאָרשטעלן, ווי מען קען זיך אָן אים נישט באַגיין!

— דו וועסט זיך אויך נויטיקן אין אים?

— אפשר... דערווייל אָבער ווייס איך נאָך אַלץ נישט וועמענס אָרעם איך זאָל אָננעמען... (זעענדיק דעם מעטר ד׳-האָטעל צערעמאָניאַל זיך דערנענטערן, איז זי געפֿאַלן אויף אַן המצאה)... יאָזעף, צי ווייסט איר וועמען פֿון די עקסעלענצן קומט דעם אויבנאָן?

זי האָט אַרויסגעקייקלט די ווערטער מיט גרויס ווירדע גלייך זי וואָלט זיך מיט זיי געריייניקט דעם האַלדז. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט זי אַזוי-אַרום באַפּוצן מיט אַפּאָר געקינצלטע ווערטער איר גאַסן-לשון. יאָזעף האָט זיך פֿאַרנייגט, דערשטיקנדיק אין זיך דעם חשק צו לאַכן.

נישט נאָר וואָס די דינערשאַפֿט האָט זיך צוגעוויינט צו די צונעמען מיט וועלכע די באַלעבאָסטע האָט אָנגערופֿן אירע געסט, נאָר זי אַליין האָט אויך געהאַט אַזאַ צונאָמען, וואָס די קעכין האָט איר באַשטימט: טיטין... אַזוי זעט אויס די אַנדערע זייט פֿון דער מכלומרשטער אונטערטעניקייט! אַזוי ווי אין דאָס רוב רייכע הייזער האָט אויך דאָ דאָס פּערסאָנאַל געפֿירט אַ שטענדיקע פֿאַרשווערונג. רענע, דער שאָפֿער האָט געפֿירט די קאָמאַנדע. אַ בראַווער מאַן, וועלכער וואָלט פֿון דער נאַטור קיין פֿליג נישט אָנגערירט און וועמען די אומגליקן פֿון אַ אונטערגעוואָרפֿן קינד און שווער לעבן האָבן אַזוי פֿאַרביטערט, אַז ער האָט נאָר געחלומט פֿון אַ פֿולשטענדיקער איבערקערעניש פֿון דער סאָציאַלער אָרדענונג.

ער איז געווען אָנגעשלאָסן אַלס אָנפֿירער ביי אַ קרייזל פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און די „הומאַניטע" האָט ער פֿאַרהייליקט, ווי די עוואַנגעליע. אין זיין האַס צו דער בורזשואַזיע האָט ער געמאַכט אַן אויסנאַם פֿאַר זיין באַלעבאָסטע. דאָס איז דערפֿאַר ווייל מיט איר אַנאַרכיסטיש פֿריילעכקייט איז זי

ווייטער געבליבן איינע פון פאָלק. ער האָט איר באַטראַכט, ווי אַ מין פאַרקערפּערונג פון אַ רעוואַנש... ביי אַזאַ לעבן נאָך פאַרמאָגן אַ הארץ... און אַזוי גרויסמוטיק! דאָס געלט קלעפּט איר נישט אַזוי אויף די פינגער, ווי ביי די אַנדערע געמיי־נע בּרואים.

פיל ערגער איז געווען דאָס רוסישע פּאָרפאָלק, אַרטור און מאַרי, ערשטער קאָמערדינער און ערשטע הויזדינערין. עמי־גראַנטן, וואָס האָבן געליטן פון דער רעוואָלוציע, וואָס איז ביי זיי פאָרגעקומען. זענען זיי געווען פון די טויזנטער אויסגע־וואָרצלטע, וואָס זענען געווען פאַרביטערט אויף אַלע און אַלעם. זיי וואָלטן געהאַט פאַרגעניגן זעענדיק, אַז אויך אַנדערע פרי־ווילעגירטע ליידן. צווישן די אויך די דאָזיקע טיטין... וועלכע איז נישט געווען קיין געבוירענע דאַמע. אין די אָפּרו־שעהן האָבן זיי פריי אָפּגעאָטעמט, ווערנדיק צוריק פאַרוואַנדלט אין די אַמאָליקע רענטיעס הער און מאַדאַם רוסקאָי, ער מיט אַ לאַנגן ציגאַרן־שפּיץ אין מויל און זי — אויסגעפּוצט ווי אַמאָל אין די גוטע צייטן.

איבּער די דאָזיקע שליחים און שמשים פון אומאָרדענונג: קיכער, וועשער, צוויי הויזדינערן האָט יאָזעף געהערשט, שוינענ־דיק דערביי זייער זעלבּסווירדע. ער איז געווען דער מאָדעל פון די אַלטע דינער, וואָס האָבן געוווּסט צו מאַכן רעספּעקטירן זייער באַשעפטיקונג, פּונקט ווי יעדע אַנדערע: בּכבודיקע מלאָכה.

ער האָט געענטפערט מיט חשיבות:

— די נעמען זענען אויסגעלייגט פאַר יעדן גאַסט. איך האָב גענומען אין אַכט דעם ראַנג און דאָס הויכגעשטעלטקייט, אויף רעכטס דאַרף זיצן דער גראַן־מעטר פון אוניווערסיטעט.

— אויסגעצייכנט, יאָזעף. וועמען־זשע האָט איר געזעצט אַנטקעגנאיבער מיר—מאַדאַם רעסינגער? אָדער דעם לאַק פּירשט?

מאַרי האָט אַן אויפגעקאָכטע זיך איבערגעוואונקען מיט אַרטורן, אויסדריקנדיק די פאַראַכטונג פון גאַנצן אימפּעריאַלי־סטישן רוסלאַנד. זיי זענען ביידע אַרויס צו קענען פריי זיך

אָפּרעדן. דער קאָמערדינער איז צוריק אַריין, און אַן אָנגעבלאָזענער, מיט גרויסמוטיקייט, דערקלערט:

— פון צווישן צוויי פּראָבלעמען, מאַדאַם, האָב איך אויסגעקליבן אַלס אייער וויזאַווי דעם הער פּירשט דע לוסטאמבער. דער טיש וועט בעסער אויסזען.

— און מאַדאַם רעסינגער ביי זיין רעכטער זייט?

— נאַטירלעך.

ער האָט געהאַט אַזאַ זיכערע איבערצייגטע מינע, אַז דאָס מאָל האָט ספּי זיך קוים איינגעהאַלטן פון אַרויסצופּלאַצן מיט אַ געלעכטער. צוזאַמען מיט מאַדאַם רוסטאַן איז זי אַרומגעגאַנגען און איבערגעלייענט דעם נאָמען פון יעדן פּלאַץ: „פּרינצעסין דע פּיאָמבינאָ... האגדאן ראוואסט... מאַדאַם ארעלי...״

— אויסגעצייכנט! — זאָגט ספּי, איבערלייענענדיק דעם נאָמען פון איר שכן: ליאָנעל האָט.. צווישן זיי ביידע וועל איך מיך נישט צופיל לאַנגווײלן.

זי האָט געשעצט דעם טאַלענט פון דירעקטאָר פון „אדווערסער״. און וועגן דעם אויטאָר פון „חלום פון נשמות״ האָט זי נאָך דער לעצטער בייגעוווינטער פאָרשטעלונג געהאַט דעם איינדרוק ווי וועגן אַ ליבלעכן און געבילדעטן פאַריזער.

— זאָג נאָר! — האָט עטינעט אויסגערופן, זיך לאָזנדיק צום סאַלאָן (אַ סיגנאַל האָט צו וויסן געטון וועגן אָנקומען פון ערשטן אויטאָ). איך געטרוי אים דיר...

ספּי האָט צייט דעם אָנהויב פון מאָלצייט נישט פאַרלוירן פון אויג קיין איין סצענע און קיין איין דיסקוסיע. די דאָזיקע קאָמעדיע, וואָס שפּילט זיך אָפּ יעדן אָוונט אויף אַ נאַטירלעכן אופן אין אַלע דרייסיק סאַלאָנען, ווו עס פאַרזאַמלען זיך ווי ביי מאַדאַם טעא זשורדאן אַלע גרויסע סטאַרס, איז פאַר איר געווען אַ נייעס, וואָס האָט אויף איר אַזוי געווירקט, אַז אַ שעה שפּעטער האָט זי נישט געוווּסט, אויב זי איז ווייניקער דענערווירט ווי פאַרוויילט.

מען האָט דערלאַנגט צום צווייטן מאָל געבראָטענע טויבן.
דאָס פאַרכאַפּערישע קול פון זשאַרוש לערא זיך פאַר-

שטאַרקנדיק פלוצלינג, האָט אָפּגעהילכט אין אַ האַלב שטילקייט, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום אים:

— אָבער יאָ, טייערע פּרינצעסין, איך בין אַן אַנטיפּעמי־ניסט, אַמווייניקסטנס בין איך אַזוי אין איצטיקן מאָמענט. לאָ־מיר זיין אויפריכטיק. איך פאַרבלייב אייער הייסער פאַרערער, ווי אויך פון אייערע נאָכפאָלגערינס, אויב זיי זענען ווי איר באַשאָנקען מיט טאַלאַנט און שיינקייט... (ער האָט גאַלאַנט אַ דריי געטון מיט דער לאַנגער נאָז אויף אַ באַגריסונג אין ווייַ־טער גערעדט). און גראַציע נאָך מער ווי שיינקייט. איך גלייב אַפילו אין אַ ווייטער צוקונפט און אַן אויסגלייך אין ווערט פון ביידע געשלעכטער, ווען? דער מוח פון מאַן איז דאָך אויף אַזויפיל ווייטער אַוועק!... דאָס וועט אָבער נישט שטערן, גלייב איך, אַז ס'זאָל קומען אַ טאָג, ווען מיר וועלן זיין געצווינגען אָפּצוטרעטן פאַר אייערע אַרגומענטן, און זיך טיילן מיט די פּרויען, געשיקטע באַצווינגערינס, מיט דער פאַראַנטוואָרטלעכער מאַכט... אַ גליק נאָך וואָס קיינער פון אונז וועט נישט דער־לעבן צו זען אַזאַ פאַרהאַסטע קאָנקורענץ. גענוג שוין פאַר אונז דער אייביקער קלאַסן־קאַמף. לאָמיר נישט צוגעבן דערצו נאָך אַ קאַמף פון געשלעכטער.

ער איז שטיל געבליבן אַ צופרידענער, און — צונעמענ־דיק דאָס געריכט, וואָס דער קעניג אַרטור האָט אים אונטער־געטראָגן, — האָט ער פאַרזוכן זיין הירשן־פּיסק אין טעלער מיט עסן.

ער האָט אויפגערעגט ספּי מיט זיין דרומדיק פלוידעריש־קייט, ער איז געווען אָפּשטויסנדיק מיט זיין ביינערדיק קרענק־לעך בלאָנד אויסזען און מיט זיינע פליישיקע ברעמען איבער די טאַנצנדיקע שיקלדיקע אויגן. ווי וואָלט זי הנאה געהאַט, ווען זי זאָל אים קענען געבן אַן ענטפער! אַ גליק, וואָס די פּאַ־עטין האָט זיך דאָס אונטערגענומען...

— ס'וועט נאָר דאַן זיין קאָנקורענץ, — האָט עליזאַ דע פּיאַמבינאַ דערקלערט, אָנשטעלנדיק אירע בינאָקלען אויף דעם שוטה, — אויב ס'וועט זיין מענלעכע עקשנות. זוכט בעסער

אונזער מיטאַרבעטערשאַפט, אויב איר ווילט דערגרייכן נייע דעראָבערונגען אויפן געביט פון דעם מענטשלעכן זשעניע. נישט רעדנדיק שוין, — אַז מאָסיע בואַסאָנעי וועט זיין מיט מיין מיינונג, אין דעם בין איך זיכער, — פון אַ גיכער פאַרבעסערונג פון היגיענישן לעבן און אַלס קאָנסעקווענץ אויך פון דער ראַסע.

אַרויסרוקנדיק איר פולן ביוסט, האָט די רעסיגנער אַרויסגעשאָסן מיט אַ קאָמפּלימענט צום מיניסטער פון איר האַרץ.

— אייער עקסעלענץ האָט געגעבן צופיל באַווייזן פון איבערגעגעבנהייט צו אונזערע ווערק, אַז ער זאָל זיך נישט שטעלן אויף אונזער פאַרטיידיקונג.

פול מיט קנאה צוליב דעם עפעקט, וואָס איר פיינדין האָט אַרויסגערופן, — „וואָס פאַר אַן אינטריגאַנטין זי איז, די זשידאָווקע!“ — האָט די פירשטין, היפּנאָטיזירט דורך דעם רייץ פון רויטן קרייץ-בענדעלע, אַרויסגערילצט מיט איר זשאַבע-קול:

— אונזער טייערע פריינדין האָט רעכט, מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט געהאַט קיין בעסערן אונטערשטיצער, ווי מאָסיע בואַסאָנעי. ער צום ווייניקסטנס פאַרשטייט כאָטש די פרויען!

דער טאָן איז געווען אַזוי שניידיק, אַז בואַסאָנעי איז געוואָרן פורפור-רויט — פון צעמישונג אָדער פון צופרידנהייט? — און דער „לאַך-פירשט“ פאַרשטייענדיק, אַז זיין ווייב איז אַביסל צו ווייט אַוועק, האָט לייכט אונטערגעהוסט. דער דאָזיקער פאַרשוין האָט געהאַלטן, אַז אויב אַ פירשטין דע לוסטאַמבער, כאָטש נישט פאַרנעמענדיק קיין גרעסערן פּאָסטן, ווי וויצע-פרעזידענטין, האָט געהאַט הונדערט מאָל מער טיטולן, ווי אַ פרעזידענטין פון שפּייז-הענדלערינס, איז עס פּונקט אַזוי באַר-מאַל, ווי אין דער צייט, ווען מען האָט ווען מען האָט דעקאָרירט נישט לויט די פאַרדינסטן, נאָר לויט דעם גלאַנץ פון נאָמען, פאַר אַ מיטגליד פון זשאָקעי-קלוב, און צומאָרגנס דערהויבן דורך דעם פּויבסט פּיוס XI פאַר אַ פּרינץ אין וואַטיקאַנישן הויף.

לערא האָט פּרובירט ווידער צו נעמען ס׳וואָרט. אָבער די פּרינצעסין איז געווען אַנטשלאָסן אָנצוהאַלטן ווייטער איר

אויבנאָן. אָפיציר פון ערן-לעגיאָן, האָט זי עפנטלעך ארויסגעוויזן איר סימפּאַטיע צו געוויסע רעפּובליקאַנישע מלוכה-מענער, און גאָרנישט דערוואַרטעט פון אַ רעאַקציאָנער, וואָס איז אין פּאָליטישן געדראַנג מאָמענטאַל דערהויבן געוואָרן צו דער מאַכט. דאָס גאַנצע, וואָס האָט איר אינטערעסירט אין דעם דאָזיקן אָוונט, איז געווען צו ווירקן און אַרויסצובאַקומען „פון איר טייערער מאַדאַם זשורדאַן", אַז זי זאָל אָנטייל נעמען מיט אַ פינפטן חלק אין דעם מיליאָן-פאָנד: אַזוי-אַרום וואָלט געשאַפן געוואָרן דער וויכטיקסטער ליטעראַרישער פּריז, און דער נאָמען דע פּיאַמבינאָ וואָלט געוואָרן פאַרייניקט מיט די הונדערט צוואַנציק טויזנט פראַנק, וועלכע די אַקאַדעמיע וואָלט אַלע צוויי יאָר צעטיילט פאַר אַ זאַמלונג פון די בעסטע ספּיריטואַליסטישע פּאָעמען.

— איר חנפעט אונז מיט אַן אויסגלייך פון די געשלעכטער, וואָס זעט אויס צו זיין אַזוי וווייט, ווי דער אייזל פון פּאַלאַנאַס, וואָס איז גלייכצייטיק אַ וואָלקן!... אָבער איר רעכנט אויס, אַז דערווייל זאָלן מיר, די געשיקטע באַצווינגערינס וואָס מיר זענען, זאָלן מיר ווייטער בלייבן געפאַנגענע אין פּלאָנטער פון טראַדיציעס און דערדריקט פון אייער אויפזיכט. אויב מיר זענען געשיקט, איז שוין נישט די העכסטע צייט, אַז מיר זאָלן דעראָבערן אונזער אומאָפּהענגיקייט? איז עס דען נישט קיין אַבסורד, אַז אונזערע קינדער, אונזער אייגן בלוט און פלייש, זאָלן נישט קודם-כל געהערן אונז אַליין?

מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט האָט זי גענומען פאַר אַן עדות די איבעריקע פרויען. ספּי האָט זיך געוואונדערט ווי אַזוי האָט איר געקענט באַטראַכטן ביים ערשטן אָנבליק פאַר נישט סימפּאַטיש און גרויס-האַלטעריש. זי האָט מיט אַזאַ ברען נאָכגעפאָלגט דעם קאַמף, אַז זי האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון צוצווואַרפן:

— איר האָט רעכט! זיי וואָלטן געברויכט טראָגן אונזער נאָמען.

בואַסאָנעי און לערא האָבן איבערראַשטע אויסגעדרייט

דעם קאָפּ אין איר זייט. זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. די פּרינ־צעסין האָט דערווייל, אַ דערמוטיקטע פון דער אונטערשטיצונג, ווידער אָנגעהויבן:

— צי איז עס נישט רעוואָלטירנדיק דאָס, וואָס אייערע געזעצן באַהאַנדלען אונז, ווי מינדעריעריקע? דאָס וואָס מיר קענען נישט, אויב מיר פאַלן אריין אין נעץ פון געמיינשאַפט־לעכן צוזאַמענלעבן, קויפן, פאַרקויפן, אָנפירן מיט אונזער פאַרמעגן, אָדער אַפילו פריי זיך באַנוצן פשוט מיט אונ־זערע שכירות?

— דערפאַר טאַקע, אַז מען ווערט אַן אַלמנה, הייבט זיך אָן די גוטע צייט! — האָט עטינעט אריינגעוואָרפן.

— בראַוואָ! — האָט געהילכט די מאַדאַם רעסינגער.

זי אַליין איז אויך געווען אַ יורש פון אַ פילפאַכיקן מיל־יאָנער. די פּרינצעסין האָט פאַרענדיקט:

— צי איז נישט לעכערלעך סוף־כל־סוף, אַז מיר זאָלן נישט זיין קיין ווײלער, ווי עס זענען די פרויען אין אַלע גרויסע לענדער?

— ס׳איז אַ שאַנדע! — האָט מסכים געווען רעוואסט, אויף וועלכן ס׳האָט מער געווירקט דער דעקאָלט פון דער פּרינצעסין ווי אירע ווערטער.

איך גיב זיך אונטער, כ׳גיב זיך אונטער, — האָט לערא געמורמלט, שמייכלענדיק.—איך וויל נישט אָנגיין פאַר אַ dyscol.
אויסנוצנדיק דאָס, וואָס ס׳איז אַנטשטאַנען און אַלגעמיינע מהומה, האָט ספּי זיך נאָכגעפרעגט ביי איר שכן:

— Diss... ווי אַזוי?

ראַוואַסט האָט נישט געוווּסט, אָבער די פראַנצויזישע אַקאַדעמיע, און דער פּערזאָן פון מאָרוסאָן האָט איר פאַרטייטשט:

— Dyscole הייסט, איינער מיט וועמען מען קען נישט אדורכקומען. דער אַלטער געלערנטער האָט אַביסל געשטאַמלט ביים רעדן. דערפאַר אָבער האָבן שוין די מאַדאַם רעסינגער מיט דער פירשטין אָנגעמאַכט אַ גרויסן טומל. בלויז די קינאָ־סטאַרן האָבן זיך גאָר שטאַרק געלאַנגווייליקט און נישט ארויסגערעדט

קיין וואָרט. האגרען האָט חוזק געמאַכט פון אַלעם, וואָס האָט נאָר נישט געהערט צו זיין פאַך און האָט נישט געהאַט קיין שייכות מיט זיינע הכנסות, דאָס אייגענע ליאָנעל, אויב ס'איז נישט געווען קיין געלט און דינסט פאַר זיין קונסט. וואָס אַנבאַלאַנגט די פרוי, האָט זי פאַר אים עקזיסטירט בלויז אַלס אַ ממשותדיקע זאַך. אַן אינהאַבערין פון קאַקיטאַלן, אָדער פון פאָרמען.

לערא האָט זיך געגרייט אָפּצושלאָגן דעם אָנגריף פון דער פרויען-מחנה:

— דערלויבט!

אָבער די פרינצעסין, וויאָלאָניסטין פון וואָרט, האָט, אָנפירנדיק די אַטאַקע, געצוואונגען איר אויסצוהערן סאָלאָ.

— און אויב אַפילו מען זאָל דערלאָזן, אַז די מענער קענען זיין שטאָלץ פון זייער טויזנט-יעריקער דעראָבערונג, דענקט איר נישט, אַז ביי דעם וואונדערבאַרן פּראָגרעס פון די לעצטע אַנטדעקונגען, וואָלטן מיר נישט געקענט, מיר צוזאַמען מיט די פרויען פון פאָלק, גיך דערגרייכן צום ניוואָ פון דעם, וואָס איר האָט צייט הונדערט יאָר געשאַפן: למשל, מיטן פּאַרלאַמענט, פון וועלכן מיר באַגריסן אין אייך איינעם פון זיין רום...

מאַדאַם דע פּיאַמבינא באַווייזט אונז נאָך אַן איבריק מאָל, אַז זי איז דער זשעניע אַליין פון פראַנקרייך, אַ גרויסמוטיקער זשעניע, אָבער אַן אוטאָפּישער.

— אַ גלייכווערטל איז נישט קיין ענטפער! — האָט בואַסאָנעי פלוצלינג אויסגערופן מיט דער קראַפט פון אַ שנאה, וועלכע ער האָט לאַנג אין זיך געדריקט.

צי די גוטע ווייגען האָבן אים אַזוי דערוואָרעמט, צי ער האָט געוואָלט נושא-חן זיין ביי דער באַלעבאָסטע, וועלכע האָט, אָפּהיטנדיק אירע פליכטן, גראָד זיך צו אים אויסגעדרייט, — וואָס פאַר אַ פרוי! וואָס פאַר אַן אייגנאַרדענונג! — אַן אַלטער פּאָליטישער רעכענונג האָט אים אויפגערייצט קעגן דעם פראַנזן-מאַכער, וועלכער האָט געוואָלט אויך היינטיקן אָוונט אים פאַרטונקלען מיט זיין גאַלאַנטעריע און העכערן אָנזען... דערפאַר ווייל ער איז געווען דריי מאָל מיניסטער!... דער כיטרעניק,

דערפאַר ווייל ער קען יעדעס מאָל איבערדרייען דאָס מלבוש!..
און מיט פּעס:

— עס איז שוין צייט צו פּראָקלאַמירן די רעכט פון דער פרוי און פון דער בירגערין, וואָס אָלימפּ דע גוזש האָט נאָך מיט הונדערט און דרייסיק יאָר צוריק געפאָדערט פון דער קאָנווענסיאָן. לאָמיר אַ טראַכט טון, מיט ווייניקער שטאָלץ ווי מיט דערנידערונג, וואָס עס איז געווען דער פאָלקס־מענטש פאַר דער רעוואָלוציע, רעדנדיק בלויז ווי ס'איז געווען ביי אונז. עפּעס אַ מין בהמה, וואָס האָט דאָך נישט שלעכט געאַרבעט, ווייל זי האָט געגרינדעט די רעפּובליק און האָט ענדלעך געדינט, מיין טייערער, אַז מיר זאָלן זיך קענען צוקריגן צו דער מאַכט.

מען האָט דערלאַנגט פּרוכטן. לערא האָט געפילט ווי ס'וואָלט געווען לעכערלעך צו וועלן אים איבערשפּאַרן, ווייל נאָך אַלעם זענען זיי דאָך קאָלעגן. יונגערהייט האָבן זיי ביידע געהערט צו דער זעלבער פּאָליטישער גרופּע, ווו דאָס דוצן זיך, דער וועג זיך אַרויפצואַרבעטן איז געווען אין דער מאָדע. הייַנט איז יעדער געגאַנגען זיין וועג, דער רעפּובליקאַניזם פון בוואַסאָניען, וואָס איז אַמאָל געווען בלאַס, האָט זיך צוגעפּאַרבט אויף די באַנקעטן. און דער רעפּובליקאַניזם פון לעראָ, אַ באַהאַלטענער ראַיאַליסט, האָט באַקומען אַ ליליען־פּאַרב. ער האָט זיך באַנוגנט מיט דער באַמערקונג:

— מען קען טאַטזאַכלעך זיין אַ רעפּובליקאַנער, און גלייכצייטיק באַדויערן, וואָס פראַנקרייך ווערט נישט אַזוי קלוג רעגירט ווי זי פאַרדינט עס, דורך אירע אמתע זין... (בואַסאָנעי, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַ שווייצאַרישן זיידן, איז נישט געוואונט געוועזן צו שטעלן הינטער פּיסלעך. אָבער לערא האָט שאַרפער געצילט די פייל). דו, מיין טייערער פריינט, האָסט געבוג אויסצושטיין זייענדיק איינער פון די מאַריאַנס קורטיזאַנער און איינער פון די אָנהענגער פון אַן איינהייטלער שול...

— און געמישטע, קענסטו צוגעבן!

לערא האָט אַן אומצופרידענער, געהויבן מיט די אַקסלען.

— ווי דו ווילסט!... דו וועסט מיך אָבער נישט אָפּהאַלטן פון צו דענקען, אַז אָן דער אויפהאַלטונג פון אונזערע אַלטע מנהגים ריזיקירן מיר צו ווערן אַ דעמאַגאָגיע, וואָס גייט אונ־טער, אַ פאַרלוירענע מלוכה, וואָס טויג נאָר פאַר דער באָלשע־וויסטישער זריעה!

— סאַקע דערפאַר דאַרף מען אונז געבן וואָס שנעלער דעם ווײַלער־צעטל, — האָט אויסגעפירט די פּרינצעסין — מיר וועלן צוריק איינשטעלן די אָרדענונג.

— איך צווייפל אין דעם! כ׳ווייס, אַז אַ לאַטייניש חכמה זאָגט: levins fit petienta quid quid corrigere est nefas... לאָמיר געדולדיק פאַרטראָגן דאָס, וואָס מיר קאָנען נישט אויסמיידן. דאָס איז אַן עצה צו אַבדיקירן, וואָס איך פון מיין זייט וויל נישט נאָכגיין. מיינע סימפּאַטיעס געהערן צו די צייטן פון פּראַכט־פולן פעלערלאָזן XVII־טן יאָרהונדערט. איך קען נישט פאַרגעסן, אַז אַ לערא איז דאַמאָלס געוואָרן באַערט מיט אַ וויכטיקן אַמט אין הויף.

— ער האָט געמאַכט קאַנעס די פערד פון קעניגלעכן שטאַל, — האָט ראַוואַסט איינגערוימט ספּי אין אויער, פּרובירנ־דיק צום צענטן מאָל אָנצוטרעפן איר פוס.

נאָר אַזוי ווי ליאָנעל האָט האָט פון דער זוף אָן אויסגע־פירט דעם זעלבן מאַנעווער, האָט זי צונויפגענומען די פיס און אַרונטערגעבויגן אונטער איר שטול. „אָהאָ! ער איז זייער קאָ־קעטיש, עטינעטס געליבטער! און דער דאָזיקער ראַוואַסט, וואָס פאַר אַ כאַם!”

— מען ווייסט גאַנץ גוט, — האָט בואַסאָנעי אויסגעפירט, — אַז דו ביסט פון דער „אַקציאָן פראַנסעז”, און אַז דו ביסט אַ פעמיניסט אין שלאָפצימער, אָבער נישט אין דעפּוטאַטן־צימער.

ער האָט אים גוט אַריינגעטראָפן, קוקו־לא־רענעט! ספּי וואָלט אים איצט געקושט, דעם דאָזיקן גראָבן בואַסאָנעי. און זי איז אויך (ווי נאָר עס האָבן זיך אין סאַלאָן, וואו זשאָזעף און קעניג אַרטור האָבן סערווירט אויף גרויסע זילבערנע טאַצן קאַפע און ליקערן, אָנגעהויבן פאָרמירן די באַזונדערע גרופן אָפּהענגיק

לויט די סימפּאַטיעס און אינטערעסן) איז זי צוגעגאַנגען אים באַגריסן, פאַראייניקנדיק אירע דיסקרעטע אָנערקענונגס-ווערטער מיט די רייד פון דער פּרעזידענטין, וועלכע עס האָט אַריבערגעשטיגן די וויצע-פּרעזידענטין. אָבער עטינעט קנייפּט איר די האַנט און פירט איר אַוועק אין אַ זייט: „זייט פריינטלעך מיט קוקו, — האָט זי איר אַריינגעשושקעט — דאָס איז אַ טיפּ, וואָס מען דאַרף שוינען. ער קוקט אויף אונז, קום! מ׳דאַרף זיין העפלעך". דער מיניסטער האָט, נישט אַראָפּנעמענדיק פון זיי דעם בליק, אַמוזירט די חברה. ער האָט געשמעפּעט מיט מארוסאַן מיט ראַוואַסט, און איז צוגעגאַנגען צו ספּי, וועלכע עטינעט האָט אים פאָרגעשטעלט:

— מיין פריינדין, מאַדאַם אַרעלי... אַ געלערנטע, מאָסיע מיניסטער. זי איז געווען אַסיסטענטין ביים דאָקטאָר קערוואָאיאַל און זיינע לאַבאָראַטאָריע-פאָרשונגען.

ספּי האָט אין אַ פאַרלעגנהייט דערקלערט:

— אַ גאַנץ פּשוטע מיטאַרבעטערין. דער דאָקטאָר האָט זיך אינטערעסירט מיט מיין באַגער צו לערנען.

— דערפאַר ווייל ער האָט פּונקט דערקענט אין אייך דעם דאָזיקן קאָגניטיוון (לערן-פעיקייט. — א. ק.) פאַקולטעט, וואָס באַוואוינט אַלע פּריווילעגירטע וועזנס... (נאַ האָסטו! — האָט עטינעט צו זיך גערעדט, — ווידער אַ וואָרט, וואָס מען דאַרף זוכן אין ווערטערבוך!)... דער גוטער ווילן, — האָט לעראָ ווייטער גערעדט, — דאָס איז גאָר . אַסך, מיין קליין קינד...

ער האָט איר געפּאַטשט אין בעקל מיט אַ גוטמוטיקער מינע. זי האָט זיך אָבער אַ רוק אָפּ געטון אויף צוריק, און אַ דערפאַרענער אין אַזעלכע ענינים, האָט ער מיטאַמאָל איבערגעלאָזט זיין „קליין קינד", — „אַ יחסנטע!" — האָט ער געטראַכט, און אָננעמענדיק דעם פולן ווייכן אָרעם פון דער הויזווירטין און איר אַוועקגעפירט:

— זי איז רייצנד... אָבער אין פאַרגלייך מיט אייך...

עטינעט האָט זיך באַמיט אים אויסצוהערן מיט אויפמערקזאַמקייט, אָבער פּלוצלינג האָט זי באַמערקט דעם שטעכיקן בליק

פון ליאָנעל האָטט. נישט אויפהערנדיק צו רעדן מיט האַגרען, האָט דער געליבטער איר נישט אַראָפּגעלאָזט אויף אַ מינוט פון אויג: „נעם אים!" — רעדן די אויגן פון דעם דעקאָראַציע־גייציקן דינער פון ריינער קונסט. „וואָס וועל איך נישט טון פאַר דיר! — האָט געענטפערט דער נאַאיוו־שלעכטער שמייכל...

ספּי, אַן אַרומגערינגלטע דורך מאַרוסען און ראַוואַסט, וועלכע האָבן, אָפּגערוקט איינער פון אַנדערן, געלאָקערט אויף איר, כדי אין אַ גינסטיקן מאָמענט אַריינצונעמען איר צווישן זיי ביידע, האָט זי געזוכט אַן עצה ווי זיך אַרויסצודרייען פון זיי. צייט ראַוואַסט האָט אָנגעהויבן זיינע פּיס־באַמיאונגען, איז ער איר פאַרמיאוסט געוואָרן. וואָס שייך ווידער מאַרוסאַן, האָט ער מיט זיין מאָרדע פון אַ מענטשן־פרעסער איר דערמאָנט וועגן אָנהויב און סוף פון דער וועלט.

— איר ווייסט, מאַ־מאַדעמואַזעל...

— מאַדאַם, — האָט ספּי אויסגעבעסערט.

— אַנטשולדיקט, מאַ־מאַדאַם, — האָט געשטאַמלט דער עלטער ביינערדיקער בחור, פאַר וועמען דער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט האָט געדינט אַלס אַ מושב־זקנים, — אַ באַלוינונג פאַר אַ לעבן־לאַנג פרעדיקן, נישט מיט מעשים, נאָר מיט דיקע ביכער, וועגן דער נויטיקייט פון אַסך קינדער־האָבן, — איר ווייסט, אין וועמען איר דער־דערמאָנט? אין אַ צויבערלעכן פּאָ פּאָרטרעט פון זשאָרזש זאַנד אין בליענדסטן עלטער געמאָלן פון דע־דעלאַקרואַ

מיט זיינע סקעלעטן־פינגער האָט ער פאַרגעשטעלט אי. דער לופטן די ליניעס פון דער אַמאָליקער שיינהייט און געטראַכט ווי גוט ס'וואָלט געווען צו גלעטן, ווען ער וואָלט עס נאָך געקענט טון, די דאָזיקע יונגע פרוי.

ראַוואַסט, ווייניקער פילאָזאָפיש, האָט הויך געלאַכט:

— מאַדאַם אַרעלי איז נישט נאָר וואונדערבאַר שיין, נאָר איז אויך אַ גרויסער טאַלאַנט... איך האָב געלייענט גאָר וויכטיקע אונטערוואויען מיט אייער אונטערשריפט: ספּי, וואָס איך האָב אָנגענומען פאַר אַ פּסיידאָנים. דער „אַדווערסער" וואָלט געווען גליקלעך צו קענען אייך ציילן צווישן זיינע מיטאַרבעטער.

זי האָט געפּילט אויף איר קערפּער דעם ריח פון זיין גראָבן פאַרלאַנג און אויף איר קלייד האָט געשוועבט אַזאַ דורכדרינגלעכער בליק, וואָס האָט איר אויסגעטון אינגאַנצן נאַקעט.

— קומט צו מיר אין דער רעדאַקציע! איך וועל אפשר געפינען פאַר אייך דורכצופירן אַן אַנקעטע...

זי האָט געדאַנקט: „אפשר שפּעטער, איצט איז זי פאַרנומען!...”

זי איז צוריק אַריין אין סאַלאָן, וואו מאַדאַם רוסטאַן האָט אַן איינזאַמע (זי האָט קיינעם נישט אינטערעסירט) געוואַרט אויפן אָנקומען פון איר פריינדין אַיטאַ. ספּי האָט געטראַכט: ברוטאַלער פאַרשוין! פּירסט זיך אויף אַזוי פיין, ווייל דו ביסט מיט מיר דאָ... אַנדערש וואָלסטו מיך נישט געוואָלט אויפנעמען אַפילו... אויב יאָ, וואָלט עס געווען נאָר, כדי מיך גלייך אַרויפצושטופן אויפן זאָפע!...

דער עלנדער גורל פון פרנסה-זוכער! די שרעקלעכע דערינערונגען פון די פאַרצווייפלטע שעהן אין מאַרסעל, וואו ס'האָבן אַרום איר געלעגן די זכרישע אַפּעטיטן: „לייג זיך, אָדער פגר!” דער אָפּשיי פון דעם האָט איר צוגעפּגעדריקט דעם האַלדז. שטראַלנדיקע סאַלאָנען, אָדער שטיקנדיקע דירות, וואו מען ווערט פאַרסמט, אומעטום די אייגענע נידערטרעכטיקע יאַגד!

ווי גוט טיענו איז נישט צו איר, ווען זי איר דאָך נישט האָבן ביי אירע אָוונט-מאָלצייטן. דער אָפּשיין פון אַזאַ מין לעבן האָט איר געמאַכט נאָך מער אָפּשאַצן די איינזאַמקייט און די שטילקייט.

## III

ספּי האָט צוגעאײַלט אירע טריט.

אַזוי ווי יעדן אָוונט, ווען די צײַט האָט איר דערלויבט, האָט זי ליב געהאַט אַראָפּצוגיין צופּיס פון רו לאַפּאָנטען וואו זי האָט זיך פאַרזוימט אין איר ביוראָ פון מ׳ ע׳ ק׳... פּופצן טעג איז שוין פאַרבײַ פון דעם רוישיקן שבת און ווען ס׳איז פאָרגעקומען די עפענונג, בעת וועלכער בואַסאָנעי האָט צוגע־שפּילט צום הויך־ברוסטיקן בוזעם פון מאַדאַם רעסינגער דעם קרײַץ פאַר בראַווע מענטשן.

זי האָט זיך שוין איינמאָל געווײַלט! די אָפיציעלע פּאַ־ראַדן... האָגרען איז געווען אָנגעשטײַפט, גלײַך אַלע אַפּאַראַטן פון האָליוואָד וואָלטן אויף אים געווען אָנגעשטעלט... מאַרוסאַן האָט אונטער זײַן גרויסן האַלדזטוך אויסגעזען, ווי אַ מומיע... אויפן ברייטן פאַרגרינגטן מויל פון דער וויצע־פּרעזידענטין האָט גערוט אַן עקסטאַזפולער שמייכל צוליבן צוזאָג פון מיניסטער, אַז איר ריי וועט קומען אין יאַנואַר... און דאָס אַלגעמיינע פאַלן כורעים בעתן אָפּפאָר פון מלוכה־פּרעזידענטישן אויטאָ, וועלכן עס האָט באַקרוינט דער שמייכל פון גאַסטונען...

אָבער ווי נאָר די אינסטיטוציע איז געעפנט געוואָרן איז דאָס גאַנצע גוטהאַרציקייט פון די גרינדער, פון וועלכע דאָס ווערק איז געשאַפן געוואָרן, פּלוצלינג איבערגעגאַנגען אויפן

אַנדערן פּלאַן!... וואָס גייט איר אָן די אַלע קליינלעכע קרייז-דינגערייען אַבי ס'איז אַרויסגעקומען אַ גוטע זאַך! גלייך נאָך דעם האָט זי זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן איר פונקציע פון אַן אַסיסטענטן, וואָס איז מיט גרויס מי געוואָרן אויסגעפּועלט דורך עטינגען און די פּרעזידענטין. אויף די טויזנט פראַנק מאַנאַטלעך האָבן געקעמפּט דריי קאַנדידאַטקעס, וועלכע זענען געווען שטאַרק אונטערגעשטיצט.

אַלע נאָכמיטאָג האָבן די קאָרעספּאָנדענציעס, דאָס איבער-קוקן די קראַנקען-צעטלען און די פאַרשידענע שרייבערייען פאַרשלונגען אינגאַנצן אירע געדאַנקען. די אינטערעסאַנטסטע אַרבעט איז אָבער געווען דאָס צוהעלפן דעם דאָקטאָר, דריי מאָל אין וואָך, בעת די מעדיצינישע קאָנסולטאַציעס. צו די פונקציעס האָט זי זיך איבערגעגעבן מיטן גאַנצן ברען, וואָס זי פלעגט אַריינלייגן אין יעדער נוצלעכער אויפגאַבע. קען נאָך זיין אַן אָנגענעמערע פליכט, ווי אָט די, וואָס אַליין זייענדיק אַן און פאַר זיך אַ לערע, האָט זי געבערענגט אַ קרעפטונג פאַר די באַדערפטיקע?

דער אימפּעט פון אירע טריט אויף דעם שטיינערנעם טראָטואַר האָט אין דעם קאַלטן אָוונט הויך אָפּגעהילעכט, אָנ-מאַכנדיק אַ שטאַרקן גערויש. זי האָט פריי אָפּגעעטעמט, ענדלעך האָט זי אויפגעלעבט! נאָך דעם לאַנגן חודש אין עטינעטס פּאַלאַץ, נאָך די דאָזיקע וואָכן, וועלכע זענען אַוועק אויף דער-לוידיקן פאַרשידענע געשעפטן און וויזיטן, האָט איר עקזיסטענץ איצט באַקומען אַ ציל...

די אויסגעצייכנטע מאַדאַם קערוואַאיאַל, אַמפּוטירט פון דער צווייטער העלפט פון איר איך, און וועלכע איז — אַן איבער-בלייבעניש פון אַ צעבראָכענע עקזיסטענץ, — איז איצט געווען אַן אומטרייסטבאַרער שאָטן... אַלעקסאַנדערן האָט זי אַמאָל צו-פעליק באַגעגנט ביי געמיינזאַמע פריינט און האָט אָן אויפרעגונג קאָנסטאַטירט זיין צעמישונג, פיל מיט שטומע באַדויערונג... אַ משונהדיק געפיל דאָס זיין נאָענט פון איינעם מיט וועלכן מען איז אַמאָל געווען געגנזייטיק אינגאַנצן איבערגעגעבן און פאַר-

אייניקט אין לעבן, וועלכן מען פילט איצט גאָרנישט, אַ פרעמדער...

מאריס, דער גוטער ברא גאָ מאַ זאַדו! ביי וועמען זי האָט צוויי מאָל געגעסן מיטאָג צוזאַמען מיט מאַריאַ דע לאָטא שטענדיק אַ צערייצטע (הזגו פורניע, פאַרהאַלטן צוליב די פראָבעס פון אַ רייזן-פּראָעפּלאַן האָט נישט געקענט קומען) דעם אומפאַרמיידלעכן לאַגוען און מיט איווע באַזעלעק, וועמען זי האָט צוגעזאָגט צו פאָרן וועלכן טאָג קיין ראַמבויע צו וויזיטירן די לאַבאָראַטאָריע און דעם המון חיות איבער וועלכן ער האָט צוליב דער אָפוועזנהייט פון אַנרי לע גערן געהערשט.

גוטע סימפּאַטישע שעהן, ווען קיין שום זאַך האָט נישט געשטערט דאָס פאַרגעניגן צוריק צוגעפינען אין מאריסן, ווי אין איוועון, דער לעצטער אויך זייער אָנשטענדיק, נישט קוקנדיק אויף זיין אויסזען פון אַן אָפּגעשטויסענעם פאַרליבטן, צוויי חברים וועלכע געוועלן זיין, וועלכע זענען שוין אמתע פריינט...

19 אַזייגער אויפן פּאַסי-וואָקזאַל. די מאַדאַם רוסטאַן האָט אויף איר געוואַרט מיט דעם אָוונט-עסן. עטיבעט איז זעלטן ווען געווען מיט זיי. מיט דעם אָנקומענדיקן ווינטער האָט מען איר אינגאַנצן מער נישט אָנגעזען, אויסערביים פרישטיק, וועלכן מען האָט קיינמאָל נישט פריער דערלאַנגט ווי אַ זייגער איינס און צו וועלכן זי פלעגט אָנקומען אַ האַלב-פאַרשלאָפענע צוליב איר פאַרפאָרעמקייט ביז פאַרטאָג, מיט סאַלאָן-באַשעפטיגונגען: טיי-אָיפּנאַמען, קינאָ, גענעראַל-רעפּעטיציעס, נאַכט-בעלער, — שוין נישט רעדנדיק פון איבעריקן.

קיינמאָל זיך נישט לייגנדיק פאַר פינף, צו דער פאַרצווייפלונג פון רענע, וועלכן זי האָט געמוזט באַרואיקן אָנפאַרטרויענדיק ליאַנעל האָט די אויפגאַבע זיך צוריקצופירן אין „קליינעם אַמעריקאַנער וועגעלע”, וואָס מען האָט פאַר אים געקויפט צו דעם צוועק: אַ מציאה פאַר הונדערט און צוואַנציק טויזנט פראַנק, וואָס ער האָט אַנטדעקט און באַצאָלט...

וואָס פאַר אַ נאַרישקייט אַזוי צו פאַרשווענדן, נישט נאָר די ירושה (גענוג גרויס צו קענען פירן אַזאַ פאַרשווענדערישן לוקסוס), נאָר אויך איר פיזישן און מאָראַלישן געזונט!... זי

איז ווערט אַ בעסער לעבן, ווי דאָס דאָזיקע!" האָט ספּי געטראַכט זיך איילנדיק אין דער ריכטונג פון ראַנעלאַג... זי האָט אין איר גייסט באַשולדיקט ליאָנעל האַטט, וועלכער האָט אויסגענוצט דאָס נאַרישקייט פון זיין געליבטע, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַזאַ לעבעדיקע אינטעליגענץ און אַ פּילבאַר האַרץ...

„ס'איז אומגלויבלעך, ווי די געשעענישן בינדן זיך צו-זאַמען! האָט זי גערעדט צו זיך. מיט צוויי חדשים צוריק בין איך נאָך געווען אין בלאָן-ברוג... און מיט אַכט טעג צוריק איז מאָריס לע גערן, צוזאַמען מיטן דאָקטאָר באַזולעק דורך עטיגעט, וועלכע האָט אָן שום צערעמאָניעס אויסגעדרוקט דעם פאַרלאַנג זיך מיט זיי צו באַקענען, צום ערשטן מאָל אַריינגע-קומען אין דעם הויז וואו ער זעט אויס שוין צו זיין אַ שטענדיקער איינגייער..."

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויף וויפל זי איז געווען גלייכגילטיק צו באַזולעקן אויף אַזוי פיל איז מאָריס איר געפעלן. ווען זי וואָלט געווען פעיק זיך צוצובינדן צו אים וואָלט זי געהאַט מער אויסזיכטן צו זיין גליקלעכער און וואָלט ווייניקסטנס געווען ווייניקער אויסגעשטעלט צו ווערן אויסגע-צופּט, ווי אַ שוצלאָזע הון!... ער האַלט איצט נאָך אוודאי ביים חשק אַ נאַש צו טון פון איר. אַ חשק, וואָס וועט זיכער גיך באַפרידיקט ווערן, אויב זי איז עס נישט שוין... אָבער, ער איז אַ מאַן, וועלכער קען זיך צופּאַסן צו אַזאַ צעשטרייפּולע פאַרבינדונג...

זי האָט געשמייכלט ביי דער אידעע פון אַזאַ דערנענטע-רונג פון וועלכער זי וואָלט אָן שום שלעכטער כוונה אחוץ אַ באַפרידיקונג פון אַ טאָפּלטער איבערגעגעבנהייט, געקענט זיך באַטראַכטן פאַר דער שדכנטע... באמת, זיי זענען ביידע פונקט געפאַסט אויף צוזאַמענלעבן, די דאָזיקע צוויי!

וואָס! שוין אָנגעקומען?... ביי אירע מחשבות איז איר דער וועג פאַרגעקומען זייער קורץ.

ווען זי איז גרייט זיך צו אַנטשולדיקן אַריין אין עס-צימער וואו זי טרעפט, געוויינלעך די מאַדאַם רוסטאַן, האָט זי מיט

איבערראַשונג געזען, אַז קיינער איז דאָרט נישטאָ און אַז עס איז געגרייט געשיר פאַר דריי פּערזאָן אָנשטאָט צוויי... אַ! די מאַמאַן האָט אַ גאַסט!

פון קליינעם סאַלאָן האָט זיך געהערט אַ דיאַלאָג פון די שפּילער: „ניין!... צוויי מאָל!... איך גיי מיט!... אייכל!... ס'איז גאָרנישט ווערט, איך האָב אַ פּופּציקסטל". אויף דעם אַלטן קול מיט דעם שאַרפן אַקצענט פון די מאַרסעלער האָט אָפּגעענטפערט אַ האַרטע מענער-שטימע. ספּי האָט עס מיט דערשטוינונג דערקענט. אָט אַ שטייגער!

זשאָזעף, אָנגעטון אין איינפאַכע הויז-מלבושים — שוואַרצער ראָק און אַ וועסטל אין פּאַסן, איז געזעסן אַנטקעגן דער מאַדאַם מוטער און ערנסט פאַרצייכנט די געווינסן. דערזעענדיק ספּי, האָט ער זיך געוואָלט אויפשטעלן, אָבער די אַלטע האָט אים פאַמיליאַר צוריקגעהאַלטן: „בלייבט, זשאָזעף!... די מאַדאַם אַרעלי איז נישט פון די וואָס וואָלטן זיך אויפגערעגט זעענדיק אייך אין מיין געזעלשאַפט... באַ! מיר מאַכן אַ קליין קאָרטל... פון צייט צו צייט טון מיר עס, ווען איך בין אַליין... אַ בראַווער מענטש, דער זשאָזעף!"

ביי דעם טאָן מיט וועלכן די עקס-פאַרקויפערין, וועלכע איז אין איר גרויסקייט געבליבן פאָלקס-מענטש, האָט אַקצענטירט אירע ווערטער, איז פּלוצלינג אויפגעשוואומען אין זכרון פון ספּי די גאַנצע רו טאַרט. דער אָרימער קוואַרטאַל וואו זי האָט דערגרייכט צום גרונט פון עלנט, האָט ווידער אויפגעלעבט אין איר... נאָך אַלעם איז עס נישט מער רירנד ווי לעכערלעך, וואָס די פיינע פרוי, אַ שווער געפּרוּווטע דורכן לעבן, האָט ביי איר עשירות ווידער זיך געהאַלטן מיט די, וואָס זענען געווען צוגעפּאַסט צו איר אַמאָליקער פאַרגאַנגענהייט? איבערפּלעכלעך האָט זי זיך געקענט אַביסל ענדערן, דער גרונט אָבער איז געבליבן אומפאַרענדערט.

זשאַזעף, אַן אויסדרעסירטער אין פאַרלויף פון זיין לאַנגער דינסטצייט, האָט, ווי נאָר מען האָט געענדיקט די פּאַרטיע, געמאַכט אַ באַוועגונג אַוועקצוגיין. „איך וועל לאָזן די דאַמען אַליין...

מאַדאַם איסאַ קומט גלייך אָן", האָט ער זיך פאַרענטפערט, און פאַרנייגנדיק בכבודיק איז ער אַרויס; פאַרגן וועט מען ווידער אָנהויבן", האָט מאַדאַם רוסטאַן אים צוגעוואָרפן. זי האָט נישט געקענט פאַרליידן, אַז עס זאָל זיך ענדיקן בלויז מיט די ערשטע געוואוּנענע פּאַרטי, ווען די טיר האָט זיך פאַרמאַכט האָט זי קאָנסטאַטירט: „ער איז אויסגעצייכנט, דער מאַן! דינסטפּאַיק און דערביי האַלט ער זיך זייער גוט".

ספּי האָט גוטמוטיק געלאַכט:

— איר האָט מיך איבערגעשראָקן! איך האָב געמיינט, אַז איר האָט אים פאַרבעטן פאַרן דריטן גאַסט צום טיש!

— איר מוזט מודה זיין, אַז זשאָזעף איז נאָך אַזויפיל ווערט, ווי אַסך פון די, וואָס דעפילירן דאָ אַדורך! דער בלוי-זער שנאָבל זאָגט גאָרנישט וועגן עצם פויגל. אָ! אָט איז איסאַ!.. לאָמיך זיך צעקושן מיט איר!

ספּי האָט זיך פריינטלעך באַגריסט מיט דער קאָרטן-ליי-גערין. צום ערשטן מאָל האָט זי איר ווידער געזען, נאָך דעם געדענקפולן אָוונט, ווען די פּרינצעסין דע פּיאַמבינאַ האָט אַרויס-געלאָזט אירע פיילן קעגן לערא און ווען ראַוואַסט און ליאַנעל האָטט האָבן אָן דערפאָלג געמאַכט די יאַגד אויף אירע פּיס... צי איז זיי כאָטש איינגעפאַלן, די טויגעניכטסן, וואָס פאַר אַן עפעקט זייערע גראָבקייטן האָבן אין איר אַרויסגערופן? זענען זיי טאַקע נישט געוואוּינט צו האָבן צו טוען מיט אונזערע ווי נאָר מיט גאַסן-פרויען?

מאַדאַם איסאַ, אַ לאַנגע און מאָגערע סיריענערין, אָנגע-טוען אויפן אָריענטאַלישן שטייגער אין שאַלן, האָט אויסגעזען ווי אַ קאָנטראַסט מיטן פּראָפיל פון אַ רויב-פויגל קעגן דעם גוט-מוטיקן פּנים פון מאַדאַם רוסטאַן. אָבער בעסער אָבסערווירנדיק די צוויי פרויען, האָט מען געקענט באַמערקן ביי ביידע די זעלבע באַשיידנקייט, וואָס האָט זיך ביי דער מוסולמאַנערין אַרויסגעוויזן אין אַן ערנסטע דינסט-גרייטקייט. זייער סימפּאַטיע איז געבוירן אין דער בלאָטע פון וואַנען זיי זענען ביידע אַרויסגעקומען.

בלויז צוליב דעם פּרעסטיזש פֿון אירע געהיימניספֿולע אַנטדעקונגען, צוליב די דערפֿאַרונגען און ראָמאַנטישע איבערלע־בונגען פֿון אַן עקזיסטענץ, וואָס האָט דורכגעמאַכט שווערע אַלוועלטלעכע אַוואַנטורעס, שוין בלויז צוליב דעם אַליין האָט די אויסלענדערין געקענט אויסאיבן אַזאַ איינפֿלוס אויף דער מאַרסילעזערין. מ. רוסטאַן האָט באַוואונדערט אין איר טייערע איסאַ די אומצווייפֿלהאַפֿטע און אומקאָנטראָלבאַרע וויסנשאַפֿט.

אונטער דער אויפֿזיכט פֿון זשאָזעף איז דאָס מאָלצייט גיך פֿאַרביי. כאָטש גייסטיק איז ספּי געווען ווייט פֿון זיי אויף טויזנטער מיילן, האָט זי דאָך אין שורש זיך געפֿילט נאָענט צו די דאָזיקע פּשוטע נשמות.

ווי נאָר מען האָט דערלאַנגט דעם ליקער, „נישט פֿולער אָנגיסן ווי ביזן ראַנד, זשאָזעף!" (די מ. מוטער וואָלט נישט געקענט פֿאַרדייען ס'עסן אַן דעם קליינעם גלעזל ד'ארקעבוז) האָט איסאַ שוין געקלאַפּט מיט די קאָרטן...

— אין זיבן הונדערט און פֿופֿציק, — האָט מאַדאַם רוסטאַן געמאָלדן.

די בעלאַט האָט זיך אָנגעהויבן — ספּי איז געווען די דריטע — לויט אַלע דינים און מנהגים... די טראַדיציאָנעלע קאָרטן־ווערטלעך בלויז האָבן איבערגעריסן אַ פֿאַרזונקענע שטיל־קייט... אָבער איין האַלבע שעה פֿון אַזאַ מין דיסטראַקציע איז פֿאַר ספּי גענוג. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿאַרצווזעצן, נישט קוקנ־דיק אויף די ביטעס פֿון מ. רוסטאַן.

— שפּילט איר ביידע ווייטער, איך וועל נעמען אַ בוך...

זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט, און זעענדיק אויפֿן טישעלע אַ דיק געבונדן בוך מיט אַ צעהאַקטן און אויסגעריבענעם רוקן און אויסגעריבענע ווינקלען, האָט זי זיך אַראָפּגעבויגן און מע־כאַניש איבערגעלייענט:

— אָ! אָ! „ענציקלאָפּעדיע פֿון סודותדיקע וויסנשאַפֿטן!"

— יאָ, כ'האָב עס אַרויסגענומען, כדי צו בעטן געוויסע דערקלערונגען ביי איסאַ... ווען איך האָב איבערגעקוקט אַ דריט־

זייטלעך בין איך געוואָרן פול ווי אַן אינדיק! אָט אַשטייגער אייער טאַראָ...

— פיגורן רעדן, — האָט איסאַ לעבהאַפט געזאָגט, — די צוויי און צוואָנציק קאָרטן מיט פיגורן שטימען מיט די צוויי און צוואָנציק אותיות פון העברעאישן אַלף-בית. איך וועל אייך איינשפּאָרן אויסצוהערן די דערקלערונג וועגן דער באַדייטונג פון די אַנדערע קאָרטן-בילדער, פון די שטעקעלעך, שווערדלעך...

ספּי האָט הנאה געהאַט צו הערן די פּראָפעסיאָנעלע זשאָנגלערין, מאַדאַם רוסטאַן האָט געקרעכצט:

— איי! איי! מיין קאָפּ!

יעדער איז געניט אין זיין פאַך, מיין פריינט. אויב די תּלמידים וואָלטן געקענט אַזויפיל ווי די לערער, וואָלט מען געדאַרפט פאַרקלאַפּן די שולן.

— זייט צופרידן מיט דעם, וואָס מאַדאַם איסאַ זאָגט אייך, — האָט ספּי געשפּאַסט, — „הער אויס און קלער נישט נאָך!"... דאָס איז דער ערשטער תּנאי פון אַלע דאָגמען.

— איך האָב עס געזאָגט צו מיין פריינדין, וועלכע אַלס גלויבנדיקע נויטיקט זי זיך נישט אין קיין פּירושים. ווען איך וואָלט מיך געווענדט צו אייך, וואָלט איך געזאָגט גאַנץ פּשוט: פאָרשט, פאַרגלייכט, דענקט נאָך. אין די קאָרט-בילדער, וועלכע אַלע גרויסע ראַסן פון כינע און אינדיע ביז עגיפּטן האָבן באַטראַכט פאַרן שליסל פון דער אינטואיציע, געפינט זיך דער גאַנצער וויסן, דער גאַנצער גורל און אויך די גאַנצע טעאָזאָפיע מיט די געזעצן פון אינוואָלוציע און עוואָלוציע.

מאַדאַם רוסטאַן האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ:

— זי מאַכט מיך משוגע!

ספּי האָט אָנגעשטעלט די אויערן. אינוואָלוציע... עוואָלוציע... זי האָט זיך דערמאָנט אין דער ענלעכקייט פון צוויי אַנדערע טערמינען: ענטעריאָריזאַציע, עקסטעריאָריזאַציע, אין וועלכע ס'האָט זיך איצט רעזומירט פאַר אַסך פאָרשער, דער מעכאַניזם פון לעבן... ס'איז אָן ספק, אַז נישט אַלץ איז שאַרלאַטאַניזם אין

די דאָזיקע מיסטישע וויסנשאַפטן, אין וועלכע די אַלכעמיסטן האָבן פון די עלטסטע צייטן אָן זיך באַמיט אַריינצודרינגען ביי דעם שיין פון זייערע פאַקעלן אין די פאַרבאָרגענע סודות פון דער נאַטור אין אַסך פאַלן, — איווע באַזעלעק האָט עס איר געזאָגט אַמאָל, האָבן די קבלה-סודות געשטימט מיט נייעסטע אַנטדעקונגען פון דער וויסנשאַפט. אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז די כאַלדעער פאַסטעכער, וועלכע האָבן פון זייערע הויכקייטן אָבסערווירט דעם הימל אין די פינקלדיקע נעכט, וואו זייערע דורכדרינגלעכע בליקן האָבן דערזען פאַרשידענע פאַנטאַסטישע חיות, וועלכע האָבן געווירקט, לויט די חדשים און לויט די פּאָזיציעס פון די שטערן, אויף יעדן מענטשלעכן גורל, — קומט אויס, אַז זיי זענען גאָרנישט געווען אויף אַזויפיל ווייט פון די אַסטראָנאָמען, וואָס מעסטן מיט זייערע גיגאַנטישע פאַרגרעסערונגס-גלעזער אויף מאַן ווילסאָן אָדער פּאַסאַדענאַ, די אומענדלעכע שטערן-וועלט. אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז אין אַלע צייטן זענען די פייערן, וואָס די פאַסטעכער האָבן אָנגעצונדן אין דער חושכדיקייט, געווען ענלעך צו זיך אויף אַלע הויכקייטן...

מיט אַ לעבהאַפטן נייגיר האָט זי איצט אויסגעהערט ווי איסאַ האָט גערעדט:

— פּאַפּוס, אין זיין „טאַראָ פון די באָהעמער״, וועלכעס איז באַשטימט בלויז פאַר די געלערנטע פון קבלה-סודות, שטעלט פעסט, אַז די מעטעמפּזיקאָז...

די באָהעמער! ספּי האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי אַרום די הייליקע מאַריעס פון ים קומען זיך צונויף פון אַלע זייטן פון דער ערד, מחנות שוואַרצע פיגורן מיט פינקלדיקע אויגן... זין פון די עלטסטע פּאַרצייטישע ראַסן, האָבן זיי געטראָגן אין זייערע אויגן, ווי אַן אילומינאַציע, דעם חלום וועגן דאָס אומבאַקאַנטע, און אויף זייערע דורכגעטריבענע פּנים-שטריכן דעם שטעמפּל פון אומוויסנקייט און מורא, ווי אויך גלייכצייטיק דעם אָפּגלאַנץ פון רעוואָלט און דעם שטראַל פון פרייהייט. וועלכער צופאַל האָט געבערענגט דערצו, אַז איסאַ זאָל ווערן איינע פון

יענע, און אַז אָט די פאַרביסענע קעגנערין פון רייכע זאָל די פריצישע מאַדאַם רוסטאַן אויסהערן מיט אַזאַ פאַרהיפּנאָטי-זירט פּנים?

— ...דאָס קאַרמישע געזעץ איז אַזוי שיין, אַזוי גערעכט אין זיין זיכערקייט פון גלייכבאַרער פונאַנדערטיילונג... די גערעכטיקייט רעגירט מיט דער וועלט...

— וואָס פאַר אַ שטות! — האָט ספּי אַ זאָג געטון. — אויב מען וויל זיך קלאָר מאַכן, איז גענוג אָנצוקוקן דאָס, וואָס איך זע דריי מאָל אין וואָך אין הייל-אַנשטאַלט... קינדער אומשולדיקע באַצאָלן פאַר די חטאים פון טאַטעס. די עופהלעך, די אומפאַראַנטוואָרטלעכסטע, פאַרוואָס קומט זיי אַזוי צו באַשטראָפן?

ס׳פּנים פון דער טרעפערין האָט אויפגעלויכטן:

— ווער ווייסט, אויב קארמא שטראָפט נישט אין זיי די חטאים און אפשר די פאַרברעכנס פון זייערס אַ פריערדיקער עקזיסטענץ? צי גלייבט איר נישט, אַז פון איין מאָל ליידן ביזן אַנדערן, איבערגייענדיק כסדר פון פיזישן פלאַן צום אַסטראַלן פלאַן, פאַראַגרעסירט דאָס מענטשלעכע וועזן אין דער אומשטערב-לעכקייט? וואָלט דען געווען כדאַי צו לעבן, ווען מען זאָל נישט גלויבן אין גייסטיקן אויפשטייגן?

ספּי האָט געטראַכט מיט פאַרמאַכטע אויגן, כדי בעסער אַריינצודרינגען אין זיך... איז די מעטעמפּסיקאז דער גילגול-הנשמות אַן אומבאַוואוסטזיניקע אויפלעבונג פון די אָפּגעשטאַנענע אַטאָמען בעתן טויט? אין פּרינציפּ איז עס זיכער אַזוי; אָבער דער זכרון פון דער פריערדיקער עקזיסטענץ ווערט פולשטענדיק פאַרלוירן... דאָס ווידער דערמאָנען זיך פון אַן אַמאָליקער איבער-לעבונג איז אָן ספק נישט מער ווי אַ גייסטיקע אימאַזשינאַציע, אַרויסגערופן דורך דער נישט באַפרידיקונג פון דער געגנווערטי-קער עקזיסטענץ, וואָס זוכט אין זיין ברענענדיקן דורשט נאָך אַ „יענע וועלט״, צו געפינען אין זיין פאַרגאַנגענהייט דאָס, וואָס עס זאָגט אים נישט די צוקונפט. וואָס אַמבאַלאַנגט דאָס עדות-זאָגן פון די פאַרמיטלער וועגן אַ לעבן נאָכן שטאַרבן:

דאָס איבערלעבן, וואָס קומט נאָכן פאַרשווינדן פון פיזישן און מאָראַלישן פּלאַן, כּדי זיך אויפצוהויבן אויפן געביט פון ריינעם אַסטראַלן פּלאַן, האָט זי אין דעם אויפריכטיק געגלויבט... איצט אָבער איז זי אין קיין שום זאַך נישט געווען זיכער.

— וועגן וואָס טראַכט איר? — האָט איסאַ איר געפרעגט, נאָכפאָלגנדיק די רעפלעקטן פון אינערלעכן ליכט, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף איר פּנים, און וואָס האָט איצט געשמייכלט.

— וועגן דעם, וואָס איך האָב געזען און געהערט אויף די עטלעכע ספּיריטיסטישע פאַרזאַמלונגען, וואָס איך האָב בייגעוואוינט נאָכן טויט פון מיינס אַ קרוב, וועלכן איך האָב זייער ליב געהאַט. אַ מאָדנע זאַך, ווי ווייט דער געדאַנק און די רייד פון גייסטער פון סאָקראַטעס ביז נאַפּאָלעאָנען דערמאָנען אין דעם דורכשניטלעכקייט, אין דעם לייכטקייט, אין דעם שטאַמלען פון די לעבעדיקע.

— פאַרוואָס זאָלט איר וועלן, אין דער צייט, ווען אַרום אונז זענען פאַראַן ווייניקער אינטעליגענטע מענטשן ווי נאַראָנים, זאָל די פּראָפּאָרציע נישט בלייבן די אייגענע אויך ביי זיי?

זי האָט אָנערקענט:

— ריכטיק.

— דאָס שטערט אָבער נישט, אַז אויף אונז זאָלן ווירקן געהיימע כּוחות. איר קענט זיי אָנרופן ווי איר ווילט: גייסט, מאַגנעטישע שטראָמען, עלעקטרישע שטראַלן. מיר לעבן אין שאָטן פון סודות, וואָס וועלן אַמאָל, ווען זייער צייט וועט קומען, זיך אויפקלערן, אין וועלכע מען קען אָבער אויך אַריינדרינגען פאַר דער צייט, אַדאַנק דער פּראָוויסאָריש פון געוויסע פּריווילעגירטע, מער פּילבאַרע... — זעלבסטפאַרשטענדלעך ס'איז גענוג אַדורכצובלעטערן די „רעווי-מעטאַפּסיכיק", בכדי זיך איבערצוצייגן, אַז מיר אַוואַנסירן, נאָך טאַפּנדיק אין דער פינצטער...

די פּריצעסין האָט אָנגעשטעלט אויף ספּי אַ שווערן בליק,

וואָס האָט אויסגעזען, ווי איר געדאַנק וואָלט פּלוצלינג באַשטראַט געוואָרן דורך אַ ספּעקטאַקל, וואָס זי האָט אויפגעכאַפּט אין דער אויסגעשפּרייטקייט...

— גיט מיר אייער האַנט...

— אָ! דאָס נישט! איך האָב גענוג צו טוען מיט מיינע טעגלעכע דאַגות. באַהאַלט בעסער אייער פּראָוויסזאָגונג, גוטע אָדער שלעכטע, אויף...

אַ לייכט שנאָרכלען האָט זיי געצוואונגען אויפצודרייען די קעפּ.

מאַדאַם רוסטאַן, אָן וועלכע זיי האָבן פאַרגעסן, האָט זיי דערמאָנט איר געגנוואַרט. ספּי האָט איר אויפגעוועקט, אויס-שיסנדיק אין אַ געלעכטער. איסאַ האָט דערווייל אויסגעצלייגט די קאָרטן.

— אַכטונג, טייערע פריינדין! שניידט דורך זיבן מאָל און קלויבט אויס איין און צוואָנציק קאָרטן...

## IV

דינסטאָג פרי אומזיסטע קאָנסולטאַציעס אין הייל־אַנשטאַלט.

דער זייגער איז פאַר ניין.

ספי, אַסיסטענטין און סעקרעטאַרין פון דאָקטאָר זשוטאַנאַן, שפּרייזט הין און צוריק איבערן ווייס־געפאַרבטן זאַל, וועלכן די סאַניטאַרין, מאַדאַם זשאַן, ענדיקט אָפּשטויבן... אין אַ ווייסע בלוזע, די האָר באַהאַלטן אונטערן ווייסן וואוּאַל, וואָס מאַכט בולטער די אָוואַלע פאָרם פון איר פּנים, באַטראַכט זי, אויב אַלץ איז אין אָרדענונג: דאָס עקזאַמינירונגס־ און באַנדאַזשירונגס־בעט, דער טיש מיט מעדיקאַמענטן א. אַז. וו...

שוין באַלד אַנדערטהאַלבן חדשים, ווי זי פּאַרזונקט דריי מאָל אין וואָך אין דער ווייסער שטייג, וואו אַ גאַנצע עלנדע מענטשהייט ברענגט אַריין איר צעפּוילטע אַטמאָספערע פון קרענקלעכע גופים. ווי שטענדיק, איז זי געקומען פריער ווי אַלע. דאָ רוט מען קיינמאָל נישט, איבערהויפּט אין די דריי בחינמדיקע טעג. פון האַלב ניין אַזייגער אָן איז דער זאַל געפּאַקט.

דער קינאָ זאַמלט צונויף אַרום זיינע פאַבריקן אַ גאַנצע מחנה מענטשן, וואו יעדער פאַך אַרבעט מיט, ביים שאַפן פון אַ פּיקטיוער וועלט מיט קונציקע אויסגעבויטע צענטערן און שטעט, מיט רייך־מעבלירטע וואוינונגען און געפּוצטע גאַסן, ביז אָרימע

חושכדיקע הייזלעך... אַ גאַנץ פֿאָלק מיט זיין אייגענעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס באַשטייט פֿון קלענסטן אָנגעשטעלטן ביזן נידעריקסטן פיגוראַנט... אָט די מחנה, וועלכע לעבט אין שווערע באַדינגונגען, שאַפֿט אַ דור פֿון קראַנקע און פֿעלערהאַפֿטע קינדער, וועלכע קומען דאָ אַהער זיך היילן.

פֿאַראַן אויך צוויי טעג ווען מען צאָלט פֿאַר די, וואָס ווילן זיך נאָך נישט אָנערקענען פֿאַר באַזיגט... אַ מידער פֿלי פֿון בלאָנדזשענדיקע שמעטערלינגען, וועלכע ציען זיך אויף אַלע וועגן פֿון דער וועלט, וועמען דער בלענדנדיקער לייכט־טורעם פֿון עקראַן פֿאַרנאַרט צו דער „שטאָט פֿון ליכט", וואו זייערע פֿליגעלעך ווערן אָפּגעבליאַקעוועט... זיי האָבן געהאָפֿט צו קענען זיך אַמאָל דערהויבן אין דער לופֿט, ווערן ר מפֿולע סטאַרס און זענען דערנאָך געוואָרן פֿאַרזונקען אין חושך... די אילוזיע, דאָס לעבן האָט זיי אָפּגענאַרט...

מיט אַ מעכאַנישער באַוועגונג גרייט זי אָן אינסטרומענטן. אין צען מינוט אַרום קומט דער דאָקטאָר. גלייך נאָכן אויסטוען דעם ראָק און אַרויפֿשלעפּן די בלוזע הויבט זיך אָן די דעפּילאַדע... אַ מרה־שחורהדיקער פֿילם פֿון אומוויסנדיקן עלנט.

זי זעט נישט די זאַכן, וועלכע זי רירט אָן מיט דער האַנט. אויף זייער אָרט זעט זי יסורימדיקע קליינע פּנימלעך. אַ וואַנט, וועלכע אַן אַפּיש פֿאַרשטעלט... ספּי איז גרייט. זי זעצט זיך אויפֿן קליינעם בענקל און וואַרט אויפֿן דאָקטאָר. איצט זעט זי זיך ביי אים, וואו זי איז געווען פֿאַרבעטן דורך זיין פֿרוי... די ליבלעכע מאַדאַם זשוטאַנאַן...

גלייכצייטיק גיט זי אַ טראַכט: „אַ מאָדנע זאַך, אַז עס פֿאַלט מיר איין אַ פֿרישער געדאַנק, אָדער אַז איך הויב אָן קלערן פֿון אַן אַנדער פּערזאָן, הויבן זיך ביי מיר אָן די אויגן צו באַוועגן. דעמאָלט ווען ס'וועט מעגלעך זיין אויסצומעסטן די לענג פֿון בליק, בין איך זיכער, אַז לויט דער ריכטונג וועט מען קענען וויסן, אויף וועמען אונזערע געדאַנקען שטעלן זיך אָפּ"... ניין אַזייגער. דער דאָקטאָר האָט זיך פֿאַרשפּעטיקט... באמת אַ ליבלעכע, זיין פֿרוי. אין מיין עלטער... אַ נידריקע,

ברונעט, נישט זייער שיין, נאָר פינקלדיקע, פינקלדיקע אויגן... און אַ ברייט מויל מיט ווייסע ציין, צוויי שורות פרישע מאַנדלען... זי ווייסט דערפון און לאַכט אָפט, נישט קיין געלעכטער פון לייכטע ווערזנס. זי לאַכט, ווייל זי ליבט אים, און דאָס מאַכט איר שענער. און אויך דערפאַר, ווייל זיי האָבן אַ שיין יינגעלע פון דריי יאָר, און דערפאַר, וואָס זי שוואַנגערט ווידער. דאָס מאָל וועט זיין אַ מיידעלע... „קומט זען אונזער נאָנאָ!". מען האָט זי אַריינגעפירט אין אַ ליכטיק צימער, דעקאָרירט האַלב אין דער הויך מיט בילדער פון פאַרשידנפאַרביקע חיות... רויט, בלוי, גרין, רויז. קליינע העלפאַנטלעך און גרויסע פייגל, פיש און קעצלעך.

דאָס קינד שלאָפט מיט אַן אומשולדיקע זאָרגלאָזיקייט. זיין פנים איז איינגעפאַסט אין בלאָנדע לאָקן האָר. אין איין הענטל האַלט ער אַ לופט-פליער פון צעלוליי. אויף דער ערד דרימלען די אויסגעשטעלטע שפילצייג. אַ בלוילעכער שיין, וואָס איז ספעציעל אָנגעשטעלט איבערן בעט, נעמט אים לייכט אַרום.

— צו וואָס די אַלע פאַרבן, דאָקטאָר? — האָט זי זיך געפרעגט בעתן עסן, — עס מאַכט היימלעכער, אָבער איר האָט נישט קיין מורא, אַז עס זאָל ווירקן שלעכט אויף זיינע ערשטע אורטיילן? — „ניין, נאָנאָ האָט די אַלע חיות אין נאַטירלעכע פאַרבן. די לעצטע האָבן מיר גענוצט אַלס אָנווייזער פון זיין כאַראַקטער, וועגן די באַדערפנישן פון זיין אָרגאַניזם. אַ קינד, וואָס האָט ליב די רויטע פאַרב, אַזוי ווי ער, וועט האָבן אַ ברוטאַלן געשמאַק. דאָס וועט זיין אַן אַקטיווער מענטש. בלוי באַווייזט אַ נייגונג צו קונסט; ראָזע, אַ סענטימענטאַלער"... — „אַזוי צום ביישפּיל, האָט מאַדאַם זשוטאנאן אונטערגעשטראָכן, האָט נאָנאָ פאַרגעטערט דעם רויטן העלפאַנט, ווען ער האָט אַ נאָמען געגעבן „זון"; ער וועט פריער נישט גיין שלאָפן, ביז ער וועט אים האָבן אַ קוש געטון. דערפאַר אָבער פילט ער אַ שטאַרקע אימה פאַר דעם גרינעם העלפאַנט"... און דער פאָטער האָט צוגעגעבן: „די קינדער, דאָס זענען קליינע געפאַנגענע

גשמהלעך, וועלכע מען דאַרף העלפן פון וויגל אָן, אויפעפענען אין זיי די פענצטערלעך דורך וואָנען עס זאָל אין זיי אַריינ־דרינגען ליכט"...

אַוועקגייענדיק פון טיש, האָט דער דאָקטאָר אַנטוויקלט זיין טעאָריע פון כראָמאָטעראַפּיע: — „איבריקנס, האָב איך גאָר־נישט ערפונדן. דאָס איז די מעטאָדע פון רייכענבאַך. ווי נאָר דער קליינער איז געבוירן געוואָרן, זעענדיק ווי צאַרט ער איז האָב איך אים דערצויגן ביי וויאָלעט־ליכט, כּדי אים צו שטאַרקן. אַזוי ווי ער האָט אַ ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט, שלאָפט ער, ווען ער איז געזונט, ביי אַ בלוי ליכט: דאָס באַרואיקט אים, ברענגט אריין אַ גלייכגעוויכט אין זיינע אינסטינקטן. אויב איך אַליין פיל זיך נידערגעשלאָגן, הייטערט מיך וויאָלעט גיך אויף... אויף די קריזיסן פון עצירות איז נישט פאַראַן קיין ווירקזאַמער מיטל ווי געלע פאַרב!... איך האַלט ביים צונויפשטעלן אַזאַ ליכט־אַפּאַראַט, מיט וועלכן איך וועל קענען אָנווענדן די דאָזיקע הייל־מעטאָדע צו מיינע חולאים".

ביי דער ערשטער איבערראַשונג האָט ספּי צו זיך גע־זאָגט: „פאַרוואָס נישט?" און פון דער טיף פון איר איינזאַמ־קייט, וועלכע זי האָט געוואָלט אויספילן, אָבער אָן דערפאָלג, מיט איר גאַנצן ווילן און גלויבן און אין באַמיען זיך גוט אויסצופילן ס'לעבן, האָט זי מקנא געווען דעם גליקלעכן גורל פון דער יונגער מוטער מיט די פינקלדיקע אויגן, און די וואַ־רעמע היים, וואו צוזאַמען מיטן גלויבן אין די פאָרשונגען האָט געהערשט דאָס גליק פון ליבע.

זי איז אויפגעשפרונגען און געבליבן שטיין. אַ „באָן זשור" פון דאָקטאָר האָט איר דערמאָנט אין איר ערנסטע פליכט. ער האָט געשפּאַסט:

— מיט אייער וואָל און פאַרטראַכטע פּאָזע האָט איר אויסגעזען ווי די סטאַטוע פון פּעדישאַשי, וועמענס פאָטאָ־גראַפיע איר האָט נעכטן באַוואונדערט, בלעטערנדיק דעם קאַטאַלאָג.

ביי זיין גאַנצן מאָדערניזם, איז דער דאָקטאָר געווען אַ

לײדנשאַפטלעכער קאָלעקציאָנער פון עגיפּטישע אַנטיקן. נישט קענענדיק זיך דערלויבן צו קויפן מער ווי קלײניקײטן, האָט ער אָפּגעגעבן זײן מאַניע מיט נאָכקוקן אין אַלע פּובליציסטישע קונסט-אויסגאַבן. ער אַלײן איז אויך ענלעך געווען צו די העראָטישע פּנימער, וואָס מען זעט אויסגעקריצט בײ די טויערן פון די עגיפּטישע קברים. אַ קרובהשאַפט פון סימפּאַטיעס, אָדער אַ סוד פון ווידער-אויפלעבונג?

און איצט צו דער אַרבעט!

אָנגעטון אין דער בלוזע, די הענט אינדערהויך, האָט ער געגעבן אַ צײכן דער מאַדאַם זשאַן. די מלחמה-אלמנה, אַ שווײגנדיקע און גוטע, האָט אויפן פּנים אויסגעזען ווי אַ געטריקנטע פלוים. מיט שטילע טריט איז זי געגאַנגען עפענען די טיר פון וואַרטע-זאַל, פון וואַנען ס'האָט זיך געטראָגן אַ הויכער גערויש. ספּי איז געזעסן בײ איר סעקרעטאַר-טישל, מיט דעם בלײשטיפט אין דער האַנט איבער ווײסע צעטלעך און געוואַרט.

עס איז אַרײַן אַ פרוי, טראָגנדיק אַ צעשראָקן קינד פאַרפּאַקט אין ברודיקע וועש. זי אַלײן איז געווען אָנגעטון אין אַ פאַרפעצט קלײד אונטער אַ ברודיק פאַרטעך.

— קומט נענטער!..

אין דער צײט ווען זי האָט אויפגעגעבן איר נאָמען און באַשעפטיקונג, וואָס איז גלײך פאַרצײכנט געוואָרן, האָט דער דאָקטאָר באַטראַכט דאָס זויג-קינד, וועלכעס האָט, אויפכאַפּנדיק זיך, אָנגעהויבן פּישטשען. די מוטער האָט דערצײלט, אַז שוין לאַנג ווי עס פּירט עס אָפּ. זי האָט געמײנט, אַז דאָס איז צוליב דער מילך, האָט זי אָנגעהויבן קויפן אין אַן אַנדער קראָם. אָבער די וויטאַגן זענען געוואָרן וואָס-אַמאָל ערגער.

— זעט נאָר דאָס.

אַ שטיקנדיקער ריח האָט זיך אַרויסגעריסן פון די אויפגעוויקלטע באַפּישטע וועש... מאַדאַם זשאַן האָט גענומען דאָס באַשעפעניש אַרומצווואַשן עס, אײדער זי האָט עס דערלאַנגט דעם דאָקטאָר.

— איר וואָלט עס געמעגט האַלטן אַביסל רײנער!... און

די מאַמקע? איר שווענקט עס אַמאָל איבער, איידער איר גיט צו זויגן, האַ?

— אַוודאי, הער.

דער טאָן איז געווען אַ גאַנץ זיכערער. הער זשוטאַנאַן, באַטראַכטנדיק דאָס קינד, האָט גערעדט צו זיך אַליין: דער בויך איינגעדאַרט, די צונג טרוקן... די ביינדלעך ווערן ווייכער... עריטעם אין הינטן... גוט! (צו ספּי) שרייבט איין: כאָלערינקע, אַרויסגערופן דורך אַ פאַרצויגענע פיאַדערמיט... היץ, ברעכונג... (און קוקנדיק אויף דער מוטער, וועלכע איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך ווי אַ סנאָפּ)... ס'איז אַזוי?

— יאָ, הער.

אין דעם מאָמענט האָט דער קליינער חולה אַרויסגעגעבן פון זיך אַ פליסיקע און גרינלעכע צואה.

— נאָך גוט, וואָס כ'האָב אונטערגעלייגט דעם גומענעם סערוועט! — האָט מאַדאַם זשאַן אָפּגעזיפצט.

אויף אַ צייכן פון דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגנאיבער ספּי, האָט זשאַן אָפּגערייניקט דעם רויטן הינטן און געהאָלפן אים איינוויקלען. רעדנדיק צו דער מוטער, האָט דער דאָקטאָר אָנגעשריבן אַ רעצעפּט און עס איר דערלאַנגט:

— אויב אין צוויי טעג אַרום וועט אים נישט ווערן בעסער, זאָלט איר אין מיין נאָמען אים אַריינגעבן אין טרוסאָשפּיטאָל.

אַ פרישע אומגליק-טרעגערין האָט זיך אַוועקגעשטעלט האַלטנדיק אין יעדער האַנט אַ קינד. איינער האָט אויסגעזען פון אַ יאָר אַכט, דער אַנדערער זעקס. ספּי האָט אויסגעפּילט דעם צעטל פון ערשטן. ער האָט געהאַט אַ ריזיקן בויך, די צורה געל. ביי דעם אָנבליק פון זיינע איינגעדאַרטע באַקן און ביי דעם ריח פון זיין אָטעם האָט דער דאָקטאָר געמאַכט אַ הילפלאָזע באַוועגונג. גלייך נאָכן עקזאַמינירן האָט ער דיאַגנאָסטיזירט:

— ווילד-פלייש אויף די נירן. איר זענט צום ערשטן מאָל ביים דאָקטאָר?

די פרוי האָט געמוזט מודה זיין, אַז דעם פאַרגאַנגענעם חודש איז זי געווען ביים דאָקטאָר פון איר קוואַרטאַל, נאָר אַזוי ווי ער האָט גערעדט פון אַן אָפּעראַציע איז זי שוין מער צו אים נישט געגאַנגען.

— עס גייט וועגן לעבן פון אייער קינד, איר הערט! קען זיין, אַז ס'איז שוין אפשר צו שפּעט!.. גייט תיכף צוריק צום אייגענעם דאָקטאָר און טוט אַלץ, וואָס ער וועט אייך הייסן...

אין אירע אויגן פון אַן איבערגעשראָקענער חיה האָבן אַרויסגעשפּריצט טרערן:

— מיר האָבן נישט קיין מזל... (זי האָט געוויזן אויפן אַנדערן קינד, אויפן קלענערן)... דער בחור פאַרשאַפט אונז אויך נישט ווייניק צרות!..

דער בחור? ספּי האָט זיך איבערגעפרעגט מיט די אויגן, מיינענדיק, אַז זי האָט שלעכט געהערט. ה' זשוטאַנאַן האָט דערוייל צוגערופן דאָס באַשעפעניש: „קום אַהער, מיין קליינער פאַרשוין!". די מוטער האָט ווייטער גערעדט: „ער איז אַלט צוועלף יאָר". — „צוועלף יאָר, האָט ספּי נאָכגעזאָגט, ער זעט אויס ווי פון זיבן!"

אָ! אָ! ער איז גאָר אַ מאָנגאָל! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אויף וועמענס פּראַגן דער אידיאָט האָט מיט אַ פינגער פאַררוקט אין נאָז, געענטפערט מיט אומדייטלעכע געשרייען... (וואונדערנדיק זיך צו ספּי)... די נישט געוויינטע צאָל גריזשלען גיבן צו צו זיין ענגלישע קרענק די אַלע גהינומדיקע אויסער-לעכקייטן, אָבער דער אמתער שולדיקער איז דאָס פאַמיליען-בלוט. (ער האָט דיקטירט): אַ פּאַטעראַפּ, פּאַליגלאַנדולער. שפּע-טער וועלן מיר זען, אויב מען וועט דאַרפן צוגעבן נאָך ספּע-ציפישע מיטלען...

מיט אַ פול שאַכטל אין האַנט, וואָס מ. זשאַן האָט איר דערלאַנגט, איז די שעפערין פון עלנט אַרויסגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— די ווייטערדיקע!

אַ גראָבע באַלעבאָסטע, קיילעכיק ווי אַ פּאַס, דערנענטערט

זיך, פירנדיק פאַרויס אַ מיידעלע, ביי וועמען ס'פּנים איז ביז אין דער העלפט געווען באַהאַלטן אונטער אַ באַנדאַזש. ספּי האָט זיי גלייך דערקענט און געזוכט זייער צעטל און איבערגעליינט: „ענפעטיגאָ... באַנדאַזש פון קאַלך־וואַסער און סטעליזירטע וואַזעלין"... מ. זשוטאנאן האָט אונטערגעהויבן דעם פאַרבאַנד:

— גוט! היינט, מאַדאַם זשאַן, וועט דאָס קינד דאָ בלייבן אין איזאָלירונגס־צימער, און פאַרנאַכט זאָל די מוטער קומען עס אָפּנעמען. איבערמאָרגן זאָלט איר אייער טאָכטער ווידער ברענגען אַהער.

— און ווען וועט זי קענען צוריק אָנהויבן גיין אין שול?

— וואַרט ביז די מכה וועט זיך פאַרהיילן! נאָך אַ פּופּצן טאָג אַמווייניקסטנס... איך קען נישט וויסן.

אַ יונג שיין מיידל, ביי וועמען די הויט האָט אויסגעזען ווי באַלויכטן פון אַן אינערלעך פייער, איז דערשינען, באַגלייט פון איר פאָטער, מיט אַן אויסזען פון אַ באַוואָקסעטן שטאָט־סטראַזשניק. ביידע זענען זיי פיגוראַנטן ביי ליאנעל האטט. ספּי האָט זיי אויפגענומען שמייכלענדיק, כאָטש זי האָט וועגן זיי איבערגעליינט: „היסטעריק, כארע ד'הערעדא, דויערנדיק, ערנסט. היילונג: איינשפּריצונגען פון אָרגאַנישע אַרסעניק־זאַלצן".

— אָ! אָט איז דעניס... ווי האַלט עס מיט דיין טאַנץ פון סען־גואי?

ס'מיידל האָט גלייך גענומען ציטערן און זשעסטיקולירן, ווי אַ טויטער אויטאָמאַט:

— בעסער. ווען כ'וואָלט נאָר — — נישט געהאַט דאָס אָנשיקעניש, וואָס צעטרייסלט אין מיר אַזוי די בעבעכעס:

דער פאָטער האָט איר אָנגעשריגן מיט כבוד:

— איך האָב דיך שוין געלערנט, אַז מען רעדט נישט צווישן מענטשן. מען ענטפערט: ווען נישט דאָס שוידערן וואָס צערייצט מיך.

ספּי האָט אָן אַמוזירטע, צוגעגרייט דעם סערום... נאָך דער איינשפּריצונג, ווען די סיפיליטיקערין איז אַוועק מיט איר ליכטנדיק פנים, מאָרגן וועט עס זיין פאַרקרימט, — האָט זיך די אומענדלעכע דעפּילאַדע ווייטער געצויגן.

## V

האָבן זענען פאַרביי, שטענדיק מיט דעם זעלבן מאָנאָטאָ-ניזם. וויפיל קרבנות פון דער מענלעכער לייכטזיניקייט, פון מענטשלעכער אומוויסנקייט, האָט ספּי געזען פאַרבייגיין! צו וויפיל פּאָקן, בלוט-צאַפּונגען און אָן אַ שיעור אַנדערע איינשפּריצונגען האָט ספּי זיך געמוזט צוגעוואוינען מאַכן! פּיאַדערמישע, צווישן די אָדערן, אַלץ האָט זי שוין געקענט. אויך היילן וואונדן מכּות...

וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס דען?.. וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבן די אַלע רפואות אין פאַרגלייך מיט דעם אומגעהויערן שלעכטס? ווען דער גוטער ווילן פון דער גאַנצער וועלט וואָלט זיך כאָטש געשטעלט אין דינסט קעגן דעם עלנט, וואָלט מען געקענט גלויבן, אַז עס וועט זיך אַמאָל איינגעבן צו פאַרלייכטערן די ליידן... אָבער רעדנדיק בלויז פון די קראַנקהייטן, וואָס קומען פון עקשנות און פון שטות פון דער מענטשלעכער סטאַדע, ווי אַזוי קען מען באַקעמפן אָט דעם וואָרם, וואָס דערהרגעט אַזויפיל קליינע ווערנס? איין קבר אויסגעמיטן, אָבער טויזנט געעפנט...

די טעג זענען זיך איר צעקראָכן, נישט וויסנדיק ווי אַזוי דאָס אָנשרייבן און פאַרטיק מאַכן אירע אַרטיקלען, האָבן פאַרשלונגען די פיר פרימאָרגנס, ווען זי איז נישט געגאַנגען צו די

קאָנסולטאַציעס, און נאָכמיטאָג, ווען זי פֿלעגט נישט טרעפֿן טיענו מיט אירע „בראָ גאָ מאַ זאַדו״,״ האָט זי געהאַט עטלעכע גענג צו דערליידיקן, אין רעדאַקציע, אָדער פֿלעגט זיך טרעפֿן מיט צייטונגס־חברים. זונטיק האָט מען פֿרייליך פֿאַרבראַכט אין טאַרפּעדאַ — אויטאָמאָבילן־אויספֿלוגן, מיט עטינעט און מ. רוסטאַן, און טיילמאָל אויך מיט די צוויי ברעטאַנער. אַזוי־אַרום האָט זי דורכגעשניטן נאָרמאַנדיע, טורען און שאַמפּאַניע, שעפּנדיק פֿון די באַגייסטע פּייזאַזשן און פֿון די ריינע געזונטע לופֿט, גלייכגעוויכט און גוטן הומאָר.

דאָס איז געווען אַ נייטיקע צעשטרייטונג. צו קענען לייכטער פֿאַרטראָגן, אַרויספֿציענדיק אויף זיך די ווייסע בלוזע, די שווערע משא פֿון עלנט, און די דערדריקנדיקע אַטמאָספֿערע, וואָס האָט אָפּטמאָל צוגענומען בייַ איר דעם מוט און איר פֿרייליכקייט.

ס'איז אַלזאָ געווען אומעטום און אַלעמאָל די אייגענע אומגליקלעכע שעפּסן־סטאַדע, וואָס איז געגאַנגען פֿון פּאַשעפֿעלד אין שעכטהויז. פֿאַר אירע אויגן איז געשטאַנען דער הויכער סילועט פֿון פּאַסטעך, אויף דעם רונד־וועג פֿון פּראָוואַנס: זשאָזעף סערווען מיט זיין ערנסט פּנים און וויטן בליק... ער זינגט זיין מאָנאָטאָנעם רעפֿריין, און בייַ זיינע אָפּשטאַרבנדיקע טענער דרענגען זיך די שעפּסן צונויף אַרום זייערע מוטערס... Pouri besti d'ave!... און דאַן, דער שטויביקער וועג ביים פּאָרט ד'עקס... די דאָזיקע צווייטע סטאַדע אָנגעצייכנט צו דער שחיטה... אַ מעקעדיקער הויפֿן, וואָס האָט אונטער די שמיץ פֿון בייטש זיך געשטויסן אין אַלע זייטן, זיך צעטרעטן, פּרובירנדיק אַריבערצושפּרונגען איינער איבערן אַנדערן. זי האָט דערהערט דעם זיפֿץ פֿון איר פֿעטער פּאַקאָ, וועלכער האָט געטראַכט וועגן ענלעכן מאַרש פֿון די שוואַכע און אונטערדריקטע, וועגן דער טרויעריקער אונטערטעניקייט פֿון די מענטשלעכע בהמות:*) זענען די צאָל. ווען זיי וואָלטן אויסגעבילדעט זייערע כּוחות! ... אָט זענען זיי! זיי זענען טאַקע די צאָל. אָבער די בילדונג האָט נאָך נישט אין זיי דיסציפּלינירט זייער שוואַכקייט...

*) זע: „מענטש־בהמה״.

אַרום איר קינדערישע פּנימער מיט דערשטוינונג אין די אויגן, פאַרוואָס זיי ליידן, פּנימער פון עלטערן מיט פינצטערע בליקן פון אומוויסנקייט, ס׳איז דער אייביקער געווירבל פון רעזיגנאַציע, דאָס אייגענע טרעטן פון המון, וואָס גייט צום טויט מיט מאַכט-לאָזע געשרייען, מיט אומזיסטע אויפשפּרינגען...

— וואָס קען מען טון, אַז דאָס זאָל זיך ענדערן! — האָט זי אָפּגעזיפצט נאָך אַ קאָנסולטאַציע, וואָס איז געווען פיינלע-כער ווי געוויינלעך.

דורך די זוניקע שויבן האָט דער בלאַסער דעצעמבער אַזור אויסגעזען ביי דערנענטערן זיך פון ווינטער ווי אַ גוטס, אויף וועמען עס לאָקערט די נאַכט... מ. זשוטאַבאַן, אַנטוועגנדיק זיך דעם ראָק, איז אין מיטן שטיין געבליבן און האַרציק איר אָנגעקוקט. און דערנאָך מיט אַ פרייליכע גוטמוטיקייט אונטערגע-פייפט: „טורעם, היט זיך, טורעם, היט זיך, אַז מען זאָל דיך נישט אומוואַרפן!“.

— אַזוי איז עס!...

ער האָט גענומען זיין הוט און איז צו צו איר:

— גלייבט מיין דערפאַרונג. נישט פאַראַן מער ווי איין מיטל אויף אויסצומיידן דעם פיינלעכן איינדרוק, וואָס אַזעלכע ספּעקטאַקלען רופן אַרויס. דאָס איז, צו קוקן העכער, ווייטער. עפּידעמיעס קאָן מען נאָר דאַמאָלס אָפּהאַלטן, אויב מען היילט זיי פון שורש. דאָס פעלד איז אויסגעשיט מיט קרענקלעכע זריעה, דאַרף מען היילן די וואָרצלען.

— דאָס איז נישט לייכט. זיי דערגרייכן אין קעניגרייך פון טויטע. אַזוי ווי דער דעמב פון לאַ פאָנטען. דאָ שטעקט דאָס שלעכטס.

— זייער ריכטיק. צוליב דעם טאַקע דאַרף מען זען, אַז זיי זאָלן זיך נישט צעשפּרייטן... וויפל מאָל האָב איך געהערט פון בראַווע שוטים: „אַלץ, וואָס די נאַטור טוט איז גוט“. וויפל פאַרפעלקער זענען פאַראַן אַפילו ביים איצטיקן מאָמענט, וואָס זאָלן קלערן, אַז מען דאַרף זיך פריער צוגרייטן, כדי צו ברענ-גען אויף דער וועלט גוטע און געזונטע קינדער? ווען מען גיט

אַ טראַכט וועגן די איבערגעפולטע בית-עלמינס צוליב דער קינדער-שטערבלעכקייט, איבערהויפּט, ווען מען זעט אומעטום די מחנה קאַליקעס, סקראָפוליטן, פאַרריקטע, עפּילעפּטיקער, פּאַראַליזירטע, די אַלע זין פון אַלקאָהאָליקער און אַנדערע ירושה-קראַנקע, וואָס שלעפּן אויף זיך זייער גאַנץ לעבן דעם עלנט און די שולד פון זייערע עלטערן!... און דאָס אָפּפאַלעכץ פון די אַזוי-גערופענע אויסדערוויילטע, וואָס צאָלן מיטן אַרטריטיזם פאַר דעם לוקסוס פון זייער פּאַפּאַ אָדער פאַר די דיסטראַקציעס פון זייער מאַמע, שטענדיקע געסט פון די נאַכט-הייזלעך, פון קאָקאַין און אָפּיום!... דעמאָלס זאָגט מען זיך אַזוי ווי איר: „אָ, ווי נאַריש דאָס איז אַלץ!" און מען הייבט אָן קלערן, אַז די געזעצן פון די ספּאַרטאַנער זענען גוט געווען, אומברענגענדיק באַלד ביי זייער געבוירן, די אומגעוואוינשטע...

— צו וואָלט נישט גוט געווען, אַז מען זאָל איינפירן אַ קאָנטראָל פאַר דער חתונה, און גלייכצייטיק אונטערצוברענגען דאָס באַשאַפן פאַרברעכער און משוגעים, אַזוי ווי עס פּראַקטיצירט זיך שוין אין אַמעריקע?

— אַוודאַי! דאָס וואָלט געווען שטרענג לאָגיש. אָבער ווי אַזוי איינפירן דעם דאָזיקן אומבּרחמנותדיקן פיזישן עקזאַמען ביי די אַקטועלע געוואוינהייטן? מיר זענען לײַדער נישט צייטיק צו אַזאַ רייניקונג. און ס'איז אַ שאָד, ווייל מיט דעם וואָלט מען מיט איין מאָל אָפּגעשאַפט דאָס קינסטלעכע מפּילן מיט אַלע זיינע געפאַרן.

ספּי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ניין. ווייל גלייכצייטיק וואָלט מען געדאַרפט, אַז די פרוי זאָל אויפהערן זיין דאָס, וואָס זי איז אין די אויגן פון געזעץ און פון ס'רוב מענער: אַ הויז-חיה, אַ צושטעלערין פון פאַרגעניגן!... דאָס קינסטלעכע מפּילן! ביז וואַנען עס וועלן נישט געשאַפן ווערן קיין „געוויסנהאַפטע געבורט-אַנשטאַלטן", וואָלט מען דען ניט געדאַרפט נישט נאָר דערלויבן, נאָר צווינגען אין פאַלן פון ירושה-קראַנקהייטן לעגאַל דורכצופירן די אָפּעראַציע.

דער דאָקטאָר האָט זיך פאַרטראַכט:

— ביי מיין וואָרט, ווי איר האָט רעכט!

— אין אַ צייט, ווען אַ פרוי שוואַנגערט, האָט זי נישט קיין רעכט זיך צו דערהרגענען! אויב עס איז גיט זיך איר נישט איין און בלייבט לעבן, ווער דער קאָדעקס איר נישט באַשטראָפן פאַר וועלן אויספירן אַ טאָפּלטן מאָרד. פאַרוואָס-זשע זאָל זי נישט האָבן דאָס רעכט צו קענען זיך באַפרייען פון אַ לאַסט, דאַמאָלס ווען דאָס קינד איז נאָך נישט מער ווי אַן איי-עלע, וואָס איז איר געוואָרן אָנגעוואָרפן קעגן איר ווילן, אָדער ווען זי געפינט איין, אַז דאָס קינד קען נישט זיין קיין נאָרמאַלס?

— פון אינדיווידועלן שטאַנדפונקט לאָזט זיך עס זאָגן. אָבער איר פאַרגעסט אין סאָציאַלן חשבון! עס גייט אים נישט אָן קיין זעראָס, נאָר דער אונטערשטער סך-הכל... אַלנפאַלס, שוין צוליב דעם, אַז מען זאָל אָפּשאַפן די געהיימע אָפּטרייבע-רינס, וואָלט מען באַדאַרפט צוליב דער עפנטלעכע היגיענע פאַר-לייכטערן דאָס לעגאַלע אָפּטרייבן און איינפירן צוליב דעם אַ געהעריק געזעץ.

— איר האַלט אויך אַזוי?

— פונדעסטוועגן וואָלט עס געווען נאָר אַן איינזייטיק מיטל. דער אמתער, דער איינציקער אופן אויסצובעסערן דעם מין, אויסמיידנדיק דערביי אומגערעכטיקייטן און נוצלאָזע ליידן, איז, ווידער דאָס, וואָס איר האָט געזאָגט: פּ אָ ר א ו י ס ז ע ן. אָן אַ שטרענגן אויסוואַל, אָן אַן אומאויפהערלעכע לערע אין די שולן, און אָן אַ סעקסועלע דערציאונג, — וועט די מענטשהייט נישט אויפהערן צו זינקען אין געמויזעכץ!... און ביז דאַמאָלס וויפיל אָפּערווייליקע ווי מיר וועלן צוליב די אַרומיקע שטותים פאַר-לירן דעם מוט אַזוי, אַז זיי וועלן נישט גלויבן אין כוח פון זייער אָפּער!

דער וואַנט-זייגער האָט אויסגעשלאָגן האַלב איינס.

— מען דאַרף גיין עסן! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. — מיר פלוידערן און איך האָב נאָך צו מאַכן צוויי וויזיטן פאַרן אַהיימגיין.

— אייער פרוי וועט זיין אומצופרידן, — האָט זי אים נאָכגעשריגן.

— זי איז עס שוין געוואוינט. אַ דאָקטאָר האָט נישט קיין באַשטימטע שעה. די קראַנקע זענען צום ערשט.

## VI

— ניאַ!... ניאַ!... ניאַ!...

— ווילסט איר שווייגן, פֿאַסקודנער מענטש...

אַריבערגעבויגן איבער אַ וויגל אין דער קינדער־אָפּטיילונג, באַמיט זיך עטינעט איינצושטילן דאָס קינד, וואָס הערט נישט אויף צו פּישטשען, פֿאָכנדיק פֿאַר אים מיט אַ גומענע ליאַלקע. דערנאָך, דערזעענדיק אין צווייטן עק זאַל אַריינקומען ספּי מיט אַ קינד אויף די הענט, האָט זי אַ זאָג געטון:

— איך מוז אַזש דאָ אַהערקומען, כּדי דיך צו זען!

ספּי אָבער האָט אָנשטאָט אַן ענטפֿער געוויגט איר פּעקל און אונטערגעזונגען אַ קינדער־לידל, איבערגעבנדיק דער וועכ־טערין איר בעבע, וועלכע האָט עס אַריינגעלייגט אין אַ וויגל, האָט זי אָפּגעענטפֿערט:

— דו ביסט דאָך ערשט נעכטן געקומען צו פֿאָרן!

— אמת... (זי האָט מיטן שנעלצוג אַ שפּרונג געטון, צוזאַמען מיט איר מוטער, קיין גראַס פֿאַרקויפֿן די ווילע זשור־דאָן, וועלכע מען האָט נישט גענוצט, ווייל זי האָט זיך געפֿונען אַנטקעגן אַ פֿאַבריק, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ שלעכטן ריח)... און מיין ספּי האָט נישט באַוויליקט צו קומען צום נאַכט־עסן.

— ניאַ!.. ניאַ!.. ניאַ!..

אַ צווייט נפֿשל, אויפֿכאַפּנדיק זיך האַסטיק, ווייזט אויך וואָס ער קען. עטינעט פֿאַרשטופּט זיך די אויערן.

— באַ, דו ווייסט, וואוילטעטיקייט איז אַ גאַנץ גוטע זאַך, נאָר פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט וואָלט איך דאָ קיין האַלבן טאָג נישט געבליבן... זעסטו, דער, וואָס דו האָסט איצט געהאַלטן, איז אַן אָנשטענדיקס, מאַך כיכי, מיין שיין קרויטל!

אָבער דאָס קרויטל, וואָס האָט אויסגעזען גיכער ווי אַ פּעטרושקע, האָט גאָר אָנגעהויבן הילכיק שרייען, זעענדיק זיך אַריבערבייגן אַ ניי פּנים.

— אָ, ניין! הער דו זיי אויס, די נישט-צייטיקע אומגער־קעס! מען קען נאָך מיינען, אַז מען גייט זיי כ׳וויס וואָס טון!

ס׳איז אַנטשטאַנען אַ שטאַרקע מהומה. אָבער ספּי האָט באַלד אַלע באַרויקט און אַפילו זיי געמאַכט שמייכלען. זיי ציען אויס די הענטלעך און קוקן ליבלעך אויף די פריינדינס. דער אָנבליק פון קליינע קינדער צינדט אָן אין יעדער פרוי די מו־טער־ליבע, וואָס ליגט באַהאַלטן אין יעדער פון זיי. מיט אַ שנעלער באַוועגונג ווישט ספּי אָפּ אַ טרער פון אירע אויגן. עס איז נישט אַדורך אומבאַמערקט פאַר איר פריינדין.

זי האָט זיך אויך גענומען דערמאָנען, אָבער אין פּרינציפּ, אַז זי דערפילט נאָר אַ טרויעריקן געדאַנק, טרייסלט זי אים גלייך אָפּ, דערפאַר נעמען איר אַלע אָן פאַר אַ לייכטזיניקע, פאַר אַביסל אַן אויבערפלעכלעכע, אַלע אַחוץ ספּי, וואָס האָט זי ליב פאַר איר גוטסקייט.

אָפּטמאָל פּרובירט זי אַריינצוציען ספּי אין אַ מער זאָרג־לאָזיק לעבן, און אָפּטמאָל טראַכט די לעצטע: טיעגו איז גע־רעכט. צו וואָס נוצט דאָס ליידן צוליב אַן אַלטן זשעסט, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען אין רוים, און וועמענס וויברירונג האָט אַרויסגערופן אַגדערע ענלעכע? דאָס אַלץ איז אויסגעשפּרייט אַרום אונדז און מיר קענען מער איבער דעם נישט הערשן. גוטע און שלעכטע מעשים שאַפן די אוניווערסאַלע באַוועגונג. אַ משוגעת איז צו וועלן אויפכאַפּן דעם מאָמענט, וועלכן מיר וואָלטן גע־וואָלט אויסמעקן פון אונזער לעבן!

דער וואונטש און די מעגלעכקייט זענען נישט קיין גלייכע

פרוכטן פון מענטשלעכער האָפענונג. ספּי וואָלט געוואָלט פאַר־געסן און קען נישט. אַלץ דאָ אין דעם קינדער־הויז האָט אין איר אויפגעוועקט פערזענלעכע ליידן.

אַלץ, וואָס זי זעט דאָ, איז אַן איבערחזרונג פון דעם, וואָס זי האָט געזען ווען זי האָט געהאָלפן די אומגליקלעכע, וואָס האָבן געהאַט אַסך קינדער. אָבער דאָך, אין דער אינ־טערנאַציאָנאַלער געזעלשאַפט, האָט מען נישט געבעטן מער ווי טעגלעך ברויט. דאָ אָבער קומט מען בעטן דאָס אומ־מעגלעכע, דאָס פאַרלוירענע געזונט, דאָס געזונט פון אומשול־דיקע, וואָס זענען פאַרמשפּט דורכן בלינדן תּליון, די ירושה־קרענק, דאָס איז ערגער!

— האָסט צייט אַ מינוט? — האָט זי אַ פרעג געטון עטינעטן.

— אַפילו צוואַנציק, מיין קאַקאַט.

— אויב אַזוי, קום אין מיין ביוראָ. איך האָב געהאַלטן אין גלייכליגן מיינע פּאַפּירן, האָט מען מיך אין מיטן גערופן צו אַט דעם קליינעם. כ׳האָב געוואָלט אַליין אים אָוועקפירן צום ראַדיאָגראַפירן...

זיי זענען אַדורך לאַנגע קאָרידאָרן, וואָס זענען איצט גע־ווען פּוסט. ספּי האָט געטראַכט אויפן קול:

— איצט פאַרשטיי איך די לעגענדע וועגן אייביקן יידישן וואַנדערער: — „מאַרש! מאַרש! מאַרש!״ דער באַפעל איז דער אייגענער פאַר אַלע, צי מען איז ייד, קריסט אָדער אַטעאיסט. מיר זענען אַלע אָרימע וואַנדערער פון לעבן. עס שטופּט אונז אַלעמאָל פאָרויס, נישט דערלויבנדיק אונז זיך אומצוקוקן. און וויי צו די, וועלכע באַגייען דאָס אומפּאָרזיכטיקייט צו וועלן זיך אומקוקן הינטער זיי! פון דאַן אָן וווינט אין זיי דער ווייטיק... דער ווייטיק פון מאַכטלאָזיקייט, דאָס מידקייט פון מאַרשירן, אייביק מאַרשירן!

עטינעט איז אַרויסגעשפּרונגען מיט איר געוויינלעכער טע־מע: מיט ליצנות.

— אָבער דו ביסט פול מיט געלעכטער, מיין טייערע!

דו צום ווייניקסטנס זעסט דאָס לעבן אין רויזע פאַרבן!

ספּי האָט געעפנט די טיר פון איר בּיוראָ, זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט.

— גלייבסטו נישט, אַז נאָך אַזאַ טאָג פון ווידמענען זיך פאַר אומבאַקאַנטע, וואָלט איך מיך מער געפרייט, ווען איך זאָל ביים טיש געפינען מיין אייגן קינד, וואָס וואָלט מיך ליב געהאַט?

— באַ!... דו ביסט נישט די איינציקע, וואָס האָט פאַרלוירן אַ קינד. דו מיינסט, אַז מיינס וואָלט מיר נישט געווען אַ גוטע געזעלשאַפט אין מיין איינזאַמקייט? ווייל וויפל מאָל פיל איך זיך צווישן די אַלע אַמאַטאָרן, באמת ווי פאַרלוירן...

— דו האָסט דיין מוטער מיט דיר.

עטינעט האָט אַרויסגענומען פון איר טאַש דאָס פּודערקישעלע און פירנדיק עס איבערן פנים:

— אָ, דאָס יאָ!

— און איך, מיין מוטער איז פאַר מיר ווי גאָרנישט.

— איך האָב זייער ליב מיין מאַמען, נאָר עס איז פאַר מיר נישט גענוג.

— דו האָסט דאָך... דיין געליבטן.

עטינעט, מיטן קישעלע אין דער לופט, באַמערקט:

— האָסט אויך אַ ברירה זיך צו נעמען איינעם!... (און פאָרנדיק מיטן פּודער)... איך האָב אַפילו צוויי!

— מאריס לע גערן, וואָס?

— אַזוי איז.

— דער איז כאָטש נישט כּשר. וועלכן האָסטו ליבער?

— האַ! האַ! מאריס איז אַמוזירנד און ליאָנעל, מער ליידנשאַפטלעכער. זיי קאָמפּלעטירן, האַ!

ספּי האָט זיך פאַרטראַכט, קוקנדיק אויף אירע נעגל, מען האָט דערקענט, אַז זי קען זיך נישט באַשליסן אַרויסצוזאָגן:

— איך האָב ליאָנעל נישט ליב... איך האַלט אים נישט פאַר קיין זיכערן...

— אין וועלכן הינזיכט?

— אין אַלע... איך צום ביישפּיל אויף דיין אָרט, וואָלט נישט געהערט זיינע עצות, וועגן דיינע געלד-געשעפטן.

עטינעט האָט אים פאַרטיידיקט:

— ער איז אַן אויסגעצייכנטער געשעפטס-מאַן. אָט אַ שטייגער וועט מען דאָס געלד פון גראָס אַריינלייגן אין די גרובן פון גאַריפּאַנאַקאַר... טויזנט פּראָצענט פון קינאָפּטיקן יאָר אָן!

— אין וועמענס קעשענע אַריין?... אַלנפאַלס, די באַשטעלטע סטודיאָס, דרייצן און פערצן, ווי אויך זיין קינאָפּטיקער פילם, אויף וועלכן ער האָט ביי דיר געבעטן געלט, איז אויב דו גלייבסט, אַז ער טוט דאָס אַלץ בלויז אויס ליבע צו קונסט...

— ס'איז אויך דערפאַר, ווייל ער וויל מען זאָל אים דעקאָרירן מיטן מעדאַל, כ'ווייס עס בעסער פון אַ צווייטן, זעסטו, ער. ווייסט יאָ נישט, אַז כ'האָב געמוזט שלאָפן מיטן מי־ניסטער, אַז ער זאָל אויף דער נאָענטסטער ליסטע זיין.

— אַזוי! האָסט זיך נישט געמיאוסט?

עטינעט האָט צוריק אַריינגעלייגט איר רויטן שטיפט אין טאַש אַריין, און מיט קלאַפּ פאַרמאַכט ס'שלאָס.

— באַ!.. די דערפאַרונג האָט נאָך קיינעם נישט געשאַדט.

— יאָ, דעם גלויבן.

— דעם גלויבן, אין וואָס? דו קענסט דיין חיסרון? דו קלערסט צופיל! פאַר דיר זענען אַלע ווערטער פון אַנדערע, ווי קוילן. נישט פאַראַן קיין מורא, ווען מען רירט דיך אָן... נעם דיר אַראָפּ אַ מאָדעל: אַ גוטער מאַטראַץ פון גלייכגילטיקייט! אַנדערש וואָלט איך קיינמאָל נישט געקומען צו מיינע מיליאָנען!

— זיי מאַכן דיך גליקלעך?

— יאָ. איך בין שטענדיק געווען גרייט אויף אַלעם, אַבי צו זיין גליקלעך. שפּעטער, ווען איך וועל שוין האָבן גענוג די פאַרגעניגנס, וועל איך מיר גרינדן אַ היים און קינדער... איך זוך רואיקערהייט. אָט צו וואָס עס נוצט די דערפאַרונג... אַזוי אַמווייניקסטנס וועל איך נישט האָבן וואָס צו באַדויערן. ווי לאַנג מען איז יונג דאַרף מען רייסן בלומען פון גאָרטן! דער־

נאָך קומט דער ווינטער. מען דאַרף נישט זיין קיין שוטה, מיין אַלטיטשקע.

— דאָס איז אָפּהענגיק פון אידעאַל, וואָס יעדער האָט, דיין געדאַנקען-גאַנג לאָזט זיך פּאַרטיידיקן. דאָס לעבן פאַר מיר איז זיך אויסצובעסערן, אַרבעטנדיק פאַרן גליק פון אַנדערע. עס איז פאַר מיר אוממעגלעך צו רעזיגנירן, אַז דאָס נאַריש-קייט און אומוויסנהייט זאָלן אייביק זיך פּאַטשקען אין געמוי-זעכץ, ווי די קי אין שטאַל.

עטינעט פאַרלייגט די הענט אויף די קני און מיט אַ פּי-לאָזאָפישע מינע:

— אַהאַ! זי האָט זיך שוין צעלאָזט.

— איך וועל נישט קענען זיין גליקלעך אַזוי לאַנג, ווי איך וועל זען, ווי די מענטשלעכע בעסטיע שאַפט דורות צום ליידן און צו קרענקען. איך וועל נישט קענען זיין גליקלעך אַזוי לאַנג, ווי איך וועל זען, ווי דער שטאַרקערער עקספּלואַ-טירט דעם שוואַכערן. איך וועל פריער נישט זיין גליקלעך אַזוי לאַנג, ווי ס'וועט זיין אַן אייבזייטיקע גערעכטיקייט און אַ היפּאָ-קריטישע אויבערהערשאַפט!

— דו וועסט קיינמאָל נישט קענען זיין גליקלעך.

— יאָ, איך וועל קענען זיין רעלאַטיוו גליקלעך, אויב איך וועל האָבן די איבערצייגונג, אַז איך בין נוצלעך פאַר אַלע, אַז איך קען דינען דער גאַנצער מענטשהייט, אַזוי ווי עס האָט דאָס געטון אַ קערוואָאיאַל, אַזוי ווי עס טון דאָס אַלע אמתע געלערנטע... אין גרונד גענומען שטיק איך זיך דאָ. איך טו און אַרבעט פון אַ פּראָפעסיאָנעלע דינסט!

— זשוטאנאן זאָל דאָס הערן!

— אַ דאָקטאָר איז עפּעס אַנדערש. זשוטאנאָן פירט נישט אויס קיין מלאכה, נאָר אַ מיסיע. די דאָקטוירים באַקעמפן די קראַנקהייטן, אַלטקייט און דעם טויט. זיי האָבן נישט קיין צייט צו טראַכטן וועגן זיך. דאָס איז ווערט צו באַוואונדערן! פאַרגעסן, אַז מען איז אַ שמאַטע, אַזוי ווי די אַנדערע זיך קענען ווייד-מען פאַר 'עפּעס שיינס, דערהויבנס...

— אָנכאַפּן די לבנה מיט די ציין! (איין האַנט פאַרלייגט אויף אַ זייט, באַטראַכט איר עטינעט) ס׳האָט זיך מיר שוין איינמאָל געלוינט אַזוי זיך אָוועקצולייגן, כדי צו געפינען פאַר דיר אַ פּלאַץ!... (אָפּזיפּצנדיק) אָ! כ׳פאַרשטיי שוין. קוקסט אַזוי הויך אויפן מ ע ק, אַז דער קאָפּ פאַרדרייט זיך דיר אַזש! איך גיי דיר זאָגן, וואָס איך קלער, האַ? דו ביסט צו ערנסט! קום ביינאַכט צו מיר אָנשטאָט זיך צו גריבלען אין דיינע אַרבעטן נעם דיר בעסער אַ געליבטן. נעם דיר צוויי, אויב איינער נודזעט דיך. אַבי וויברירן אין דיין קערפּער! וועסטו ממילא וויניקער וויברירן אין דער פוסטקייט.

— איך נייטיק מיך נישט אין דעם, וואָס דו רופסט אָן אַ געליבטן.

— עס פעלט דיר נישט דאָס?

— וואָס?

עטינעט האָט געזוכט:

— דאָס... דאָס... וויברירן, וואָס!

—אָבער... איך וויבריר...

— מיט וועמען?

מיט אַ וואוילערישע מינע האָט די מאַדאַם אַסיסטענטין גענומען איר סטילא און גרייט צום שרייבן, האָט זי אויפגעהויבן די אויגן:

— ווילסט אויף דעם אַדרעס פון מיין ציין-באַרשט?

דער ענטפער איז זיי ביידע אַזוי געפעלן, אַז זיי האָבן צוזאַמען אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. עטינעט האָט זיך אויפגעשטעלט און דערבענטערנדיק זיך צו איר פריינדין, האָט זי איר אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן אַקסל.

— דו פאַרבאָרגענע! זאָג, ווער איז עס?... (און ווען יענע האָט געשוויגן)... נישט פיין צו באַהאַלטן פאַר מיר סודות.

ספּי שאָקלט מיטן קאָפּ. עטינעט האָט זיך איינגעשפּאַרט:

— דאָקטאָר זשוטאנאן?

ספּי האָט זיך אויסגעלאַכט:

— ביסט משוגע?

— ראוואוסט ?

דאָס מאָל האָט ספּי פאַרגלאָצט די אויגן צום הימל:

—נאָך דאָס פעלט מיר!

— דאם, ער האַלט דאָך אין איין טעלעפאָנירן צו דיר?

— צוליב מיינע אַרטיקלען.

— ווער-זשע דען? איווע באַזעלעק?

— אָ! וואָס רעדסטו! פּראָביר נישט טרעפן, ס'איז בחינם.

עטינעט האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי:

— אפשר, מאריס!...

— אויך נישט.

— ער פאַרגעטערט דיך!

— אַזוי ווי אַ ברודער.

— און דו אים, אַזוי ווי אַ שוועסטער? מ'ווייסט שוין.

ספּי האָט איר געקוקט גלייך אין די אויגן, זיכערזייענדיק אין דער דיסקרעציע פון איר חבר פון אייניקע נעכט.

— אַלזאָ, ווער?... רומסט זיך אפשר גלאַט אַזוי און מאַכסט פון מיר חוזק?...

— ניין.

ספּי, די פּויסט אונטערגעשפּאַרט אונטער דער גאָמבע, זוכט אַ פאַרגלייך:

— ווי אַזוי זאָל איך דיר געבן צו פאַרשטיין? האָסט פריער גערעדט פון אַ גאָרטן... אַלזאָ, שטעל דיר פאָר, אַז אין דעם גאָרטן איז נישט פאַראַן די בלום, וואָס דו האָסט ליב... ביז וואַנען דו וועסט איר נישט געפינען, וואָס וועסטו דער-ווייל טון?

— איך האָב ליב אַלע בלומען!

— ס'איז אמת. איך נישט... דעריבער, ביז וואַנען עס וועט זיך נישט באַווייזן די, וועגן וועלכע עס חלומט מיין האָפענונג, וועל איך ווייטער, פון צייט צו צייט אָפּרייסן אַמאָל די, אַמאָל אַן אַנדערע. און דאָס איך כמעט אָן שום פאַרגעניגן. בלויז אום צו דערהאַלטן ס'גלייכגעוויכט, ווי געגאָ פלעגט זאָגן...

— אָ! צום טייוול!... דו מיינסט, אַז ס'איז אַזאַ חכמה?..

— פאַרוואָס נישט? דער גענוס איז פּונקט אַזאַ נאַטירלע־כער זאַך ווי טרינקען, עסן, שלאָפן... מיטן תנאי אָבער, אַז מען זאָל נישט נאָכגעבן דעם קערפּער מער, וויפל עס איז אים נויטיק, און ווען מען איז פריי אַזוי ווי איך!... ווען מען איז נישט פאַרפליכטעט צו קיינעם!... (זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ)... אין גרונט גענומען, איז דאָך נאָר דאָס, וואָס שאַפט די מיס־פאַרשטענדענישן צווישן מאַן און פרוי. דאָס דאָזיקע געוויכט, וואָס מען לייגט אויף אַן אַקט, וואָס האָט נישט ווען מען נעמט אָן די עלעמענטאַרע פאַרזיכטס־מיטלען, קיין שום באַדייטונג. ווען אַלע אומאָפּהענגיקע פרויען וואָלטן נאָכגעטון מיין ביישפּיל, וואָלט געווען אַסך ווייניקער פאַרריקטע און רעוואָלווער־שאָסן.

עטינעט, וואָס איז ביי איר לייכטזיניקייט געבליבן קאָנ־ווענציאָנעל, האָט אַ טראַכט געטון: „און וואָס איז מיטן געפיל?״ די נייגעריקייט האָט איר אָבער געשטאָכן:

— מעגסט דאָך מיר זאָגן ווער! לאָז זיין דער לעצטער...

— ציייטונגס־חבר, וועלכן דו קענסט נישט... דו ווייסט דאָך, אַז מיינע אינסטינקטן זענען זייער דיסציפּלינירט, און די גימנאַסטיק פאַר דעם באָד יעדן טאָג דערלויבט מיר נישט צו זוכן אַפּט.

— נאָך אַלעם, — האָט עטינעט רעזומירט, — ביסטו ווייניקער פּאָעטיש, ווי דו שטעלסט זיך פאָר. און אויב דו ווילסט וויסן מיין גאַנצן געדאַנק, מוז איך זאָגן, אַז דיין אופן פאַר־שטיין די ליבע איז אָפּשייליך! לויט דיר איז עס פּונקט, ווי זיך מאַכן אַ קאַנע!

ספּי האָט פריילעך אויסגערופן:

— זיי מוחל, אַנטשולדיק! איך האָב געברויכט צוגעבן אַ גרויסע ל צו דער „ליבע״!... אַריין!

עטינעט האָט אַראָפּגעשלונגען דעם „אידיאָט״, וואָס זי האָט געהאַלטן אין מויל, זיי האָבן געקוקט, ווי די טיר עפנט זיך. עס איז אַריין אַ קליין מיידל מיט לעבהאַפטע אויגן:

— מאַדאַם זשאַן בעט אייך אַריין. — האָט זי געזאָגט שטיל. ספּי האָט זיך אויפגעשטעלט.

— צו וואָס ?
— כ'ווייס נישט.
— גוט. זאָג איר, אַז איך קום גלייך.
— און איך אַנטלויף... איך גיי צו דער שניידערין, יאָ, איך בין דיר געקומען זאָגן, אַז מאָרגן עסן מיר ביי מאַריסן... אַזוי אַרום וועלן מיר אַלע קענען זיין צוזאַמען פאַר די ווייַ-נאַכט... (צעקושן זיך) איך האָב שוין אַ וואַסער אין אויער פון די גימנאַסטיק איי צווייען...

## VII

נאָכן אָװעקטראָגן אַן אַרטיקל אין „אדװערסער" איבערן באַרימטן דײַטשן פּסיכאָלאָג שטײַנבאַך איז ספּי אָנגעקומען צום הױז פֿון מאַריס לע גערן און איז באַלד אױף די שטיגן געװאָרן איבערראַשט פֿון אַן אױסערגעװײנלעך שאַרפֿע דיסקוסיע, װאָס האָט זיך געהערט פֿון אינװײניק.

איװע, װעלכע האָט נישט אָנטײל גענומען אין דער דיס־קוסיע, איז איר אַנטקעגן געגאַנגען, און בײַ דער שװעל פֿון סאַלאָן איר געדריקט די האַנט.

— איך האָב אײַך עפּעס צו זאָגן, ספּי.

— אַזױ, און װאָס האַנדלט עס זיך?

דער טומל האָט זיך פֿאַרשטאַרקט. איר דערזעענדיק, איז מאַריאַ, בײַ װעמען די לײַדנשאַפֿט איז געװען צעפֿלאַקערט, איר גענומען פֿאַר אַן עדות:

— נישט אמת, ספּי?... װען אַ מאַן איז מיט אַ פֿרױ, װעלכע געהערט נאָר צו אים אַלײן, װעלכע ליבט אים פֿולשטענ־דיק, האָט ער נישט קײן רעכט, נײן, ער האָט נישט קײן רעכט צו פֿאַרראַטן! (לאַגוען האָט אָנגעהױבן: „ס'איז גאָרנישט קײן פֿאַרראַט...", נאָר זי האָט אים נישט געלאָזט רײדן, דערצײלנדיק װײַטער ספּי)... ער האָט געזאָלט קומען צו מיר אַהײם מיט אַן אױטאָמאָביל. אַ שעה צײַט האָב איך געװאַרט אױף אים בײַם

פענצטער, נישטאָ! און דאָ האָב איך אים אויך נישט געטראָפן. וואָס קען ער איצט טון?... מיט וועמען קען ער איצט זיין?...

— מען קען זיך דאָך אמאָל פאַרשפעטיקן אויך! — האָט מאריס באַמערקט. — אפשר אַ וויכטיק געשעפט...

— אַ צופאַל מיטן אויטאָ, — האָט לאַגוען אונטערגעזאָגט.

— אָדער גאָר איינפאַך, אַ פאַרשטאָפּונג, מען קען נישט אַדורכפאָרן. מאַך זיך נישט, מאַריאָ... ער וועט קומען...

עטינעט האָט איר אָנגענומען ביי דער טאַליע, און פרו-בירנדיק צו צעשטרייטן פון אַן אידעע-פיקס, איר אַוועקגעזעצט לעבן זיך. מאריס האָט איר דערווייל אונטערגעטראָגן אַ גלאָז וויין.

— טרינק, דאָס וועט דיר צעטרייבן אַביסל די געדאַנקען. דיין הוגו איז דאָך נישט פאַרלוירן געוואָרן, צו אַלדי רוחות!... וועסט אים צוריק געפינען...

מאַריאָ האָט אָפּגעשטויסן ס'גלאָז מיט אַזאַ אימפּעט, אַז אַ העלפט פון געטראַנק איז געבליבן אויפן דיוואַן.

— אָ! הע! — מאַכט עטינעט, אָפּווישנדיק אַ פלעק אויף איר קלייד, — ביסט געפערלעך! איך טראָג מיך שוין אָפּ!... אויב ביסט שטענדיק אַזאַ, בין איך נישט מקנא דיין הוגו!

די שפּאַניערין האָט מיט אַ פינצטערע מינע געמורמלט:

— אויב ס'איז, וואָס איך קלער, וועט ער עס טייער באַצאָלן!...

מאריס האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער:

— דער זייגער איז צוואַנציק און אַ האַלב... מיר גיבן אים נאָך אַ פירטל שעה צייט.

כדי זי צעשטרייטן, האָט ער זיך געזעצט צום פּיאַנאָ און אָנגעהויבן שפּילן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין איין נאָט פון מוזיק און האָט דאָך זייער גוט געשפּילט, אַלץ וואָס ער האָט נאָר איינמאָל געהערט...

— גאָר וואַזשנע, — האָט עטינעט געפּסקנט, זיך איבער-בייגנדיק איבער זיין אַקסל... — ווען וואָלסט נאָך געהאַט דאָ אַ טעאַטראָפאָן, וואָלט עס געוועזן קאָמפּלעט. נעכטן האָבן מיר, איך

און ספּי, געהערט בײַ אונז די פאָרשטעלונג פון אָפּערע־קאָמיק. ס'איז געווען אַ מחיה! דאַרפסט עס אויך מאַכן... איך פונדעסטוועגן דאָס דיר אָנשטאָט אַן איי אויף פּסח...

— ביסט צו גוט! נאָר אויב דו ווילסט דורכאויס מיר עפּעס שענקען, וויל איך בעסער אַן אײַנפּאַך איי פון שאָקאָלאַד.

— דאָס האָט נישט צו דעם!

מאַריס האָט געהויבן מיט די אַקסלען (זי מיינט, אַז איך בין האטט!) און זיך אויסגעפרעגט: „וואָס האָט דײַן אַפּאַראַט געזונגען?״ איוועס איז געווען פאַרזונקען אין אַ חלום, שווימענדיק צוזאַמען מיטן רויך פון פּאַפּיראָס.

— קאַרמען, — האָט ספּי געענטפערט.

עטינעט האָט געזונגען:

— „אַפילו דו ליבסט מיך נישט, ליב איך דיך, און אַז איך ליב דיך, היט זיך!״ זאָג נאָר, שפּיל עס!

— ס'איז פונקט צוגעפּאַסט, — האָט איוועס אַרײַנגעשושקעט ספּי אין אויער.

נאָר בײַ די ערשטע טענער פון פּיאַנאָ, באַגלייט פון עטינעטס זינגען, וועלכע האָט זיך צעלאָזט נישט מאַכנדיק זיך פון קיין זאַך, האָט פּלוצלינג אויסגעבראָכן אַ שלאָכצערײַ. דאָס האָט מאַריאָ געוויינט, דער קאָפּ באַהאַלטן אין די הענט. ספּי האָט מיטפילנדיק איר געגלעט די האָר. ווילנדיק איר אָפּ־שטופּן, האָט זי געוואָרפן מיטן קאָפּ און זיך גאָר שטאַרק צעוויינט.

— עס האָט נישט קיין זין, מאַריאָ. ער וועט קומען!

— ער וועט נישט קומען! ער וועט נישט קומען! — האָט די אָרימע פרוי געקרעכצט. — ער ליבט מיך נישט מער...

מען האָט זי אַרומגערינגלט. איר אָפּהערציקער טאָן האָט נישט אָפּגעהאַלטן מאַריסן און לאַגוען פון שמייכלען צוליב איר שפּאַנישן אַקצענט, מיט וועלכן זי האָט גערעדט פראַנצויזיש. בלויז ספּי האָט איר אויפריכטיק באַדויערט, עטינעט און איוועס האָבן באַטראַכט די ווילדע פאָרמען פון אַזעלכע ליידן פאַר איבערטריבן. זי פון שטאַנדפּונקט פון איר אייגן לײַכטזיניקייט, און ער פון זײַן העכערער קאָנצעפּציע וועגן ליבע.

מאריס האָט זיך אָנגערופֿן:

— דאָס פֿירטל שעה איז נאָך נישט פֿאַרביי.

נאָר לאַגוען, וועלכער איז געווען הונגעריק, האָט געזאָגט:

— מען קען זיך דאָך דערווייל זעצן צום טיש, אַזוי וועט מען בעסער הערן, ווען ער וועט אָנקלינגען.

ער האָט זיך איבערגעוואונקען מיט מאריסן: זיי האָבן ביידע געוואוסט וועגן דער נייער ליבע פֿון אַוויאַטאָר, אַן אַרטיסטין פֿון קאַזינאַ דע פּאַרי האָט אים געפּאַנגען... אין דער צייט, ווען מען האָט זיך געגרייט צום עסן, האָט ספּי און עטינעט פּרובירט איינעמען מאריאַ:

— שוין ס'דריטע מאָל, ווי ער וואַרפֿט מיך אַוועק ביי־נאַכט. זאָל ער זיך היטן! איר מאריס זענט זיין פֿריינט, זאָלט איר אים דאָס זאָגן.

דער לעצטער האָט איר באַרואיקט:

— ווען ער וואָלט נישט געהאַלטן ביי קומען, וואָלט איך עס געוואוסט. איר פֿאַרשטייט דאָך אַליין, אַז ער וואָלט עס מיר צוויסן געטון.

און זעענדיק, אַז זי האָט אַוועקגעשטופּט דאָס עסן, וואָס מען האָט איר דערלאַנגט:

— עסט, דאָך!.. ער קומט באַלד.

זי האָט זיך איינגעעקשנט:

— ניין! ניין!... ווען ער וועט דאָ זיין... (זי איז שוין גרייט געווען זיך צו באַפרידיקן מיט זיינע תירוצים און נאָך מוחל צו זיין)... איצט (זי האָט געוויזן אויף איר מאָגן) האָב איך דאָ עפּעס ליגן... ס'וועט גאָרנישט דורכגיין... אָ! איך פֿיל, איך פֿיל, אַז ער בינדט זיך אָפּ פֿון מיר... ער ליבט מיך נישט מער, איך זאָג עס אייך צייט אַ חודש איז מיין לעבן אַ מאַרטיר. איר קענט דאָס נישט וויסן! איך ווער משוגע!..

איר עקזאַלטאַציע איז באמת געווען געפֿערלעך. דער מאָל־צייט האָט זיך געצויגן אָן הומאָר, נישט קוקנדיק אויף דער אָנשטרענגונג פֿון אַלע, אַרויסצושלעפּן די פֿאַרליבטע פֿון איר צושטאַנד. אפֿילו די פּעטע, געענוג איינגעהאַלטענע וויצן פֿון

עטינעט האָבן נישט באַוויזן זי צו דערוואַרעמען. עס האָבן אויך נישט געהאָלפן די ליצנות פון לאַגוּען, וועלכער האָט געוואָלט זיך אויספיינערן פאַר די נייע געליבטע פון „זיין אַלטן מאָריס”. די זשורדאַן־מיליאָנען, וועלכע ער האָט געהאַפט אַרייַנצוקריגן אין זיינע געשעפטן, האָבן זיך אים אויסגעוויזן פאַר די צויבערהאַפטסטע אין דער וועלט. ווען מען האָט געענדיקט דעם דעסערט, האָט זיך פון סאַלאָן דערהערט דאָס קלינגען פון טעלעפאָן. „זיכער, ער”. עס איז אַלעמען לייכטער געוואָרן, אַחוץ מאַריאָ, וועלכע האָט קאַטאַסטראָפאַל אויסגעשריגן: „אַן אומגליק! איך בין זיכער, אַז ס׳איז געשען אַן אומגליק!”

מאָריס האָט זיך גיך אַ לאָז געטון באַגלייט פון דער צערודערטע. זי האָט אַ כאַפּ געטון ס׳צווייטע רערל, אָבער מאָריס, ווילנדיק וואָרענען דעם אָנקלינגער, וועלכן ער האָט גלייך דערקענט, האָט ער געזאָגט: „מאַריאָ, וואַרט! ס׳איז אפשר נישט הוגו... אָ!.. יאָ!.. אַלזאָ, וואָס איז? אָ!.. איך שיק שוין צו מאַריא, שמועס זיך דורך מיט איר”.

זי האָט נערוועז זיך גענומען אויספרעגן. מאָריס האָט זיך דערווייל געזעצט, געבנדיק אַ צייכן זיינע שווייגנדיקע געסט, אַז „ס׳וועט זיין לעבעדיק”. אַלע האָבן זיך צוגעהערט צום קלינגנדיקן און ציטערנדיקן קול: — „קומסט?.. קום, זאָג איך דיר!.. מאַראַ דאַ דעי, טויטסט מיך אָפּ... ס׳איז נישט אמת... דו עסט מיט אַן אַנדערע... ווו ביסטו... הוגו, היט זיך... (זי האָט וואָס אַמאָל גערעדט העכער, און לסוף, נישט קענענדיק זיך מער באַהערשן, גענומען שרייען) ניין, ניין און ניין!.. דו מיינסט, אַז איך בין אַ פרוי פון דיין לאַנד? אַז איך וועל אַלץ פאַרטראָגן?.. פאַרוואָס האָסטו אָנגענומען ווען האָסט געוואוסט, אַז דו קענסט נישט קומען... האָסט נישט געוואוסט? זאָגסט ליגן! אַ ליגן! ס׳איז ליגנט, זאָג איך דיר... נאַ דיר! הוגו!... אָ! ער האָט איבערגעריסן... קאַנאַלאַ!.. מערלוזזאַ!”

זי האָט געטרייסלט דעם אַפּאַראַט און געשריגן אויסער זיך: — ער נאַרט מיך, איך זע אים מיט אַן אַן אַנדערע (זי האָט מיטאַמאָל אָנגענומען אַ באַשלוס) ...Addio! אַלע זענען

אוועק פון טיש. מען האָט איר איינגעהאַלטן, געגעבן צו פאַר־שטיין, זי האָט אָבער גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט: „טאָמער געפין איך אים, וועל איך מיך נוקם זיין!". זי האָט געכאַפּט אין פּאָדערצימער איר מאַנטל און הוט, און נישט אָנ־טוענדיק, נישט אויסהערנדיק מאָריסן, וועלכער האָט איר גע־וואָלט אַקאָמפּאַנירן, האָט זי אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר, אום סאַמע אונטער דער נאָז. זי איז אַראָפּ פון די שטיגן, ווי אַ משוגענע, באַגלייט פון ספּי, וועלכע האָט געעפנט די טיר און איז איר נאָכגעלאָפן שרייענדיק: „מאַריאָ, הערט אויס! מאַריאָ!".

די איבעריקע, אַריבערגעבויגן איבערן פּאָרענטש, האָבן געהאַלטן אין איין רופן... אַ טויבער קלאַפּ פון דער אונטער־שטער טיר... דערנאָך, אין אַ צוויי מינוט אַרום, וועלכע האָבן אויסגעזען אַזוי לאַנג, אַז איווע, אַן אומרויִקער, האָט געזאָגט: „איך וועל גיין זען"... ס'הערט זיך אַ גערויש פון די ווינדע... ספּי קומט אַרויס, ס'פּנים געקאַלעטשעט. — זי איז אַוועק? — וואָס איז דיר? — ס'רינט דיר בלוט פון עלנבויגן! זי גיט אַ צייכן אויף יאָ, און בייסנדיק די אונטערשטע ליפּ איז זי אָן קיינעמס אונטערשטיצונג אַריין אין וואוינונג. איווע האָט באַמערקט ווי זי איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי בלאַס, אַז ער איז צוגעלאָפן און איר אונטערגעהאַלטן. די גאַנצע רעכטע האַנט איז געווען פאַרבלוטיקט. זי האָט דערציילט, אַז זי האָט אָנגעכאַפּט אויפן טראָטואַר, די צערודערטע, אין דעם מאָמענט ווען זי האָט צו־גערופן אַ טאַקסי, דאָס האַסטיק־אויפגעמאַכטע טירל האָט זיך אָנגעשטויסן אָן ספּיס האַנט און מאַריאָ איז, נישט אומקוקנדיק זיך, אַריינגעשפּרונגען אין אויטאָ, אַ זאָג טוענדיק אָן אַדרעס צום שאָפער און צוריק פאַרהאַקט ס'טירל.

— נאָך אַ גליק, וואָס מיר האָבן דאָ אַ דאָקטאָר! — האָט עטינעט באַמערקט.

מאָריס איז אין איילעניש אַוועק אין זיין קאַבינעט זוכן אַ באַנדאַזש, קאָמפּרעסן, ארניק און אַנדערע רפואות. איווע האָט דעליקאַט אַרומגעוואַשן די וואונד און פאַרבאַנדאַזשירט.

„פּאַרטיק! צום גליק איז עס נאָר אויסערלעך. מאָרגן וועט איך שוין נישט ווי טון״.

— אוף! — מאַכט עטינעט, — איצט, אַז דער ברוט איז אַוועק, קען מען אָפּעטעמען!

— פונדעסטוועגן — זאָגט מאָריס, אויפרוימענדיק די פלעשלעך, — וואָלט איך נישט געוואָלט זיין היינט ביינאַכט אין דער הויט פון פורניערן. די בהמה וועט סוף־כּל־סוף ווערן דורך איר אַדורכגעלעכערט.

— ווער זאָל זיך ריכטן אויף אַזאַ משוגעת, — האָט לאַגוען געברומט, — זי האָט מיר פאַרסמט דאָס עסן מיט אירע ווילדע שטיק!

איווע האָט געלאָזן אָנגעוויזן אויף דער אומנאָרמאַלקייט פון דער ווילדער אייפערזוכט: ס'איז זיכער איינס פון די נידעריקסטע פאָרמען פון דער ליידנשאַפט, אַ טראַגישע קאַריקאַטור פון ליבע. דאָס באַרעכטיקט אָבער נישט די שולד פון הוגון.

ספּי האָט לעבהאַפט דערקלערט: „ווען מען הערט אויף ליבן אַ פרוי, דאַרף מען האָבן מוט דאָס איר צו זאָגן״. ביי דער דערינערונג פון דער נאָך פילבאַרער וואונד, וואָס אַלעקסאַנדער האָט איר פאַרשאַפט, האָט זי פאַרטיידיקט מאַריאַ, נישט באַמערקנדיק, אַז זי רעדט וועגן זיך אַליין:

— ס'איז גאָרנישט נויטיק קיין שטאָלץ!.. דער מוסר־השכּל פון דער אווענטורע איז, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין סך מענער, וואָס זענען ווערט מען זאָל זיי ליבן.

— פּאַרדאָן! פּאַרדאָן! — האָט מאָריס פּראָטעסטירט.

איווע האָט באַשטעטיקט:

— ס'איז ריכטיק. עס זענען ווירקלעך פאַראַן ווייניק מענער, וואָס זענען ווערט די ליבע פון אַן אמתע פרוי. איך אָנערקען פונדעסטוועגן, אַז איך פיל אויך מיט מאַריאַ שוין בלויז צוליב איר ווייבלעכקייט.

זיינע העלע דורכזיכטיקע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ טונקלקייט, ער האָט געטראַכט פון אַוויאַטאָר, וועלכער האָט

מיט זיך באַוויזן ווי אָרעם, קליין עס איז דער קוואַנטום ליבע וואָס דער געוויינלעכער מענטש קען פאַרטראָגן... זיין בליק האָט זיך אינסטינקטיוו אומגעדרייט צו דער, וועלכער ער ליבט, און האָט זיך מיטאַמאָל ווידער אויסגעלייטערט.

טיענו, רעאַגירנדיק אויף איר שטייגער, איז נאָך די לעצטע ווערטער פון איווע, אויפגעשפרונגען פון די קישעלעך און זשע־סטיקולירנדיק צוגעלאָפן צו מאָריסן:

— קאַנאַלאַ!.. קאַנאַלאַ!.. טאָמער פאַרראַטסטו מיך אַמאָל!. (זי האָט האַסטיק אָפּגעשטעלט דעם צאָרן און אָפּגעדריקט אַ קלינגנדיקן קוש אויף יעדע זייט פּנים פון איר געליבטן)... קענסט זיך טון, וואָס דו ווילסט, מיין קאַקאָ, דאָס וועט אונז נישט שטערן צו רייטן, ווי לאַנג מיר האָבן חשק!... ווייסט! טאָמער געשעט עפּעס מיט דיין פריינט וועט עס מיך קאָסטן געזונט. כ׳האָב אים אַזוי גינציק!

— גוט! גוט!... — האָט מאריס געשריגן.—אָט איז ווידער איינע, וואָס מאַכט יעלות!... אַ סוף, אַלע! אַלע!... עס בלייבט אונז נישט מער איבער ווי צו ווערן אַלע אוויאַטאָרן. דאָס איז דאָס בעסטע פאַר זיי.

— זיי זענען העלדיש! זיי ריזיקירן זייער לעבן!...

איווע האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס:

— אָבער יעדער מענטש ריזיקירט יעדן טאָג זיין לעבן... אָט צום ביישפּיל אונזער גראָבער לאַגוען...

— העון? — מאַכט דער דאָזיקער, דערהערנדיק זיין נאָמען, בעתן שווערן דרימלען.

— איך זאָג, אַז איר זייט אַ טיפּ פון אַ העלד.

— גאַנץ מעגלעך. אָבער מיט וואָס?

— איר דערממיתט זיך ביי יעדן מאָלצייט מיט דער אכילה!..

— ע! מיין גוטער, — מאַכט לאַגוען, שמייכלענדיק פילאָ־זאָפיש,— פריער אָדער שפּעטער, מוז מען זיך דאָך אַמאָל אַוועק־פּעקלען... לאָמיר־זשע דערווייל געניסן פון אַלע גוטע זאַכן! אויב די אכילה איז אַ מין פאָרם פון פאַרסן, איז עס אָלנפאַלס

אַנגענעם. איך בין נישט זיכער אויב איך בין אַ העלד, אָבער איך קען זאָגן, אַז כ׳בין אַ חכם...

— פון פעטס! — האָט איווע אים געשׁעפּעט, טאַפּנדיק ביי די זייטן. — וואָלט איר כאָטש אויסגעפירט די צוואַנציק מינוטנדיקע איבונגען, אַלע אין דער פרי, וואָס איך האָב אייך פאַרשריבן!

— כ׳האָב פּרובירט, — האָט דער פאַראינטערעסירטער זיך מודה געווען, באַטראַכטנדיק מיט אַ רעזיגנירט אויג זיין בויך... — ס׳איז צו שווער!

— צוליבן פעלן פון באַוועגונג ווערט די מאַשין פאַרפעטסט... איר קענט זיך נישט צוגעוואוינען עסן באַשיידענער, איבער-הויפּט געלומס, וואָס גיבן צו ענערגיע?...

עטינעט איז געשטאַנען פאַר זיי, אין איין האַנט אַ גרויס גלאָז און אין דער אַנדערער אַ פיינע פלאַש 1868-ער.

— אייך, דאָקטאָר, גיב איך נישט.

— קיינמאָל נישט קיין אַלקאָהאָל, אַ דאַנק...

לאַגוען האָט אויפגעהויבן זיין האַלב פול גלאָז און זיך געשפּילט אין דעם מיט פאַרגעניגן. איווע האָט אומרחמנותדיק ווייטער גערעדט:

— צום ערגסטן זענען אייערע ליקערן! מיט דעם סם גיסט איר זיך אַריין בענזין אויפן פייער...

— ס׳איז געזונט! וואָס רעדט איר, דאָקטאָר, ס׳איז דאָך אָ-דע-ווי...*)

ער האָט זיך צעלאַכט אַ צופרידענער פון זיין אַרגומענט, וועלכן ער האָט באַטראַכט פאַר אומבאַשטרייטבאַר.

— ווי ס׳איז אייך באַקוועמער, מיין טייערער... אַ גלאָז מער, ווייניקער אַ וואָך. אַלזאָ, איך בין צו אייער דינסט, ווען איר וועט דאַרפן אַביסל עלעקסיר פון אַ מאַלפע אייך אויפצו-פרישן, נישט אייער שיינקייט נאָר אייער יוגנט.

לאַגוען האָט געשמייכלט מיט פאַראַכטונג:

---

*) בוכשטעבלעך אין יידיש: „וואַסער פון לעבן"

— מערסי! איך וויל בעסער אָט דאָס. נישט פאַראַן קיין בעסערס, ווי אַ גוט ביסל 68-ער פאַרביסן פון אַ האַוואַנאַ-ציגאַר, ווי אָט דער...

ער האָט אַרויסגענומען פון מאַריסנס שאַכטל אַ ציגאַר, און זיך ווענדנדיק צו עטינעט, וועלכע האָט אים באַטראַכט אַן אַמוזירטע:

— זענט איר נישט איינשטימיק מיט מיר, מאַדאַם?

זי האָט אים אָפּגעשניטן:

— דער רופא איז גערעכט. קוקט אָן מיך... (מיט אַן אַקראָבאַטישע פלינקייט האָט זי זיך שטייף אויסגעגלייכט און עטלעכע מאָל אָנגערירט מיט די פינגער די שפּיצן פון אירע פיינע שיך) מאַכט אויך אַזוי!

— איר ווילט, אַז איך זאָל שוין פּלאַצן? — האָט לאַגועגעשפּאַסט, אָפּבייסנדיק דעם שפּיץ פון ציגאַר.

איווע האָט אויסגעפירט:

— בסך-הכל איז דאָך שטאַרבן נישט קיין מופת. לעבן איז יאָ אַ וואונדער. ווען מען גיט אַ טראַכט וועגן די אָן אַ שיעור זאַמד-קערנדלעך, וואָס יעדער איינער פון זיי איז פּעאיק אָפּצושטעלן די לעבנס-מאַשין!

עטינעט האָט געגלעט דעם אָנלען פון פאָטעל.

— ער וועט אונז ווידער אַריינברענגען אין אַ שלעכטע שטימונג, דער דאָזיקער שלעכטער פויגל!... שפּיל אונז עפּעס, מיין קאָקאָ, צו פאַרטרייבן די שלעכטע רעיונות.. (מאַריס איז געגאַנגען אויספירן איר פאַרלאַנג, אינדעם האָט מען געהערט קלינגען דעם טעלעפאָן)... אויב ס'איז הוגו, זאָלסטו מיר געבן דעם אַפּאַראַט.

גאָר דער אינזשיניער האָט געגעבן אַ וואונק צו ספּי:

— ס'איז צו אייך... פון „אַדווערסער".

אָ!... יאָ!... מסיע ראַוואַסט?... גראָד אין אייער אָפּוועזנהייט האָב איך געגעבן אין סעקרעטאַריאַט פון רעדאַקציע אַן אַרטיקל איבער דעם יובילאַר... איר ווילט בעסער אַן אינטערוויו?... מאָרגן אינדערפרי קיין בערלין... וואַרט, איך וועל

זיך באַקלערן... גוט! זאָל זיין, אַהין און צוריק מיט אַן עראָ-
לאַן... איך זאָל נאָר קענען זיין צוריק, דינסטיק... אָפּגעמאַכט
איך וועל באַלד זיין אין אדווערסער... אויב מאַדאַם זשורדאַ
איז דאָ?... יאָ... איך וועל איר איבערגעבן אייער גרוס... אויף
ווידערזען.

און צוריקקערנדיק צו איר פריינדין:

— האָסט געהערט?

עטינעט האָט זיך צעהיצט:

— מיט אַן עראָפּלאַן קיין בערלין! ביסט משוגע? און
דיינע קאָנסולטאַציעס אין אַנשטאַלט?

— היינט איז פרייטיק... די צערעמאָניע קומט פאָר זונטיק.
דינסטיק אינדערפרי וועל איך זיין אין אַנשטאַלט. אויב דו
ווילסט, וועל איך נעמען דיין אויטאָ. רעגע מוז איצט דאָ זיין.
איך וועל געבן אַ שפרונג צו צום „אדווערסער" און קום גלייך
צוריק.

עטינעט, אַ דערשטוינטע און פול מיט באַוואונדערונג, האָט
אָפּגעזיפצט:

— נו, זאָל זיין... מען וועט וואַרטן אויף דיר. ווען ז
האָט זיך עפּעס אריין אין טשייניק... איז גאָרנישט וואָס צו
מאַכן... ביסט אַ נישקשהדיק ווייבל, דיר וואָלט גיכער געפּאַסט
צו זיין אַ מאַן...

— איר האָט גוט געטון אַקצעפּטירנדיק, מיין קליינע,—האָט
מאריס געזאָגט, — איך באַטראַכט שטיינבאַכן פאַר אַ גרויסן גע-
לערנטן. אָ! איך ווייס, אַז איווע איז נישט ביי דער זעלבער
מיינונג, זיין פאַריונגערונגס-מעטאָדע איז גאַנץ אַנדערש, ווי
מיין ברודערס...

— אַנדערש? — האָט איווע אויסגערופן, — עס פאַרשטייט
זיך! איבערהויפּט די רעזולטאַטן! דאָס פאַרבינדן די זריעה-
קאַנאַלן האָט נישט פיל אויפגעטון, אין דער צייט אָבער ווען
דאָס איבערטראָגן יונגע איברים פון חיות, די האָמעאָפּלאַסטישע
מעטאָדע...

— אָ! דער קאַפּ! — האָט עטיגעט איבערגעשלאָגן. באַנוצט כאָטש ווערטער, וואָס מען זאָל קענען פאַרשטיין, אויב איר ווילט, אַז מען זאָל זיך אינטערעסירן מיט אייערע מעשיות! דאָס קאָמישסטע איז, אַז ווי נאָר ס׳טרעפן זיך צוויי געלערנטע פון זעלבן פאַך, קענען זיי זיך קיינמאָל נישט פאַרשטענדיקן!... נו, אַלזאָ, וואָס איז ווייטער?...

מאריס האָט אַן אַמוזירטע געקוקט דאָ אויף עטיגעט, דאָ אויף ספּי, די לעצטע האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון לאַכן.

— ביסט אַ וואַזשנער לץ!... כ׳אַנטלויף.

— איך פאָר מיט אייך, — זאָגט לאַגוען.

ער וואוינט אין געגנט פון „אדוועדסער" און וועט אין וועג אויסשטייגן (איינגעשפּאַרט אַ פּינוועד־פּראַנק). אין דער צייט ווען ער איז געלאָפן זיך אָנטון, האָט איווע אָנגענומען ספּי ביי דער האַנט און איר איינגעהאַלטן:

— צוריקקומענדיק וועט איר מיך שוין דאָ נישט טרעפן... מיין צוג קיין ראַמבויע גייט אָפּ 21 אַזייגער מיט 45 מינוט... אָ! וואָס פאַר אַ שאָד!... איבעריקס, וואָס האָט איר מיר צו זאָגן? נאָך די געשיכטע מיט מאַריאָ...

— הערט, איך וויל אייך מאַכן אַ פאָרשלאָג...

— נישט קיין אָנשטענדיקן? — האָט עטיגעט געשפּאַסט,— איך וועל אים נישט הערן! קום, מאַריס.

זי האָט אים אַוועקגעשלעפּט.

— איך האָב היינט איגדערפרי דערהאַלטן,—זאָגט איווע,— אַ בריוו פון מיין פּאַטראָן... ער שרייבט מיר וועגן אייך.

— פון מיר? האַנרי לע גערן?... ער קען דאָך מיך נישט!

— יאָ. ער ווייסט, אַז איר זענט געווען דער געהילף פון קערוואַאיאל, וועלכער האָט אייך זייער גערימט פאַר אים. מיר האָבן ביז איצט געהאַט אַ יונגע אינטעליגענטע פרוי, וועלכע האָט איצט חתונה...

— עלריס זשאַנין?

— יאָ... זי גייט פון אונז אַוועק, דער פּאַטראָן פרעגט מיך, אויב איר וואָלט געוואָלט איר פּאַרטרעטן...

— איך? אַנרי לֵע גערן ווייסט פון מיר?... ער, וועמענס גרויסקייט איך באַוואונדער אַזוי!...

אַ צעמישונג און אַ פרייד האָט זיך אויסגעדריקט אויף איר פּנים.

— וואָס זאָל איך אים ענטפערן?

— ווען דאַרף איך אָנהייבן?

די צעמישונג און די פרייד האָבן אָנגעפילט אירע באַקן מיט אַ פורפור-רויטע פאַרב.

— וואָס זאָל איך אים ענטפערן?

— ווען דאַרף איך אָנהייבן?

— ווי נאָר איר וועט קענען. דער פּאַטראָן וועט נישט צוריקקומען פריער ווי אין פופצן טעג אַרום. ס'וואָלט גוט געווען, אַז איר זאָלט דעמאָלס זיך קענען שטעלן צו זיין דיספּאָזיציע...

ספּי האָט זיך פאַרטראַכט. נישטאָ קיין איין סעקונדע זיך צו וואַקלען. דאָס איז פאַר איר די רעטונגס-טיר צו דער באַפרייונג, דער מאָרגנשטערן פון איר האָריזאָנט. נישט מער ווי די מורא נישט צו זיין אויף דער הויך פון דער נייער אויפגאַבע — האָט אַביסל אָפּגעקילט אין איר דעם ענטוזיאַזם.

— איר אַקצעפּטירט!

— אַזוי גיך ווי איך וועל געפינען אַ פאַרטרעטערין אויף מיין פּלאַץ אין סאַנאַטאָריום.

— עס פעלן נישט קיין קאַנדידאַטינס!... (ער האָט זיך פריידיק און צערעמאָניאַל פאַרנויגט)... איך האָב די ערע... מיין קאָלעגע!

— וואַרט!... פאַרגעסט נישט, אַז מאָרגן דאַרף די לופט מיך טויפן... איך בין נאָך נישט געקומען צוריק פון בערלין!

ער האָט געשמייכלט און פריילעך געזאָגט:

— אַלע הייליקע פון ברעטאַן וועלן אייך באַגלייטן אין אייער פלי!

איצט האָט זי אויך געשמייכלט:

— אויב אַזוי, פאַר איך רואיק... (זי האָט גערופן)... טיענו! טיענו!... איר קענט גאָרנישט וויסן, אויף וויפל איך בין צופרידן!

עטינעט און מאריס, פּאַרטוליעט, צעשויבערט, דעם שווייס אָפּגעווישט, זענען צוגעקומען:

— טיענו! איך האָב צופיל גליק אין היינטיקן אָוונט. איך מוז זיך מיט עמעצן צעקושן.

עטינעט האָט אָנגעוויזן אויף איווע, וועלכער האָט פּלוצלינג אָנגענומען אַ גלייכגילטיקע מינע...

— ניין! ניין! דיך!

— הער אויף, דערשטיקסט מיך... וואָס האָט איר זיך עפּעס אַלע פּאַרנומען נאָר אויף מיר היינטיקע נאַכט! קוק אָן מיין נאָז. דער דאָזיקער אסטריוגא... (זי האָט אָנגעוויזן אויף מאריסן)... האָט אים אַזוי צעריבן מיט זיין נאָז, אַז עס טוט מיר אַזש וויי!

אַלע האָבן געלאַכט, אַפילו אויך לאגועז, וועלכער איז צוריק אַריינגעקומען.

— אַלזאָ! — זאָגט סֶפּי, — ראַוואסט וואַרט אויף מיר (זי איז אַרומגעלאָפן אין פּאָדער-צימער)... מיינע הענטשקעס! מיין הוט!

— וואָס האָט איר געטון? — האָט עטינעט געפרעגט איווען.

— דערציילט איר נישט! איך וועל עס שוין אַליין זאָגן.

— אַזוי!... (עטינעט האָט געזען, אַז מאריס שמייכלט, קוקנדיק אויף ספּי)... דו ווייסט אויך? דו, אַט אַ באַנדע סעקרעטניקעס!

דער אינזשיניער האָט זיך געריבן די הענט:

— אַ פּאָסטן ביי מיין ברודער... אַלזאָ, מיין קליינע, ביסט זענט צופרידן?

— ס'הייסט, אַז... איך קען נישט אויסדריקן... רעם... די... נו, דאָס וואָס איך פיל!...

מאריס האָט מיט צופרידנהייט אָנגעוויזן אויף איווע

— דאָס האָט ער זיך וועגן דעם געזאָרגט
דער דאָקטאָר האָט אים איבערגעשלאָגן:
— דו האָסט דאָך וועגן דעם געשריבן.

זי האָט זיי בײדע אָנגעקוקט, געװירט און מיט אַ באַוועגונג, אין װעלכער עס האָט זיך אויסגעדריקט איר גאַנצע נשמה, האָט זי אויסגעשטרעקט צו זיי בײדע אירע הענט:

— איך דאַנק אײַך!

דאָס נײַע יאָר האָט זיך גוט אָנגעהויבן.

# פירטער טייל

„פאַראַן נאָר איין גאָט, דאָס איז דער מענטש".
ח. מ.

„אין דער אמתער ליבע הילט די נשמה אַרום דעם גוף".
ניטשע.

I

איינגעהילט אין אַ גומענעם מאַנטל ביז איבערן קאָפּ איז איצט ספּי אויף איר טעגלעכן שפּאַציר, איידער זי גייט אין לאַבאָראַטאָריום. עס פאַלט אַ דינער רעגן... ווי אַ טיוּלענער שאַל פאַר די אויגן, וואָס פאַרקלענערט די ווירקלעכקייט, אַ טיוּל, וואָס קלעפּט און גענצט.

מאַרס, געטריבן דורכן פיבער פון פרילינג, זעצט פאַר זיינע פייכטע אַרומהילונגען. אַפּריל וועט צוליב דעם זיך בעסער פילן. ס'וואַסער פאַלט אומאויפהערלעך אויף די דעכער, אויף די נאַקעטע צווייגן, און פערלענדיק זיך, פאַלן טראָפּנס אַראָפּ מיט אַ גערויש... מען וואָלט געזאָגט, אַ יום-טוב פון טרערן! פון דער ערד הויבט זיך אויף אַ פאַרפום-ריח, וואָס די וואָלקנס האָבן פאַרזייט זיך אויסגיסנדיק...

ספּי זאַפּט אין זיך איינך עם לעבנס-ריח. „עס איז גוט צו לעבן!" רעדט זי צו זיך. אָבער גלייך באַמערקט זי, אַז נישט דער רעגן, נישט די ריינע לופט, נאָר איר אינערלעכע פרייד גיט איר דאָס דאָזיקע גליק צו ווען לעבן. ס'איז מער מאָראַליש ווי פיזיש.

אַ פֿויגל פֿליט פֿאַרבײַ איר מיט אַ פֿריילעכן געשריי. מיט אַ מין שטיפֿעריי לויפֿן און שטויסן זיך די טראָפּנס וואַסער, זשומענדיק, ווי קינדער, וואָס לויפֿן אַרויס פֿון שול. אויף די ביימער קיין איין בלעטל. זי דערמאָנט זיך אין איר שטענדיק גרינעם פּראָוואַנס. פֿונדעסטוועגן איז אָט נאָר דער פּייזאַזש פֿון פּראָנצוייזישן אינזל, וואָס פֿאַרפֿישופֿט אַמשטאַרקסטן, אָט דער פּייזאַזש מיט די נאַקעטע צווייגן און טויטע וועלדער, וואָס קוקן אין אַ פֿאַרוואָלקנטן הימל. אַ וווּנדערלעכע קלישע! דאָס געזונט־קייט אַליין, דאָס גאַנצע פֿרילינג־גרינקייט רייסט זיך ציטערנדיק אַרויס פֿון דאַנען...

זי שפּאַנט אַלץ ווייטער, די שטעק־שיך אָנגעשוואָלן פֿון קלעפּיקן זאַמד. ווען טיענו זאָל איר איצט אָנקוקן ווי זי זעט אויס מיט דעם דאָרפֿישן קליידונג, וואָלט זי זיך שוין איינמאָל צעלאַכט! ס׳איז דאָך אָבער אַזוי גוט צו קענען אַוועקגיין און קומען נישט ברויכנדיק יעדעס מאָל איבערטון די שיך אָדער שטעק־שיך. זעלבספֿאַרשטענדלעך, אַז ביים טיש איז מען אָנ־געטון מיט אַ געוויסע עלעגאַנץ...

ביי דער דערמאָנונג פֿון די שעהן פֿון געמיינזאַם־געמיט־לעכן פֿאַרברענגען, צוזאַמען מיט איווע באַזעלעק און איבער־הויפּט מיט אַנרי לעגערן, ווען ער איז דאָ, ווערט איר בליק לעבעדיקער. פֿון אָנפֿאַנג, פֿילנדיק איר קלײנקייט אין פֿאַר־גלייך מיט זיין הויכער אינטעליגענץ, איז איר געווען אומבאַ־קוועם, מורא האָבנדיק צו ווערן דאָ אַן איבעריקע, טויטע לאַסט. דער עיקר איז איר געווען פּיינלעך אויסצווייזן זיך נישט אינ־טערעסאַנט ביים גרויסן לערער, דערפֿון איז איר טרויעריקייט געשטיגן.

זי האָט נישט געוווּסט, אַז דער געניאַלער מענטש, לעבנדיק אויף אַ גאַנץ אַנדערע וועלט ווי זיינע שכנים, און ווי אַ געפּאַנ־גענער פֿון זיין איזאָלירונג, באַמערקט ער נאָר דאָס, וואָס האָט אַ שייכות מיט זיין וויזיאָנערישן געדאַנק. ער האָט גלייך אָנ־געהויבן מיט איר רעדן, גלייך ער וואָלט פֿאַרגעזעצט אַ געשפּרעך פֿון נעכטן. טיילמאָל האָט ער מיט אַ גוטן שמייכל איר דער־

קלערט די באַדייטונג פון אַ וואָרט, וועלכן מען קען אַמאָל נישט פאַרשטיין... איצט האָט איר באַוווּנדערונג זיך געטאָפּלט צוליב אַ הייסער פאַרערונג צו זיין כאַראַקטער... „אַפּשאַצן אַזאַ מענטש?״ טראַכט זי אָפטמאָל ווען איר בליק בלייבט הענגען אויף אים: „ער איז צו גרויס פאַר ווערטער״.

זי זעט אים אין ריטץ, ווו איווע האָט זי פאַרגעשטעלט פאַר אים. ער האָט געוואַרט אין אַ סאַלאָן, זי רויט פון אויפ- רעגונג, נישט קוקנדיק אויף די באַרואיקונגס-ווערטער פון דאָקטאָר באַזעלעק, די טיר האָט זיך געעפנט, ער איז אַריין. אַ משונה- דיקער בליק, אַ ווייטלעכער אָבער נישט קיין אויסמיידנדיקער. אַ בליק, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַלטעגלעכן לעבן, האָט איר אָנגערירט ווי אַ ליכט פון אַ פּראָזשעקטאָר. אַלס ענטפער האָט זי, צוזאַמענעמענדיק אַלע אירע פיזישע אייגנשאַפטן, מיטן גאַנצן הארצן דאָס אָפּגעגעבן אַ מתנה דעם דאָזיקן איבערמענטש, וועמענס נאָבעלער שטערן האָט איר גערירט.

דערנאָך דערמאָנט זי זיך, אַז ווי נאָר ער איז דערשינען, האָט אַן אַנדערע ספּי, — נישט די, וועמען דער וואַרעמער בליק האָט אַרומגענומען, — געטראַכט: זע, ער איז העכער ווי מאַריס, און מאָגערער. ער זעט גוט אויס. „און וועמען דערמאָנט ער מיך?״ זי האָט אַלעמאָל געקלערט דערפון און קיינמאָל זיך נישט דערמאָנט. די ענלעכקייט איז ביים ערשטן קאָנטאַקט פאַרשוואונדן, צערונען. „אַ מאָדנע זאַך, האָט זי געזאָגט צו איווע, זיין בליק זאַפּט איין און גוט. איך באַזיץ גאָרנישט, איך בין גאָרנישט, און פונדעסטוועגן פיל איך זיך רייכער בלויז ביים געדאַנק, אַז דער אוצר, וואָס איז אין זיין מוח, וועט ווערן אַביסל מיי- נער... אַלנפאַלס וועל איך קיינמאָל נישט קענען אייך גענוג דאַנקען פאַר די אומדערוואַרטעטע ענדערונג אין מיין גורל!״...

און פון דעמאָלט אָן זענען שוין דריי מאָנאַטן פאַרביי ווי זי זעט אים, הערט אים אייַנטענהען מיט זיי, וואָס זעט אויס ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין. ווען נאָך אַן אַרבעטזאַמען טאָג איבער פאַרשידענע פאָרשונגען, פלעגט ער נאָך אָנהויבן אַנט- וויקלען זיינע היפּאָטעזן, אַרונטעררייסן אַלטע פאָראורטיילן, אויס-

בעסערן געוויסע אַספּעקטן פון דער אָפיציעלער וויסנשאַפט, מיט וואָס פאַר אַ קלאָרקייט פלעגט ער דאָס אַנאַליזירן, פאַרטייטשן, קאָנטראָלירן!

נאַטירלעך ווען ער דיסקוטירט מיט איווע, אָבער ער לערנט אויך איר. ער איז גלייך דערגאַנגען דעם גרונט פון זיין שילערין. — „זי וועט זיין אַ גוטע מיקראָסקאָפּיסטין", — האָט ער געזאָגט צו באזעלעקן.

מעכאַניש זעצט זי זיך אַוועק אויף אַ באַנק און מיטאַמאָל גיט זי זיך אַ כאַפּ, וואָס זי האָט געטון. „וואָס פאַר אַ שטות איצט זיך צו זען! פאַרוואָס האָט מיין קערפּער דאָס געטון? ווייל ס'האָט אויפגעהערט רעגענען? ווייל איך בין באַשיצט קעגן דער נאַסקייט דורך מיין רעגנמאַנטל, און ווייל ס'איז צו פרי, אַז דער דינער זאָל שוין האָבן פאַרענדיקט ריין מאַכן דעם זאַל?.. זאָל עס הייסן, אַז דער אויטאָמאַטיזם איז נישט בלינד, אַז ער האָט זיין באַזונדער לעבן! מיין גוטער פאַקאָ פלעגט צוליב דעם זאָגן, אַז זאַכן זענען באַשאָנקען מיט כיטרעקייט, ווייל אָפטמאָל געפינט מען זיי נישט אויף דעם אָרט, ווו די הענט האָבן זיי אַוועקגעלייגט! טויף-פאָטער!.. פאַרוואָס הער איך גאָרנישט פון אים צייט די לעצטע אזהרה מיט זיבן חדשים צוריק? דאַרף איך מיך ווידער געפינען פריער אין אַ סכנה?..

און דאַן איז דער געדאַנק פאַרשוואונדן אַזוי ווי ער איז געקומען.

דער איינפלוס פון דעם קרייז אין וועלכן זי האָט איצט געלעבט, האָט איר גיכער דערווייטערט, ווי דערנענטערט צום פּראָבלעם, וואָס האָט איר אַזוי פאַרנומען... אין בערלין האָט זי בייגעוווינט אַ וואָרט געזאָגט אויפן געביט פון מאַטעריאַליסטישן איבערלעבונג פון דער נשמה, צווישן דאָקטאָר דאקעלד, גלויביקן און דעם פיזיקער לאַבאַסט, נישט-גלויביקער...

בערלין! זי זעט זיך ווידער איבער דער קליינלעכער ערד מיט אירע ליניעס פון אַ געאָגראַפישער מאַפּע, אויף וועלכער די שטעט זענען ענלעך צו הויפנס צעקוועטשטע פליגן און די טייכן צוצינקענע דראָטן...

אַ וווּנדערבאַר-פאַרווירקלעכטער הונדערט-יעריקער חלום פון דער מענטשהייט! אויפהויבן זיך ביזן סאַמע הימל! פליענדיק האָט זי נישט אַזוי געפילט דעם קאָפּ-שווינדלערישן שכרות, ווי צוריקקומענדיק אין קאָנטאַקט מיט דער ערד, ווען זי האָט גע-טראַכט, וואָס עס הייסט די אומדערמידלעכע אָנשטרענגונג, די געאָפּפערטע לעבנס, דער העכסטער גלויבן, אָט דער דאָזיקער גייער זשעסט, וואָס האָט אין פּלוג אויסגעזעען אַזוי פּשוט. שיינ-קייט פון אַ ק צ י ע, וואָס אַנטעקסירנדיק דעם מענטשלעכן גע-דאַנק פון דער אומענדלעכער אויסגעשפּרייטקייט, באַנייט די לעבנס-באַדינגונגען, שמידט אויס פאַר דער נשמה אַ ניי געווער!

„וואָס וואָלט דער טויף-פּאָטער געזאָגט זעענדיק מיך אָפּ-פליען?... יאָ, זיי וואָלטן אָבער געמעגט דערפינדן עפּעס אַן אַנדער זאַך צו שמירן דעם מאָטאָר ווי ריצנאייל, וואָס פאַר אַ נישטגוטיקייטביים האַרץ האָב איך געפילט אַהינפאָרנדיק!"

אמת, אַז זי איז נישט געפאָרן מיט אַ גרויסן פּאַסאַזשיר-אַעראָפּלאַן, נאָר מיטן אייגענעם בּיפּלאַן פון „אַדווערסער". צוליב דעם האָט זי אויך גאָרנישט געקענט אָבסערווירן, ווייל זי האָט כּסדר געבראָכן!

„מאַכט זיך נישט דערפון, האָט דער מעכאַניקער געזאָגט צו איר, צוריקוועגס זאָלט איר זיך זעצן ביי דער זייט פון פּי-לאָט, וועט איר גאָרנישט פילן..."

ער איז געווען פיל מיט התפעלות וועגן דעם ערשטן הידראַ-אוויאָן, וועלכער איז געווען פּעאיק מיטצופירן הונדערט און זעכ-ציק פּאַסאַזשירן.

זי האָט איצט איבערגעלעבט דאָס געפיל, וואָס זי האָט געהאַט, שטייענדיק ביי דעם דאָזיקן באַפליגלטן ריז... זי האָט אים געזען זיך וויגן אויפן טייך, אַרומגערינגלט פון אַ קאָמפּאַקטן המון, וואָס האָט ליידנשאַפטלעך דיסקוטירט: „וועט ער זיך יאָ אויפהויבן, אָדער ניין?" ענדלעך האָט די מאַשין אָנגעהויבן רוישן און אַ מעכטיקער געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער מחנה גלייכצייטיק מיט דעם אויפהויבן זיך פון הידראַ-אוויאָן, וואָס האָט איינגעשניטן אין רוים.

איר אַרטיקל מיט די איינדריקן וועגן דעם, וואָס זי האָט אַריינגעגעבן אין „אדווערסער" (דער לעצטער, וואָס זי האָט אָנגעשריבן, ווייל פון דאַמאָלס אָן איז זי אין ראַמבויע און פירט אַ קייזערלעך לעבן פון אַ שילערין) איז געווען איינדרוקס-פולער, ווי די באַשרייבונג פון דעם וויסנשאַפטלעכן יום-טוב. ווי געניגט זי איז נישט געווען צו די פאַרשוינען פון די לאַבאָ-ראַטאָריומס איז זי דאָך, ווי אסך אַנדערע, געוואָרן מיטגעריסן ביי דעם אָנבליק, ווי די ריזיקע מאַשין שטייגט אויף אין דער לופט, און האָט אגב, אויפן אָרט פאַרשריבן איר ענטוזיאַזם...

„...אָ! עס רעגנט שוין ווידער. נו, מען דאַרף אָנהייבן קלערן פון עפּעס טון! ס'איז שוין נישט אַזוי פרי"... (זי האָט געוואָלט אַ קוק טון אויף איר האַנט-זייגערל, אָבער זי האָט עס נישט געהאַט). זי האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען דעם קירצסטן וועג, וואָס האָט געפירט פאַרביי די מענאַזשעריע; מאַלפּעס-שטייג, שעפּסן-שטייג, שטייגן פון הינט, האָזן, הינער... זי האָט זיך אָוועקגעדרייט פון דאַנען, ווייל די דאָזיקע פאָרויס-פאַרמשפּטע האָבן איר געמאַכט אומעטיק. נאָך אַלעמען, זענען די עקספּערימענטן, וואָס מען האָט אויף זיי געמאַכט, נישט שרעקלעכער, ווי דאָס געפּרעגלעכץ אָדער זופּ, וואָס מען מאַכט פון זיי אַזוי לאַנג, ווי דער מענטש וועט זיין אַ חיות-פרעסער!

יאָ, אָבער די דאָזיקע, וועלכע מען עסט נישט: מאַלפּעס מיט מענטשלעכע בליקן!..

דאָס פּאַלמעסן און אויסשניידן די גלידער פון זיי איז אַ נויטווענדיקייט. אַ באַשטייערונג פון נידעריקערן מין אויף דער פאַרפאָלקאָמענונג פון העכערן מין. עס מוז אַזוי זיין. אָבער דער געדאַנק, אַז ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען מען וועט דאַרפן פאַרפייניקן איר געליבטן שימפּאַנזע טעאָדאָר, אָדער דאָס שיינע פּאָרל לילי און קלאַדוס, האָט אויף איר געווירקט, ווי אַן אַטענ-טאַט. איבערהויפּט טעאָדאָר... דער דאָזיקער שטומער ברודער, וועלכן זי האָט ליב געקריגן. ער איז געווען אַזוי גליקלעך ווען זי פלעגט אים ברענגען אַ שטיקל שאָקאָלאַד... מיט אַ צופרי-דענעם הע! הו! האָט ער זיך באַלעקט און דערנאָך גענומען איר

האַנט און געגלעט מיט די פינגער, אָדער דערזעענדיק איר שנור קרעלן, האָט ער דורך די קראַטן אָנגענומען די בורשטין־קערנדלעך און דעליקאַט זיי געדרייט אין זיינע הענט, אָנשטעלנדיק אויף איר אַ פרעגנדיקן בליק...

איצט איז זיין שטייג ליידיק, ער איז אויף אַ וואַרעם אָרט.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט טריט פון אַ זייטיקער אַלעע.

ווער קען עס זיין?

אָט איז אַ הויכער סילועט איינגעהילט אין אַ ברוינעם רעגנמאַנטל. מען וואָלט געקענט שווערן, אַז דאָס איז זשאָזעף סערווען, דער פאַסטעך פון באמעט... זי דערמאָנט זיך, ווי ער איז געשטאַנען אויפן וועג פון שאַטאָ־רוזש, אַ שטאָלץ געשטאַלט מיט אַן ערנסט פנים און ווייטזעענדיקן בליק... דער דאָקטאָר לע גערן האָט מיט אַ באַוועגונג איר באַגריסט... „אָ! איצט ווייס איך שוין! איך האָב געוואוסט, אַז זיין ענלעכקייט דערמאָנט מיך אָן עמעצן!”

— פאַטראָן, — האָט זי אים געפרעגט, בלויז צוליבן פאַרגעניגן אים אָפצושטעלן און צו קענען הערן זיין קול... — צי זאָל איך ווייטער אַרבעטן מיטן דאָקטאָר עטיען ביים עקזאַמענירן די נעאָפלאַזם, וואָס מען האָט לעצטנס אַרויסגענומען ביי דער היאדריא?... אָדער איר האָט עפּעס אַנדערש מיר צו געבן?

— אַלזאָ גוט, אָבער... (זיין געדאַנק בלייבט הענגען, אַזוי ווי ביי די וועלכע מען וועקט פלוצלינג איבער און רעדנדיק זעצן זיי ווייטער פאָר זייער חלום)... יאָ, פאַרצייכנט די אָבסערוואַציע פון דאָקטאָר עטיען. איך גיי אין מאַלפן־שטייג, וואו איך וועל צוזאַמען מיט באַזעלעקן עקזאַמענירן די צוויי פרימיאָטן.

דורך איינרייבונגען צוויי מאָל אין דער וואָך פלעגט ער פעסטשטעלן ביי זיינע היות די ווירקונג פון זיינע נייע מעטאָדן קעגן ראַק. ער זוכט צו דערגיין די סיבות פון דער קראַנקייט און איר ענדגילטיקע היילונג...

— איך בין זיכער, — זאָגט ספּי אַזוי ווי זי וואָלט געענטפערט אויף זיינע טראַכטונגען, וועלכע זי האָט איבערגעריסן און וועמעס לויף איר אינטואיציע האָט דערפילט. איך בין זיכער,

אַז איך וועט געלינגען אַרויסצורייסן ביים ספינקס זיין געהיימניש...

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ פריינטלעכע איבערראַשונג:

— אָ! אָ! מיר לייענען אין די געדאַנקען... דער ספינקס! יאָ, אים דאַרף מען מנצח זיין: „טרעף, אָדער כ׳שלינג דיך איין!״ זאָגט ס׳מויל פון שאָטן... (ער זיפצט אָפּ)... דאָס פאַרלענגערן ס׳לעבן, אָפּשאַפנדיק דאָס עלטקייט, איז נאָך נישט אַלץ. אויך נישט די אַנדאָקרינאָטעראַפּיע, וועלכע האָט אַדאַנק דעם באַנוצן זיך מיט די סעקסועלע אָרגאַנען פון מאַלפּעס געמאַכט אַ גרויסן שריט פאָרויס... אויך נישט די אַנדערע איבערזעצונגס מעטאָדן, וועלכע האָבן זיך מיר גליקלעכערווייז איינגעגעבן פאַרשטאַרקנדיק די טעטיקייט פון האַרץ און מוח. איך באַנײַ די שאַפונגס-אָרגאַנען, גיב צוריק דעם דערשעפטן אָרגאַניזם זיינע כּוחות, דאָס אַלץ איז זייער גוט. זאָל אָבער עפּעס אַן אומהיילבערע קראַנקהייט זיך געבן אין דער מיט אַ שטעל אַוועק און שרייען האַלט!... אויף ווידערזען.

זי האָט אים באַגלייט מיט אַ לאַנגן בליק, באַדויערנדיק איצט אים נאָך מער ווי זיין לערע, וועלכן זי האָט צו פאַרדאַנקען אירע וויסנשאַפטלעכע קענטעניש. וואָס פאַר אַ שריט פאָרויס באמת, צייט די וואונדערלעכע אַנטדעקונג פון בראַון-סעקאַר פון וועמען מען האָט פריער אַזוי חוזק געמאַכט איידער זיין רום איז גרויס געוואָרן. פונדעסטוועגן, אַדאַנק דער אָפּאָטעראַפּיע, זענען שוין אַזוי פיל לעבנס געראַטעוועט געוואָרן!..

און וואָראָנאָוו! און אַפילו לע גערן אַליין! וויפל מאָל זענען זיי שוין געווען דער אָביעקט פון אַ שאַרפן סאַרקאַזם... דער מענטש-מאַלפּע, מיט וועלכע די וויסנשאַפטלעכע צייטשריפטן פלעגן זיין אָנגעפילט, פונקט ווי מוזיק-האַלן-זשורנאַלן!... נאָר וועלכער דערפינדער האָט זיך עס נישט אָנגעשטויסן ביים צוים פון פאָראורטיילן? די שנאה פון די מפלומרשטע אינטעליגענץ און דאָס אומפאַרשטענדלעכקייט פון די מאַסן, דאָס זענען די געוויינלעכע שטערונג פון די געניעס...

יאָ, געניאַל איז דער מענטש, וואָס האָט צוריקגערוקט

די צייט פון אָפּגעלעבטקייט, באַפרייט די עלטער־יאָרן פון אַלטקייט. דער פּרעסטיזש פון לע גערן איז נאָך געהויבענער צוליב זיין אומגייציקייט. בלויז פון זיין ערשטע שאַפונג, פאַריונגערונג און פאַרבעסערונג פון די איברים, — וואָלט ער געקענט אָנזאַמלען אַ ריזיק פאַרמעגן. ער האָט בעסער געוואָלט ווייטער פאָרזעצן זיינע עקספּערימענטן, דערגיין ביזן ענדציל. זיינע עקספּערימענטן איבער דעם לעבנס־נערוו פון האַרץ, פון די אויגן, זענען טאַקע נישט מער דערווייל, ווי לאַבאָראַטאָרישע פּרוּוון, אָבער פון אַזאַ מענטש איז אַלץ צו האָפן. אַ מענטש? ניין, אַ גאָט!

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אירע געדאַנקען, אָנשטויסנדיק זיך ביים שוועל פון איינגאַנג. אויפהענגענדיק איר מאַנטל און טוישנדיק די שטעק־שיך, האָט זי לעבהאַפט אַ שטויס געטון די טיר און אַריין אין שטודיר־צימער.

פון גערויש האָט איינער פון לע גערנס אַסיסטענטן זיך אומגעקוקט און איר באַגריסט. דער דינער פון דער אָפּטיילונג, מאַרטען האָט זיך אָפּגערוקט איר דורכצולאָזן, זאָגנדיק דערביי זיין געוויינלעכן „גוט מאָרגן, מאַדאַם אַרעלי! ווי פילט איר זיך היינט איינדערפרי?... — זייער גוט, אַ דאַנק!" ער האָט שטענדיק מיט איין אָטעם זיך געפרעגט און גלייך זיך געענטפערט.

„מאַרטען? — האָט זי צו זיך גערעדט, — פאַרוואָס עפּעס אַ נאָמען פון אַ בער אין דער צייט ווען ער איז גאָר ענלעך צו אַ מאַלפּע?" זי מאַכט אַ פאַרגלייך: דער זעלבער נידריקער שטערן, די אייגענע צעפּלאַטשטע נאָז, די זעלבע אַרויסגערוקטע גאָמבע... און זיינע האָריקע לאַפּעס, וואָס זענען זיכער ווייניקער פיין, ווי ביי טעאָדאָרן!... אין גרונט גענומען זענען די מענטשן מאַלפּעס, וועלכע האָבן מער מזל".

## II

מאַרטען איז אַריין שטילערהייט:

— הער פּראָפעסאָר, הער מארוסאן וואונשט זיך מיט אייך צו זען.

אַנרי לע גערן, נישט ענטפערנדיק, אָראָפּגענומען זיין בליק פון דער זאַך, וואָס ער האָט געהאַלטן אין עקזאַמענירן און געגעבן אַ צייכן צו ספּי.

— קומט אַהער און פאַרנאָטירט דאָס דאַזיקע... דאָס איז שוין נישט מער קיין היפּאָטעזע, נאָר אַ באַווייז!

— אַנטשולדיקט, הער פּראָפעסאָר, הער מאָ...

— זאָגט אים אין צען מינוט אַרום! זאָל ער דערוויל אַרומשפּאַצירן אין גאָרטן, איך וועל צוקומען צום מאַלפּן-שטייג.

שטייענדיק ביים גלעזערנעם טיש, וואו דער פּאַטראָן איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבערן מיקראָסקאָפּ, האָט ספּי געוואַרט, האַלטנדיק אין איין האַנט דעם נאָטיץ-בוך און אין דער אַנדערער דעם סטילאָ, גרייט צו שרייבן.

— פון וואָס לאַכט איר?

— פון גאָרנישט.

— עס איז נישטאָ פון וואָס... שרייבט — אָדער ניין, וואַרט אַ סעקונדע... (ער האָט גערופן) עטיען! קומט נאָר אָבער... איך האָב אייך נעכטן געזאָגט וועגן די געהירן-קעמערלעך, אַז ווען

זיי קומען אין העכערן עלטער, צוליב וואָס זייער שאַפונגס־קראַפט ווערט אַזוי שטאַרק דיסקוטירט, בין איך זיכער, אַז אויך דאַמאָלס הערן זיי נישט אויף זיך צו פאַרמערן!... אַלזאָ, גיט איצט אַ קוק... (דאָקטאָר עטיען האָט זיך איבערגעבויגן איבערן מיקראָסקאָפ). איר זעט... די אויסשטיילונגען?...

— זייער דייטלעך.

— אַלזאָ בין איך און קאַפּאַראַסאָ געווען גערעכט קעגן קאַען. (און זיך ווענדנדיק צו ספּי) שרייבט: נערוון־קעמערלעך פון מוח פון אַן אַלטן הונט. מיטאָזישע אויסשטיילונגען זייער דייטלעך... (שוין איז ער געשטאַנען ביי אַ צווייטן אַפּאַראַט, דער אייגענער וואו ספּי האָט אונטער דער אָנפירונג פון דאָקטאָר עטיען עקזאַמינירט דעם אויטאָפּלאַזם פון האַוואַריאַ) באמת אַ גוטער מיקראָסקאָפ! דער שניט זעט זיך אויסערגעוויינלעך גוט אָן... אָ! ווען מיר וואָלטן נאָר געהאַט די מעגלעכקייט צו האָבן נאָך בעסערע אינסטרומענטן!... מיט דער צייט וועט דאָס אויך זיין.

ער האָט זיך אָפּגעוואַשן די הענט:

— און איצט צו מאַרוסאַן! ער האָט שוין מן הסתם אויסגעקליבן זיין קרבן, וואָס וועט אים צוריקגעבן, אויב נישט זיין מענערישן כוח, איז כאָטש זיין נאָרמאַל רעדן!...

— דערפאַר טאַקע האָב איך געלאַכט!... מאַרוסאַן אַ פאַריונגערטער!...

— איר געפינט עס מאָדנע?

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, פאַטראָן, נאָר ס׳איז קאָמיש!

ער האָט פאַרצויגן די ברעמען:

— וואָס איז פאַראַן קאָמישעס ביים אויספּרובירן אַ באַזונדערס דעמאָנסטראַטיוון עקספּערימענט?

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן:

— איך בעט אייך מיר מוחל זיין, איך האָב נישט באַטראַכט די אָפּעראַציע פון דעם שטאַנדפּונקט. איך האָב בלויז אין זינען געהאַט מאַרוסאַן... דאָס פאַריונגערן אַזאַ מין פאַרזעניש איז שיינט מיר נישט ווערט אַן עובר פון אַ מאַ׳פּע

אַפילו פון נידעריקסטן מין!

איצט האָט ער אויך געשמייכלט.

— איר זענט שטרענג צו דער פראַנצויזישע אַקאַדעמיע! מארופאן, מיין קינד, איז אין מיינע אויגן נאָך אינטערעסאַנטער טאַקע דערפאַר ווייל ער איז אַן אָפּגעלעבטער. וואָס שווערער דער באַדן איז צו באַארבעטן, אַלץ פרוכטבאַרער איז זיין קול־טיווירונג ווען עס געלונגט.

זי האָט נאָכגעגעבן:

— אויב פאַר אַ רעקלאַמע־שילד, קען מען טאַקע נישט געפינען קיין בעסערס. אָבער...

— אָבער וואָס?

— ס׳איז פונדעסטוועגן דאָך אַ שאָד מקריב צו זיין גע־זונטע איברים אויף אויפצולעבן אַזאַ מין אָפּפאַל. איז דען כּדאַי צו פאַרקלענערן די אומנוצלעכע זקנה?

— ניין? אָבער הונדערט טויזנט פראַנק האָנאָראַר וועלן געבן דעם דאָקטאָר עטיען און זיינע קאָלעגן די מעגלעכקייט פאָרצוזעצן נייע אַנטדעקונגען. די מלוכה באַרייכערט נישט די וויסנשאַפט. די, וועמען מלוכה מאַכט רייך, קוועטשן קוים עפּעס פון זיך אַרויס, און פון דעם געניסן אַלע.

דאָקטאָר עטיען האָט הסכּמהדיק געשמייכלט. ספּי האָט אַ באַזיגטע אויפגעהויבן די הענט:

— אָ! לערער!... (און מיטן גאַנצן הארץ)... מיין נישט באַרעכנטקייט האָט פאַרדינט אַזאַ לעקציע!

— ניין! איך האָב ליב די אָפנהערציקייט איבער אַלעם, און באַזונדער, יעדע פראַגע קען מען באַטראַכטן פון צוויי שטע־לונגען... אָ! אויב באַזעלעק וועט צוריקקומען פריער פאַר מיר, בעט אים צו פאַרענדיקן די סעקציע פון אַנדערן טייל קראַנקן מוח און זעט מען זאָל איזאָלירן די קראָליקעס, דעם זכר און די נקבה... יאָ, די צוויי ווייסע, וועלכע איך וועל מאָרגן אויס־פּרובירן די הארץ־גלידער. אפשר וועט מיט דער הילף פון פיזישע פאַקטאָרן... אין אַ פירטל שעה בין איך דאָ צוריק... און איר, עטיען, קומט מיט מיר... איך וועל אייך פאָרשטעלן דעם

סוזשעט, און איר ביידע וועט אויסקלויבן דעם פוח-געבער פאַר מארוסאַן...

זיי האָבן געטראָפן דעם אַקאַדעמיע-מיטגליד ביים שטייג פון טעאָדאָרן, מיט וועלכן מארטען האָט זיך גערייצט.

— אָט דע-דער וועט עס זיין מיין רע-רעטער?

מארוסאַן האָט אָנגעוויזן אויף דער גרויסער שימפּאַנזע, וועלכע האָט, דערזעענדיק די געסט, אויסגעשטרעקט צו אים אַ האַנט מיט אַ פריינטלעכן הע! הע!

— באָן זשור, טעאָדאָר, באָן זשור, מיין פריינט. ניין. ער איז רעזערווירט אויף ווייטער צו פּראָדוצירן זיין פּראַכטיקן מין. ווי נאָר ער וועט ווערן רייף...

— ווען?

— נישט פריער, ווי אין קומענדיקן ווינטער.

— ווי אַלט איז ער דען? — האָט מארוסאַן געפרעגט מיט דערשטוינונג.

— פיר יאָר.

דער זקן האָט פון באַוואונדערונג אַראָפּגעלאָזט די אונטערשטע ליפּ, און זיך געריבן די הענט.

— אויב אַזוי וואונדער איך זיך שוין נישט מער, וואָס די דאָזיקע הערשאַפטן פאַרמאָגן אין זיך דעם סוד פון יוגנט!

— אָ! — האָט דאָקטאָר עטיען באַמערקט. — פיר יאָר, איז פאַר אַ מאַלפּע אַזוי פיל, ווי צוועלף פאַר אַ מענטש...

— נישט מער?...

ער האָט אָנגעקוקט טעאָדאָרן אַזוי ווי אַ קינד ביי וועמען מען נעמט צו אַ שיין שפּילצייג און דערנאָך האָט ער אים גרויסמוטיק דערלאַנגט די האַנט. אָבער די שימפּאַנזע האָט מיט פאַראַכטונג זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן.

— אָט דאָרט, מיין טייערער מעטר, — זאָגט דאָקטאָר עטיען, — איז דער פּאַציענט, וועלכן מיר האָבן רעזערווירט פאַר אייך.

ער האָט אָנגעוויזן אויפן שכנישן שטייג, וואו די האַמאַדריאַס האָבן זיך אַרומגעיאָגט. דער וועלכן מען האָט אויסגעקליבן

פאַר מאַרוסאַן, איז געווען דער ווילדסטער פון אַלע. ער האָט מיט אַלע כּוחות זיך איבערגעריסן צו דער שימפּאַנזע. דער אַקאַדעמיקער האָט אָפּגעזיפצט:

— אָ, האמאדריא? אַ שיינער נאָמען, אָבער אַ מיאוסער סוזשעט! אַלנפאַלס וויל איך נישט דעם דאָזיקן, ער איז צו-ק-קליין!

אַנרי לע גערן האָט באַמערקט:

— באַרואיקט אייך, ער האָט אַלץ, וואָס איז נויטיק. ס'איז אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקע חיה.

— זי—זיכער!... ס'הייסט... איך קען אייך זאָגן, אַז איך בין אַ מבין... מיט דריי יאָר צוריק בין איך געווען אין מאָנ-טעווידעא, וואו צוריקקומענדיק פון אַרגענטינע האָב איך געמוזט פאַרבלייבן עטלעכע חדשים, ווייל איך בין דאָ קראַנק געוואָרן. איך האָב דאַמאָלס געקלערט פון פאַריונגערן זיך. מיין דאָקטאָר האָט מיך געפירט צו אַ כי—כירורג... אָט זענען מיר ביידע, איך און די מאַלפּע, אויפן אָפּעראַציע-טיש... מען גרייט אונז צו, מען שלעפערט אונז איין... מען וועקט מיך אויף: „איר קענט זיך אויפהייבן", — זאָגט צו מיר דער כי—כירורג. — „ס'איז געענ-דיקט?" — „ניין! מען האָט אייך נישט געקענט אָפּערירן... די מאַלפּע האָט נישט געהאַט קיין טעס-טעסטיקולן!"

— ס'איז געווען אַ נקבה?

— ניין! ניין!... אַ מאַלפּע פּונקט ווי אָט די דאָ... (ער האָט געוויזן אויפן אויסגעקליבענעם האַמאדריא)... נאָר אונטער דעם ווײ-ווײדל, האָט ער נישט געהאַט דאָס!

ער האָט מיטן נאָגל פון אַ פינגער אַ קלאַפּ געטון אין אַ צאָן. ביידע געלערנטע האָבן זיך איבערגעקוקט און זיך צעלאַכט.

— מאָדנע, האַ? ווי וואָלט איך אויסגעזען אָן טעסטי-טעסטיקול?... וואָס פאַר אַ געשלעכט וואָלט דאָס געווען?.. העז?..

— איך וועל אים אייך באַלד ווייזן. איר, עטיען, וועט אַזוי גוט זיין, אין דער צייט, וואָס איך וועל פירן, הער מאַ-רוסאַן באַזוכן אונזער געבורט-אָפּטיילונג, זאָלט איר גיין אין מיין ביוראָ ברענגען פון דאָרט די נייע קאָלירטע ברעטלעך...

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען די עופות-שטייג.

— איך שטעל אייך פאָר אַ הון, וואָס איז געוואָרן אַ האָן, — זאָגט לע גערן.

— דאָס איז אייער נייעסטע שאַפונג?

— ניין, דאָס איז אַ מאָדעל פון פעזאַר און קאַרי־דרואַ׳ס שאַפונגען, וועלכע האָבן אייגנטלעך דערביי גאָרנישט דערפינדן. הונטער האָט דער ערשטער, אין 1767, איבערגע־טראָגן די טעסטיקולן פון אַ האָן אין אַ הון. דאָס הייסט נאָך מיט הונדערט און דרייאונצוואַנציק יאָר צוריק! דער מאַרש פון אידעען איז אַ לאַנגזאַמער.

מארוסאַן האָט סקעפּטיש זיך אויסגעפרעגט, אויב מען זאָל עס אַדורכפירן ביי מענטשן וואָלט עס אויך געגעבן דעם איי־גענעם רעזולטאַט?

— דערווייל נישט! עס איז אָבער גאַנץ מעגלעך, אַז מען זאָל אינגיכן קענען די אומנאָרמאַלע צוריקגעבן זייערע אמתע געשלעכטס־איינגשאַפטן. מען זאָל צום ביישפּיל מאַכן פון אַ מאַן מיט פרויען־איינגשאַפטן אַ פרוי. און פאַרקערט: פון אַן אוי־סערלעך־אויסזעענדיקע פרוי, וועלכע האָט אָבער אַ גייסט און קראַפט פון אַ מאַן, מאַכן פון איר אַזעלכן ווי זי וואָלט נאַטיר־לעך באַלד געדאַרפט זיין.

— אַנדערש געזאָגט, — מאַכט מארוסאַן אַ פאַרטראַכטער, — איינפירן אַן אָרדענונג אין דער נאַטור?

— פאַרריכטן אירע פעלערן. אַלנפאַלס האָט וואָראָנאָוו מיט זיינע אָפּעראַציעס שוין פיל אויפגעטון ביי דער ענדערונג פון ביידע געשלעכטן.

— אַ וואונ־וואונדערלעכע זאַך!

— ער איז נאָך ווייטער אַוועק. איר האָט געהערט פון זיין באַרימטן עקספּערימענט מיט נאַראַ? אַ שיינע מאַלפּע, אַ נקבה, האָט נאָך אַן אָפּעראַציע, בעת וועלכע מען האָט איר איירשטאָק אַריינגעזעצט צו אַ געוויסע אַמאַטאָרין פון פאַריונ־גערונג... אָנגעהויבן אויסצוגיין. מען האָט אין נאַראַ אַריינגע־זעצט אַן אייער־שטאָק פון אַ פרוי, און מען האָט געפּרוווט איר קינסטלעך צו באַפרוכפערן מיט מענטשלעכע זריעה... נאַראַ

איז שוואַנגער געוואָרן...

— באמת אַ טייוולאָנישע שפּיל! און די פּרוכט?

— די געשיכטע ענדיקט זיך מיט דעם. דער דערשעפּטער אָרגאַניזם פון נאָראַ האָט געמפּילט. ווען מען האָט עס פעסט-געשטעלט איז שוין נישט געווען קיין שפור! נאָראַ האָט עס אויפגעפרעסן.

— הייסט עס, אַז מאַלפּעס מיט מענטשלעכע אָרגאַנען קענען געבוירן מענטשן?

— פאַרוואָס נישט?

מארוסאַן האָט געקריגן אַ באַליידיקטע מינע:

— און די ירושה-אייגנשאַפטן?

— פאַרוואָס זאָלן מיר נישט זוכן צו דערגיין דעם סוד דאָרט וואו ער איז, דאָס הייסט אין די געבורט-קאַמערלעך? עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז ביי אַ געוויסע באַהאַנדלונג פון דער זריעה, זאָל מען קענען דערגיין ביי די אומענדלעך-קליינטשיקע טיילעכלעך זייערע ווירקנדע אייגנשאַפטן און קענען באַשטימען, אויב זיי וועלן זיין מענלעך אָדער ווייבלעך... און אַלס קאָנסעקווענץ קענען דערגרייכן, וואָס פאַר אַ געשלעכט אָדער וואָס פאַר אַן אייגנשאַפטן מען וויל.

מארוסאַן האָט אויסגעשריגן:

— דאָס איז אַן אוממעגלעכע זאַך! איך וועל זאָגן נאָך מער, ס'איז אַ חילול-השם! מען וואָלט מער נישט געקענט זאָגן, אַז דער מענטש איז באַשאַפן בצורת אלוקים.

— מיין טייערער הער מארוסאַן, פּאַסטאָר האָט געזאָגט: „ווען גייסט אַריין אין לאַבאָראַטאָריום צו אָבסערווירן אויסגעפּרוּווטע זאַכן, לאָז איבער דיינע טעאָריעס אין פּאָדער-צימער!...” איך דענק, אַז ג אָ ט איז אַזאַ טעאָריע, ווי אַלע אַנדערע.

דער אַקאַדעמיע-מיטגליד איז געווען אַזוי צעטרודערט, אַז אַריינגייענדיק אין געביידע פון געבורט-אָפּטיילונג, האָט ער געמוזט פריער זיך אָפּווישן דעם שוויס פון שטערן. אינווייניק

ביי אַ זוניקע שויב זענען געשטאַנען פיר שטייגן, וואָס האָבן אַנטהאַלטן עטלעכע צענטליק פון ווייבלעכן מין, וועלכע האָבן ביים אַריינקומען פון די געסט אָנגעמאַכט אַ שרעקלעכן טומל. זענענדיק מארוסאַן זיך דערנענטערן צו זיי, האָבן זיי אָנגעהויבן לויפן, שפּרינגען און זיך וואַרפן אין אַלע זייטן. ביי יעדע פון זיי איז אויפן פּלייצע געהאַנגען אַ קליין האָריק פּעקל, מיט אַ קעפּל פון אַ מענטשלעך אויסזען. נישט קוקנדיק אויף זיינע ברילן האָט ער דאָך נישט דערזען ריכטיק, וואָס עס איז און אויסגערופן:

— אָהאָ! איר גיט זיי גאָר ליאַלקעס?

— ניין, דאָס זענען זייערע זויגלינגען.

— זייערע זוי—זויגלינגען? זיי זעען דאָך אויס ווי קינ-דער-פּנימלעך!

— נישט קיין וואונדער: אין דריטן חודש איז אוממעגלעך אונטערצושיידן, צי דאָס זויגלינג איז פון אַ מאַלפּע אָדער פון אַ פרוי.

— די וועלט קערט זיך איבער! איר ווילט מיר טאַקע איינרעדן, אַז איך זאָל גלייבן אין דאַרווינס מאַטעריאַליזם?

— די היילקע געשיכטע איז דען נישט פול מיט ניסים און נפלאות? אָ! אָט איז עטיען... גיט אַהער!...

ער האָט צוגענומען ביים כירורג די פאַרגרעסערטע פאָ-טאָגראַפיעס, און זיי ווייזנדיק דעם דערשטויגטן מארוסאַן:

— קוקט: די טעסטיקולן פון דער מאַלפּע געפינען זיך נישט אונטערן עק אַזוי ווי ביים מענטש, נאָר איבער דעם.

— דאָס... דאָס... איז—ז—ז אומדערהערט...

די איבערראַשונג האָט נאָך פאַרגרעסערט זיין שטאַמלען.

— איצט פאַרשטייט איר שוין? אייער אורוגווייאישער רופא האָט געזוכט די אָרגאַנען דאָרט וואו זיי זענען נישט געווען.

— אָ!... וואָס פאַר אַן אייזל!

אָדער איינפאַך אַן אומוויסנדער אַזוי ווי אַסך אַנדערע. איבערהויפּט אויף דעם געביט.

מאַרוסאַן האָט נישט געוואוסט, אויב די באַמערקונג איז אויך פאַר אים, און האָט מיט שטאָלץ אַ זאָג געטון:

— גוט! גוט! אַלזאָ, עס בלייבט איצט צו באַשטימען דעם גרויסן טאָג. נישט היינטיקער וואָך... איך גרייט צו אַ ראַפּאָרט פאַר דער אַקאַדעמיע איבער דעם פּריז פאַר צניעות...

— ווען איר וועט נאָר וועלן, ברויכט איר בלויז אַ קלינג טון צום דאָקטאָר עטיען.

— אָפּגעמאַכט. קען איך רואיק זיין, אַז איר וועט אין מיר נישט איינפלאַנצן אַלע מאַלפּישע אינסטינקטן... זעט איר נאָך דאָס פעלט מיר, אַז איך זאָל אין דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע נאָכמאַכן אייערע האָמאַדריאַס, וועלכע זענען צווישן אונז געשמועסט זייער געמיין!

ער האָט פאַרביייגייענדיק אָנגעוויזן אויף זייערע שטייגן וואו זיי האָבן אויפן נאַטירלעכן אופן אַרויסגעשטעלט זייערע לאַנגע רויטע עקן...

אַנרי לע גערן האָט געשמייכלט:

— אַלזאָ, הייסט עס, אַז נאָכדעם, ווי איר האָט געגעסן חזיר, פילט איר אין זיך די אינסטינקטן פון אַ חזיר?...

מאַרוסאַן האָט געזוכט שעלמיש זיך אַרויסצודרייען:

— הום!.. עס איז נישט אַזוי לייכט פונקט פעסטצושטעלן דעם כאַראַקטער פון די אינסטינקטן, איבערהויפּט נאָך פון אַט דעם אינסטינקט.

— איר מעגט זיין רואיק, מיין טייערער מעטר, — זאָגט דער דאָקטאָר עטיען. — דער פאַטראָן וועט עס אייך זאָגן, אַז דער נייער קאַפּיטאַל פון ענערגיע, פון וועלכן איר וועט גע-ניסן, איז נישט אויף צו פאַרשווענדן... און קעגנזאַץ צו דעם, וואָס מען גלייבט, איז גראָד די סעקסועלע פונקציעס, וואָס ווערן אַמווייניקסטנס געשטאַרקט.

— ע! ע! אין מיין פאַל, צוליב דעם, וואָס איך פיל מיך נישט אָפּגעלעבט גייסטיק, וועל איך זיין צופרידן, אַז אויך מיין קערפּער וועט צוריק באַקומען זיין פולשטענדיקע קראַפט!

ביי דעם דאָזיקן געדאַנק איז ער געוואָרן ריידעוודיק,

נאָר מאַרטען איז אין איילעניש צוגעלאָפן צו זיי, האַלטנדיק אין האַנט אַ וויזיט-קאַרטע... מיט אַ וויכטיקע מינע האָט ער געמאָלדן:

— הער פּראָפעסאָר, דער דאָזיקער הער וויל דורכאויס זיך זען מיט אייך.

אַנרי לע גערן האָט אַ וואָרף געטון אַ בליק אויף דער קאַרטע: „ז. ע. מאַרקיז ד׳אַפּאַגאַז, אַמבאַס...״ און געטראַכט: „וואָס וויל ווידער דער דאָזיקער פון מיר?״

מאַרטען האָט מיט התלהבות צוגעגעבן:

— דאַכט זיך, אַז איך האָב גוט געטון, אַריינבעטנדיק אים אין ביוראָ פון הער פּראָפעסאָר...

— ס׳איז גוט. איר וועט מיר אַנטשולדיקן, מיין טייערער הער מאַרוסאַן?... דער דאָקטאָר עטיען וועט אייך באַגלייטן. ס׳איז געקומען צו מיר עמעצער, וועמען איך קען נישט לאָזן וואַרטן...

אַ פּאַראַינטריגירטער איז ער אַריין צו יענעם. דאָס איז געווען אַ קליינער, טרוקענער, טיף-ברונעטער מאַן. די אויגן האָבן פאַרפּוצט דאָס גאַנצע פּנים. זיין עקסעלענץ האָט זיך אויפגעשטעלט, מעכאַניש צוריקגעזעצט, און פאַרריכטנדיק זיין מאָנאָקל, האָט ער מיטאַמאָל אָנגעהויבן:

— אַלזאָ אַזוי. ווי איר ווייסט איז דער זון פון זייער מאַיעסטעט נישט פעאיק איבערצונעמען דעם טראָן, ווייל נישט קוקנדיק אויף דעם אויבערשטנס השגחה איז זיין קעניגלעכער האָהייט, איך מוז עס אייך מודה זיין, אַ תּם... (ער האָט אויס-געטון דעם מאָנאָקל)... דעם אויבערשטנס כּוונות קען קיינער נישט וויסן... בלייבן די צוויי קליינע פּרינצעסינס... דער קעניג וואָלט נישט געוואָלט, אַז זיין קרוין זאָל אַריינפאַלן צו אַוועלכן ס׳איז פּרינץ פון אַן אַנדער צווייג... און שוין אָפּגערעדט צו אַן אַנדערע פאַמיליע... ער וואונטשט זיך בעסער, איידער אַ צעשיידונג אָדער אַ גט — וואָס איז נישט אוממעגלעך אַדורכצו-פירן אין רוים, וועמענס נאָכפאָלגן וואָלטן אָבער געקענט זיין זייער ערנסטע, נעמענדיק אין אַכט די נאַציאָנאַליטעט פון אונ-זער הויכווירדיקן קעניג — איז נאָר אַ... אַ...

— אַ... וואָס?

— אַן אינטערוועניץ, וואָס נאָר איר אַליין...

ער האָט זיך פאַרהאַלטן, שווער אָפּגעאָטעמט, צוריק אַרויסגעזעצט דעם מאָנאָקל און דערנאָך שטילערהייט:

— ווען איר זאָלט איינשטימען צו פאָרן קיין דונעדינאַ, וואָלט מען אייך אויף אַ געהיימען אופן איינגעאָרדנט אין פאַלאַץ, און דאָרטן געבליבן אַזוי לאַנג וויפל ס'איז אייך נויטיק, כדי אַדורכצופירן די אָפּעראַציע אויף דער פּערזאָן פון איר קייזערלעכע מאַיעסטעט ביים איבערזעצן דעם אייער-שטאָק, וואָס אַן איבערגעגעבענע הייליקע שוועסטער... ניין! ניין! ענטפערט מיר נישט גלייך אָפּ... (ער האָט געקוקט לע גערן אין די אויגן אַריין און אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרן שטאַרקסטן אַרגומענט)... איך מוז צוגעבן, אַז אין פאַל, אויב דורך אייער אינטערוועניץ וואָלט געבוירן געוואָרן אַ פּרינץ, קערפּערלעך און גייסטיק געזונט, וועט דער קעניג זיין גליקלעך צו קענען באַשענקען אייער לאַבאָראַטאָריע מיט אַ יערלעכע רענטע פון דריי הונדערט טויזנט פראַנק, ווי אויך דעם פּאַלאַץ פון הערנאַנדעק מיט דער גאַנצע ערד, וואָס געהערט צו אים.

אַנרי לע גערן האָט זיך פאַרטראַכט: אפשר, נישט אָפּע-רירנדיק אַליין נאָר איינער פון זיינע שילער... אָבער אַ גע-דאַנק האָט אים גענומען און ער האָט אָנגעהויבן בייסן זיין אונטערשטע ליפּ. זעענדיק דאָס, האָט דער מאַרקיז זיך אויפגע-שטעלט און מיט אויפרעגונג געזאָגט:

— אַקצעפּטירט! איך בעט אייך דאָס אין נאָמען פון מיין לאַנד!

„...זיין לאַנד! דער הער אַמבאַסאַדאָר פאַרקריכט צו ווייט! וואָס פאַר אַ געמיינזאַמעס האָט אַ גרויסע נאַציע און זיין פאָלק מיט די דינאַסטישע דאגות פון דעגענערירטן?... ווייל לויט ווי מען קען אורטיילן פון זיינע רייד, דאַרף מען נישט די קע-ניגן, נאָר דעם קעניג אויספרישן".

לע גערן האָט באַשלאָסן אַן אַנדער מיטל.

— באַרואיקט זייערע מאַיעסטעטן. ס'איז אינגאַנצן נישט נויטיק אַזאַ אָפּעראַציע, ווי זיי האָבן גערעכנט.

זיין עקסעלענץ האָט זיך צוריקגעוואָרפן, אַ צי געטון די הויזן ביי דער קני, כדי נישט קאַליע צו מאַכן דעם גלייכן קנייטשל.

— וואָס ? איר קענט אויסגעפינען אַן אַנדער מיטל, וואָס זאָל דערלויבן, אַז דער פּרינץ זאָל קענען ירשענען זיין פאָטער?

— זיכער.

— וואָס פאַר אַ מיטל ?

— איז דען היינט נישט גענוג אויף צו הערשן, אַז מען זאָל געפינען אַ גוטן פּרעמיער-מיניסטער, וואָס זאָל זיין פעאיק צו רעגירן ! (איך דאַרף אייך נישט אויסרעכענען קיין באַקאַנטע ביישפּילן) און מען זאָל דערביי זיך האַלטן פאַר גאָטס-אויס-דערוויילטן ?

דער מאַרקיז האָט נישט באַוויליקט צו שמייכלען :

— איר קענט מאַכן, אַז אַ פאַרפינצטערטער מוח זאָל ווערן קלאָר ? מען טאָר פאַר אייך נישט באַהאַלטן, אַז זיין קעניגלעכער האָהייט איז קראַנק אויף... אויף...

— איר האָט שוין געזאָגט אויף וואָס : ער איז אַ תּם !

— אַזוי האָב איך געזאָגט ? לאָמיר אָננעמען, אַז עס איז... עס איז... קינדערישקייט ! (ה' פאַן אַפּאַגאַז האָט אויסגעזען צו זיין צופרידן פון שיינעם אויסדרוק, ער איז אָבער גלייך ווידער געוואָרן ערנסט)... נאָר ליידער איז אַלץ, וואָס די אָפּעראַציע קען נאָר אויפטון, האָט מען שוין פּרובירט אָבער אָן ערפאָלג... טיאָרדיען, פּאַראַטהיראידיען, פּיטוטער.

— בלייבט נאָך איבער צו מאַכן דירעקטע איינפּאַסונגען פון אבֿרים און טעסטיקולן, וואָס מען באַקומט נאָר ביי אַ מאַלפּע, פאַרשטייט זיך.

דער אַמבאַסאַדאָר איז אויפגעשפּרונגען און אַ בלאַסער געמורמלט :

— טעסטיק... טעסטיקולן ! ווי אַזוי לייגט מען דאָס פאַר זייערע מאַיעסטעטן ?... און דערצו נאָך פון אַ מאַלפּע ?... פאַר

זיין קעניגלעכע האָהייט? איר האָט נישט געמוזט באַרעכענען... טעסטיקולן פון אַ מאַלפּע!... ס'איז אוממעגל...

ער האָט נישט דערענדיקט, די אויגן זענען ביי אים געוואָרן אַרויסגעזעצט, ער איז געווען אויף אַן אמת איבערגעשראָקן.

— איך זע נישט, וואָס אַזעלכעס עס קען אייך אַזוי צערודערן. דאָס איז אַ מעטאָדע, וואָס איז פון וואָראָנאָוון אָן געוואָרן קלאַסיש. איך קען אַפילו אייך ציטירן דעם נאָמען פון אַ קרוב פון אייער קעניג...

— זאָל אים גאָט נישט שטראָפן! זיינע משוגעתן גייען קיינעם נישט אָן. אָבער דער פּרינץ, דער טראָנפאָלגער, קיינמאָל!... קיינמאָל נישט!... ס'איז אוממעגלעך!

לע גערן האָט אין דער אויפרעגונג פון דיפּלאָמאַט געזען דאָס פאַרברעכן פון מאַיעסטעט-לעסטערונג, די רעוואָלוציע פון הויף, דער אויפשטאַנד פון די גייסטלעכע... די גאַנצע אַלטע וועלט דרייט זיך איבער.

— אויב אַזוי, — האָט ער אָפּגעהאַקט, — איז נישטאָ וואָס אויפצוטון...

די אויגן פון פאַרצווייפלטן עקסעלענץ האָבן פּלוצלינג אויפגעלויכטן.

— וואַרט נאָר!... נישט די מעטאָדע גופא שרעקט מיך אָפּ, נאָר די הייל-עלעמענטן מיט וועלכע זי באַנוצט זיך... טעסטיקולן פון אַ מאַלפּע!... פאַר זיין קעניגלעכע האָהייט! וואָס פאַר אַן אַוואַנטורע!

לע גערן האָט זיך פאַרנויגט:

— זאָגן מיר זיך אָפּ.

— ניין! ניין!... איך האָב אפשר געפונען אַן אויסוועג... דאָס באַנוצן זיך צו וויסנשאַפטלעכע אָדער גאָר איינפאַך צו סאַניטאַרע צוועקן פון געוויסע טיילן פון אָרגאַניזם פון יונגע געזונטע מענטשן תיכף נאָך זייער טויט, וואָס איז אין פראַנקרייך אַ כמעט אוממעגלעכע זאַך, איז ביי אונז פון די לייכטע זאַכן... אַדאַנק דער אונטערטעניקייט פון אונזערע בירגער צו זייער

הערשער, וועט איר האָבן נישט איינע, נאָר פינף, צען מעגלעכ־קייטן פון האמאגרעפן!

ער האָט זיך אויסגעגלייכט אַ צופרידענער פון זיינע געלונגענע אויסדרוקן, וואָס ער האָט פריער איידער ער איז אַהער געקומען אויף שנעל זיך אויסגעלערנט מיט דער הילף פון זיין דאָקטאָר און ווערק פון דאָקטאָר דארטיגו: „די באַנייאונג פון אָרגאַניזם״.

— איר שטימט איין, טייערער מעטר?

— איך מיין, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען וואָלט אפשר דאָקטאָר עטיען אונטער מיין אָנפירונג...

— אָבער ס׳הייסט... (דער מארקיז האָט זיך געוואַקלט) ס׳מוז בלייבן אַ פולשטענדיקער סוד...

— זייט רואיק, ס׳איז אַ פּראָפעסיאָנעלער סוד.

— אָ! אַ דאַנק, אַ דאַנק!... איך גיי שוין פאָרשטעלן זייער מאַיעסטעט אייער געניאַלע אידעע...

אין דער צייט, ווען ער האָט אָן אַ שיעור געדאַנקט, האָט דער באַלעבאָס אים העפלעך צוגעפירט ביזן דרויסן. ווען דער אויטאָ איז שוין געווען ווייט האָט זיין עקסעלענץ נאָך אַלץ געגריסט...

לע גערן האָט געטראַכט: „...צום ערשטן מאָל וועט דאָס קעניגטום האָבן געבראַכט אַ געוויסן נוצן!... אמת, אַז צוליב פערזענלעכן עגאָיזם... ס׳איז אָבער דאָך כדאי צו פּראָבירן די אָפּעראַציע, ווייל סיי־ווי, פריער אָדער שפּעטער, וועלן זייערע מאַיעסטעטן און האהייטן, ווערנדיק פשוטע בירגער, באַקענען זיך צוגלייך מיט אַלע אַנדערע מיט מעלות פון די רעפּובלי־קאַנישע אָרדענונגען!״.

## III

ספּי לייגט אַוועק איר בוך און זיפצט אָפּ.

זי קוקט אין דער ליידיקייט. די ליידיקייט?... דאָס הייסט דאָס פולקייט פון זאַכן, וועלכע מיר קענען נאָך נישט זען. דערפאַר זאָגט מען, ווען מיר קוקן אויף זיי, אַז מיר זענען צעשטרייט... זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם בליק און ווידער אָנגעהויבן לייענען.

אינדרויסן אין דער שטילער נאַכט שפּאַצירט עמעצער אַרום: דאָס פלוידערדיקע זאַמד דערציילט עס ביי יעדן טריט. פון צייט צו צייט הערט ספּי זיך צו... טיילמאָל וואַרפט זי אַ באַהאַלטענעם בליק צום פענצטער, וואָס גייט אַרויס צום פּאַרק. אַ צווייט מאָל, צום זייגערל, וואָס קלאַפּט אויף איר האַנט. נאָך אַ זיפץ... וואָס איז מיט איר? זי שטעלט זיך אויף און שפּאַרט זיך אָן אין שאָטן... די זריעה פון אַפּריל ווירקט אויף אַלע קערפּערס! די טויזנטער פאַרפומען-ריחות פון דער אויסשפּרייטונג לויפן און פאַרפולן איר סאַלאָן.

דער סילועט פון איווען שניידט זיך אַרויס פון דער פינצטער.

— קומט זיך איבערשפּאַצירן אַ מינוט, ספּי, ס׳איז אַזוי מחיהדיק.

— איך האַלט איצט נישט ביי דעם.

— פאַרוואָס? טרייסלט פון זיך אַראָפּ אַביסל די מעלאַנ־כאָליע, אָדער קומט וויניקסטנס אַרויס איר שלעפן צוזאַמען מיט מיר. זעט: די לבנה שטייגט אויף! זי וועט אונז אָנקליידן אין זילבער אַזוי ווי די צוויי העלדן פון דער לעגענדע. מיר וועלן איבערלעבן אַ סענטימענטאַלן וויטיק... „אָט אַזוי זע־נען זיי פאַרביי די משוגענע שאָף, און נאָר די נאַכט אַליין האָט אויסגעהערט זייערע רייד."

— ניין! קודם כּל איז דער פּאַרק נישט איינזאַם און נישט אייזיק! ער איז וואַרעם! און מיר זענען נישט קיין פאַר־ליבטע... און דער נאַכט-שטערן דערמאָנט מיך פּשוט אין אַ מענטאָווע פּאַסטיל, וואָס איז איינגעוויקלט אין אַ ריזיק גרויסע בלויע פאַרפּאַקונג. נישט אַזוי?... איך זע נאָר נישט וואָס איז פאַראַן אין דער פאַרפּאַקונג.

— אינעווייניק, גאָרנישט.

— איר ווייסט וואָס אינעווייניק איז?

— איך ווייס אַלץ.

— דאָס זאָגט גאָרנישט. אַשאָד וואָס מ'קען נישט אַריינ־קוקן אין די לעכער פון די שטערן!

זי האָט געלאַכט. איווע, אַ צופרידענער פון דער ווענדונג, האָט ווידער אָנגעהויבן:

— און קוקנדיק צוזאַמען...

— ניין... (זי האָט געענדערט דעם טאָן) ווי מיינט איר דער פּאַטראָן וועט אַהיימקומען פרי?

פאַראַן ווערטער וואָס זענען לייכט, און אַנדערע ווידער שווער ווי שטיינער. איווע האָט דאָס דערפילט אין דער סעקונ־דע, אַזוי ווי אַ זאַק מיט בליי וואָלט אַרויפגעפאַלן אויף זיין האַרץ און אַרויסגעדריקט אַ ביטערניש, וואָס איז דערגאַנגען ביז די ליפּן:

— ער פעלט אייך?

— אָט, נאַט אייך אַן איינפאַל!

ספּי הייבט מיט די אַקסל און וואַרפט זיך צוריק אין צימער.

אַ צערייצטע נעמט זי דאָס בוך און באַהאַלט דאָרט איר אויפגערעגט פנים. איווע הייבט ווידער אָן וועגן דעם אייגענעם.

ער מוז מאַכן אַ סוף צו די טרוימערייען... נאָכן נאַכט־עסן, בלייבנדיק מיט איר אַליין אַזוי ווי יעדעס מאָל ווען לע־גערן איז אין פּאַריז, האָט ער פּרובירט איר צו צעשטרייטן, אויפצוהייטערן... ער האָט איר געזאָגט ווי גוט ס׳איז צו זיין אין צווייען. אומזיסטע טרחה אָבער. זי האָט אים געבעטן אַוועק־גיין: „איך בין אין אַ שלעכטע שטימונג, לאָזט מיך אַביסל אַליין.” ער איז אַוועק אין פּאַרק רויכערן אַ פּאַפּיראָס. נישט רויכערן, נאָר בייסן מיט זיינע עסנדיקע געדאַנקען... איבער־הויפּט איין געדאַנק הערט נישט אויף איין מינוט צו עג־בערן. ער בלייבט שטיין, כדי צונויפצונעמען די געדאַנקען.

ער האָט אַזוי אַרומשפּאַצירט ביי אַ פערטל שעה, און ווען ער האָט געזען ספּי ביים פענצטער, איז ער נאָך נישט געווען דעצידירט, ער האָט זיך פאַרגעוואָרפן זיין אומאַנטשלאָסנ־קייט און געטראַכט: „איך וואָלט געוואָלט וויסן, פאַרוואָס זי איז געוואָרן אַזוי קאַפּריזנע, פאַנטאַסטיש?”. מיטאַמאָל האָט ער זיך באַשלאָסן און איז אַריין צו איר אין סאַלאָן. ווי אַזוי הויבט מען אָבער אָן ס׳געשפּרעך?

פאַרזונקען אין אַ טיפן פאָטעל, האָט ספּי, בייסנדיק דעם נאָגל פון אַ פינגער, געמאַכט זיך ווי פאַרטיפט אין לייענען. דער אַבאַזשור באַלויכט איין זייט פון איר פּראָפיל, און די אַנ־דערע זייט איז איינגעהילט אין אַ שוואַרצן שאָטן.

— איר זייט עס איווע?.. ס׳איז שפּאַנענד דאָס דאָזיקע בוך פון דאָקטאָר אסטי.

— וועלכעס? ער האָט אָנגעשריבן אייניקע.

— „די סופּרא־נאָרמאַלע קענטעניש”. ווי אַזוי דערקלערט איר, דאָקטאָר באַזעלעק, דעם פענאָמען פון מעדיומס?

— איך דערקלער עס נישט.

— גלויבט איר, אַז די מעדיומס באַקומען זייער קלאָר־זיכטיקייט פון יענער וועלט?

איווע האָט אָנגעשפּאַרט איין פוס אויפן צוקאָפּנס פון דער

קאַנאַפּע, איין האַנט פּאַררוקט אין קעשענע און שטיל אונ־טערגעפייפט.

— קודם־כּל, וואָס הייסט „יענע וועלט?". אויב איר רעדט פון געשטאָרבענע, גלייב איך נישט... פאַר מיר האָבן טויטע נישט קיין באַוווּסטזיין. אַזוי ווי דאָס לעצטע איז די אויפהאַל־טערין פון דער פּערזענלעכקייט, איז אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין באַוווּסטזיין, איז נישט פאַראַן קיין פּערזענלעכקייט. אַלץ שטאַרבט, ספּי, אַחוץ וואָס די לעבעדיקע זעצן זיך פאָר.

— פונדעסטוועגן... (זי פאַרלייגט די הענט)... אין ברעטאַן, די אזהרה פון מיין פעטער?

איווע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער קאַנאַפּע.

— אַ דערינערונג מן־הסתם... ווער קען וויסן?

— איר האַלט, אַז עס איז אַ צופעליקייט?

— אָדער אַן אומבאַוווּסטזיניק קלאָרזיכטיקייט.

— דאָס איז אוממעגלעך. איך בין געווען ביים פענצטער, ווען דער בייטל איז אַראָפּגעפאַלן פון טיש. אָננעמענדיק אַפילו, אַז איך האָב געהאַט אַן אָנונג וועגן דער געפאַר, דורך אַן אומ־פאַרשטענדלעך מאָראַלישע ווירקונג, ווי אַזוי האָב איך געקענט אומבאַוווּסטזיניק אַראָפּוואַרפן דעם בייטל, זייענדיק אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע, און דריי מעטער ווייט פון טיש?... און איך בין נישט די איינציקע, וואָס האָב איבערגעלעבט אַן ענלעכע פּאַסירונג... אַסך, אַסך אַנדערע זענען געקומען אין באַציאונגען מיט גייסטער דורך גלויבנסווירדיקע געלערנטע.

איווע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

—איך בין צופיל געוואוינט מיט דער אַנאַטאָמישער פּינקט־לעכקייט, אַז איך זאָל מאַכן אַן אויספיר פון אַ מעטאַפיזישער השערה...

— אָבער פון אַ פאַקט, פון הונדערט פאַקטן?

— איך פאַרלייקן זיי נישט, איך האַלט זיי אַפילו פאַר באַוויזן... דאָס אויסטייטשונג איז גאָר עפּעס אַנדערש. מיר דאַכט זיך, אַז מען קען דערלאָזן אין אַן אומבאַוואוסטזיניק דערקע־נונגס־צייכן ביי לעבעדיקע.

— אָבער ווי אַזוי? אָבער ווי אַזוי? לעשל, דערפֿאַר וואָס עס באַשטעטיקט קאַמיל פֿלאַמאַריאָן: דאָס קליינע ייִנגעלע פֿון צוויי און אַ האַלב יאָר, וואָס האָט צומאָרגנס נאָך דער לוויה פֿון זיין זיידן אים געזען ביי זיך אין צימער און גערופֿן צו אים: „זיידע! זיידע!" זיין מוטער און נאָך אַנדערע קומען אַריין, ער אָבער הערט נישט אויף צו פּאַטשן מיט די הענט און רופֿן: „ווי שיין דער זיידע איז, ער איז אינגאַנצן ווייס, ער מאַכט ליכטיק!" און ווען אַלע האָבן געשטוינט, האָט ער געוויזן: „אָט איז ער! דאָ איז ער!"... און דער דאָקטאָר קאַטאַזשיראַן, וועל־כער האָט אָפּגעמאַכט מיט זיינס אַ פֿריינט, אַז דער ערשטער פֿון זיי, וואָס וועט פֿריער שטאַרבן, זאָל געבן דעם אַנדערן עפּעס אַ צייכן, צעברעכנדיק דעם וואַנט־זייגער ביים אַנדערן אין עס־צימער. אַ יאָר שפּעטער, ווען דער דאָקטאָר האָט געהאַט פֿאַרגעסן אין דעם אָפּמאַך, איז דער וואַנט־זייגער ביי אים אין עס־צימער צעבראָכן געוואָרן. נאָכדעם האָט ער זיך דערמאָנט אין טויט פֿון זיין פֿריינט, וועלכער איז געשטאָרבן פּונקט אין דער זעלבער שעה, ווען דער זייגער איז צעבראָכן געוואָרן!.. אַלזאָ?.. איר וועט דאָך נישט זאָגן, אַז מיר זענען אַלע היסטעריקער!

איוועס האָט זיך פֿאַרטראַכט. ער האָט געהאַלטן די פֿינגער ביים מויל, אַזוי ווי ער וואָלט עס אַ מאָס גענומען...

— ניין, איך דענק בלויז, אַז געוויסע פֿילבאַרע זענען באַשאָנקען מיט אַ זעקסטן חוש.

— מיט אַ חוש פֿאַרן איבערנאַטירלעכן?

— יאָ, דער אייגענער, וועלכן פּ אַ ר אַ ס ע ל ז רופֿט אָן דער זעקסטער פּרינציפּ. „וועלכן מען מוז אַנטוויקלען, זאָגט ער, כדי צו זיין אַ גוטער דאָקטאָר".

— נו, איר האָט אים?

— איך האָב עס נאָך נישט באַמערקט!.. איך גריבל מיך נאָר אין דער לעבעדיקער מאַטעריע. דאָס דערלויבט גיכער צו אַוואַנסירן אין האַרץ פֿון פֿיזאָלאָגישן געהיימניש... אַנדערע פֿראַגן, וועלכע די וויסנשאַפֿט איז נאָך אוממעכטיק צו פֿאַר־

ענטפערן, ווײל איך אײנגאַנצן נישט באַרירן. נאָכן טויט וועט נאָך אויף לאַנג הערשן דאָס אומבאַקאַנטע...

— גוט... אָבער דאָס פּאָרויסזעענדיקייט פון אײנצלנע און פון קאָלעקטיוון, די אַנטדעקונגען, וואָס אַ לעבעדיקע פּערזאָן מאַכט אין חושך פון דער צוקונפט ?.. (ספּי האָט געעפנט איר בוך)... נאַט, זעט צום בײשפּיל די רעוואָלוציעס פון דאָקטאָר טאַרדיע, אײנער פון די פיר גרינדער פון אָבסערוואַטאָריע אין מאָנסורי, און פון זײן פּרײנט סאַנרעל... דעם 3-טן יוני 1914 באַאומרואיקט צוליב דעם זען זיך פאַרווירקלעכן דאָס אַלץ, וואָס דער לעצטער האָט אים פאָרויסגעזאָגט, גיט ער דאָס אַלץ איבער שאַרל רישע, וועלכער האָט דאָס פאַרעפנטלעכט אין 1915 אין „די אַנאַלן פון די פּסיכישע וויסנשאַפטן"... זעט!

איווע האָט געמאַכט אַ מידע באַוועגונג.

— איך קען באַשטײן, אַז איר זאָלט לעזן.

— איך דאַרף נישט, איך געדענק עס זײער גוט, פּאַנרעל, — אין דער צײט ווען ער און טאַרדיע זענען בעת דער צווײטער אימפּעריע געווען סטודענטן, איז ער שפּאַצירנדיק אַמאָל אין לוקסעמבורגער גאָרטן, ווי פאַרהיפּנאָטיזירט געוואָרן און געזען פאַר זיך דערשײנען די צוקונפט: — ער האָט מודיע געווען מיט אַן אומבאַשטרײטבאַרער פּינקטלעכקײט, וועלכעס האָט זיך געענדיקט באַשטעטיקט, די מלחמה פון 1870, די באַלאַגערונג פון פּאַריז, זײן אײגענעם טויט, און דאָס געבוירן פון זײן צווײטן זון זיבן חדשים שפּעטער...

— יאָ, יאָ! דערנאָך די חתונה פון טאַרדיע, דער טויט פון זײן ווײב, דער אופן ווי אַזוי זי וועט שטאַרבן, און לסוף די מלחמה 1914, דער פאַרלויף און דער רעזולטאַט... אָבער ווער קען אונז באַווײזן, אַז דער עדות האָט דאָ נישט מער צוגעגעבן ווי איבערגעגעבן? די אימאַזשינאַציע, ספּי, פאַרמאָגט גישט דאָס אומפּאַרטײאישקײט פון אַ מעכאַנישן פאַרצײכענונגס אַפּאַראַט. די אימאַזשינאַציע רופט אַלײן אויך אַרויס בעת מיר רופן איר אַרויס, איך שטעל דאָס אָפנהאַרציקײט פון דאָקטאָר טאַרדיע, העכער פון יעדן חשד. אָבער די פאָרויסזאָגונגען,

וועלכע זענען זיכער נישט געוואָרן פֿאַרשריבן אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט זיי געמאַכט, האָבן געקענט אין פֿאַרלויף פֿון דער צייט ווערן אומבאַוואוסטזיניקערהייט פֿאַרענדערט. קיין זאַך איז נישט אַזוי עלאַסטיש, אַזוי באַוועגלעך ווי דער זיכּרון. איבערהויפּט נאָך, ווען עס האַנדלט זיך אין זאַכן, וואָס דאַרפֿן נישט באַלד געשען.

— אַלזאָ, איז עס גאָרנישט, אמת?

— אַלץ איז מעגלעך, אמת, וועד קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז דאָס איז אמת? איז נאָך פֿאַראַן אַ מער אומזיכערע זאַך ווי דער אמת? אָט איז ער, און אָט ווערט ער שוין פֿאַרענדערט.

זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט פֿאַר איווע.

— אויב קיין זאַך איז נישט אמת, אויב מיר לעבן נאָר אין דער אומזיכערקייט, איז שוין בעסער, אַז מיר זאָלן זיך לייגן און נישט מער אויפֿשטיין!

בײַ די לעצטע ווערטער איז זי צו צום דיוואַן און איז אויף אים אַרויפֿגעפֿאַלן. איווע האָט זיך אויך אויפֿגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו איר און מיט אַ ווייך קול געזאָגט:

— דאָס איז דאָס געהיימניס גופֿא, וואָס גיט דאָס לעבן אַזאַ ליידנשאַפֿטלעכן אינטערעס, ספּי.

זי האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ.

— בײַ וואָס זיך אָנהענגען איצט?

— בײַ וואָס?

ער האָט זיך נישט דרייסט אין דער העלפֿט אַנידערגעזעצט אויפֿן דיוואַן.

— בײַ דעם, וואָס שאַפֿט דעם גלייבן און לעבן... די ליבע...

אַ פֿאַרחלומטע זאָגט ספּי נאָך:

— די ליבע!

— יאָ... פֿון דער צייט אָן, וואָס איך ליב, צווייפֿל איך נישט מער אין פּסיכישן כּוח פֿון געפֿילן.

ער פֿאַרשט אויף דעם פֿאַרזונקענעם פּנים דעם דעפּעקט

פון זיינע ווערטער. ספּי זעט אויס ווי זי וואָלט זיי גאָרנישט געהערט. פאַר איר איז פלוצלינג אויסגעוואַקסן דאָס געשטאַלט פון אַנרי לע גערן: ערנסט, שמייכלענדיק, אַ פּאָרטראַכטער, אַריבערגעבויגן איבער איר, כּדי איר צו דערקלערן דאָס, "וואָס זי פאַרשטייט נישט... אָט דעם דאָזיקן אויסדרוק האָט זי פאַר זיך און קוקט אָן אויפהער דערויף. אין דער צייט רעדט איווע צו איר. זי זעט נאָר יענעמס אויגן, יענעמס טיפן בליק... דער פּאַטראָן מאַכט קיינמאָל נישט קיין באַוועגונג פון אומגעדולדקייט, אַזוי ווי מען טוט עס אין געוויינלעכן לעבן... "דן אויגן זענען דער שליסל פון מוח".

— וואָס?

זי איז אויפגעשפּרונגען, זי האָט געטראַכט אויפן קול, איווע באַטראַכט איר... דערנאָך פרעגט ער:

— פון וועמען האָט איר געטראַכט?

זי שאָקלט, לאַכנדיק, מיטן קאָפּ. ער ווערט בייז, שטעלט זיך אויף און מאַכט דריי טריט.

— ס'איז נישט קאָמיש... ס'איז אַפילו טראַגיש! (ער קומט צוריק און פלוצלינג מיט אַן ערנסטן טאָן)... אויב איר ליבט אים אויף אַן אמת, ווייסט איר, אַז איך וואָלט אים געהאַסט! איך, דער, וואָס פאַרערט אים!... ווייסט איר, אַז איך וואָלט אַוועק פון דאַנען?

מיט אַ פרייע באַוועגונג שטרעקט זי צו אים אויס די הענט.

— איר וועט דאָס נישט טון.

ער זיפצט אָפּ.

— איר ליבט אים!

— אייך ליב איך אויך.

ער האָט געהויבן מיט די אַקסלען.

— לאָזט צורו! מען ליבט נישט קיין צוויי פּערזאָן אויף אַמאָל.

— יאָ! נישט אויף דעם אייגענעם אופן.

ער הייבט אויף אַ האַנט, וועלכע פאַלט גלייך אַראָפּ.

— אָט דאָס איז עס. מיך אינטערעסירט נאָר איינע. דאָס

איז יענע, וועלכע ליבט אים, און נאָר די דאָזיקע ליב איך.

זי פּרובירט צו שפּאַסן. עס געלינגט איר אָבער נישט:

— אָט אַ פרישע נייעס!

— איר ווייסט עס שוין פון לאַנג... (ער זעצט זיך ווידער לעבן איר) זייט אָפנהערציק. איר זייט פאַרליבט אין פּאַטראָן?

אָנשטאָט אַן ענטפער, פאַרגראָבט זי איר קאָפּ אין די קישעלעך.

איווע נעמט אָן איר האַנט, וועלכע זי ציט גלייך צוריק אַרויס. די הענט פאַרבויגן איבערן קאָפּ, דאַכט זיך איר, אַז מען זעט נישט אירע טרערן. די אמתע ליבע דאַרף אָבער נישט קיין אויגן צו זען: מיט ווייטיק נעמט איווע אויף איר לאַנגע ווידוי. דאָס מאָל האָט ספּי נישט אומקוקנדיק זיך צו אים אויסגעצויגן איר האַנט, וועלכע ער האָט אָנגענומען און געדרוקט:

— און ער... ער ליבט אייך?

— איך גלייב עס נישט... (די שפּאַנונג האָט נאָכגעלאָזט. זי פילט, אַז זי דאַרף זיך אַנטשולדיקן)... באַדויערט מיך, אויב איר ליבט מיך אַביסל... (ער וויל אַרויסנעמען זיין האַנט, נאָר זי האַלט אים לייכט צו)... ניין, בלייבט אַזוי... איר מוזט מיר העלפן זיך באַדענקען, ווייל ס'איז אמת, אַז איך ליב אייך ביידע. עס דאַכט זיך מיר, אַז איך וואָלט אַסך געליטן, אויב איך וואָלט מיטאַמאָל געוואָרן צעשיידט פון אייך.

— און פון אים?...

זי האָט געזוכט ווי אַזוי אויסצודריקן איר געדאַנק. אָבער ווען אַ קוואַל איז אויפגעבראָכן, ווי אַזוי קען מען דאַן זען זיין גרונט? זי האָט אַלזאָ, אַזוי רעזומירט:

— ער איז פאַר מיר, גאָט. איך באַוואונדער זיין אינטעליגענץ... אייערע אויך... אָבער...

— אָ! דאָס וואונדערט מיך גאָרנישט. ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אַ פרוי זאָל ליבן אַ געניאַלן מענטש.

ספּי רוקט זיך צו און הייבט אָן מיט איר געוויינלעך קינדערישן קול.

— איר פאַרשטייט דאָך, נישט אמת?... איך בין אַזוי

אָפּט ליבן אים... ער איז אַזוי צוציענדיק... ווי אַזוי קען מען ביישטיין קעגן זיין מאַגנעטיזם?... ער פאַרמאָגט אַלץ אויף צו געפעלן. א ליבלעך פּנים, אַן עלעגאַנטן קערפּער, א מעלאָדיש קול... און וואָס פאַר אַן אויטאָריטעט! עס איז באמת נישט מיין שולד, אויב איך קען נישט ביישטיין דעם צויבער... זאָל עס זיין פון ליבע?

— זיכער.

— פאַרוואָס זאָגט איר, זיכער?

— ווייל אַלץ האָט מיר געזאָגט...

מיט אַ האַסטיקן אימפּעט איז ספּי אויפגעשפּרונגען. איווע אויך. דער טעלעפאָן האָט געקלונגען: „ס'איז ער". — מאַכט זי. זי איז רויט געוואָרן און מיט אַ פאַרשעמטן בליק זיך צוריק אוועקגעזעצט און געמורמלט:

— גייט איר צו!

איווע איז שוין פריער געווען ביים אַפּאַראַט:

— אַלאָ!... יאָ... ביטע!... אַלאָ!... וואָס?... ווער איז ביים טעלעפאָן? וואָס איז געשען? איך פאַרשטיי נישט... מאַדאַם אַרעלי? יאָ, יאָ...

אַ באַרואיקטער, — „עס איז נישט דער פּאַטראָן!" — דערלאַנגט ער איר דעם אַפּאַראַט. איצט האָט זי גענומען אויספרעגן: — „ווער איז דאָרט?... ווער וויינט?... ווער?... איך מאַדאַם רוסטאַן? (אַ דענערווירטע טופּעט זי מיטן פיס)... איר הער נישט קיין וואָרט... איך בעט אייך, באַרואיקט אייך... וואָס איז געשען?... אַ פאָרפאַל מיט טיענו?... וואָס?... אָ!... וואו?.. אין קליניק אויף רו-וויאלע?... יאָ, יאָ, כ'ווייס וואו... כ'קום שוין צו לויפן... יאָ, אויף גרענעל, כ'ווייס. — אַ צעהיצטע הענגט זי צוריק דעם אַפּאַראַט. פון אויפרעגונג האָט זי אָנגעהויבן שטאַמלען:

— ס'איז שוידערהאַפט... טיענו... אַן אומגליק... אויף שאַן-זעליזע... פון אויטאָ איז פיצלעך... זי איז אינגאַנצן אין בלוט... די דאָקטוירים באַטראַכטן זי איצט. מען ווייסט נאָך

גאָרנישט... (ס׳געוויין שטיקט איר) די אומגליקלעכע!... איך מוז שוין אַהין צו איר.

— איך פיר אייך אַהין.

ער האָט איר האַרציק אונטערגעהאַלטן און אַוועקגעפירט. די מורא, אַז דאָס פלוצלינגע געשעעניש האָט אַרויסגערופן אַ ווייטיק ביים טייערן וועזן, האָט אין אים נאָך שטאַרקער געמאַכט דאָס געפיל און דער ווילן איר צו באַשיצן.

## IV

אַ שנעלער אומענדלעכער וועג... „זי וועט שוין אפשר זיין טויט ווען מיר וועלן אָנקומען!" האָט ספּי געוויינט. איוועס איז געפאָרן מיט דער גרעסטער שנעלקייט, נאָר פאַר איר אומגעדולדיקן אומרו איז עס נאָך געווען נישט גענוג גיך.

ענדלעך, ווי נאָר זייער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים טראָטואַר פון רו וויאָלע, האָט זי דערזען רענע אַן אומבאַוועגלעכן ביים אויטאָ, וואָס האָט אַהערגעבראַכט די מ. רוסטאָן. ער האָט זיי געניוי איינפאָרמירט... „ס'איז געשען אויף רו וואַשינגטאָן מיטן אויטאָ פון מאָסיע האָטט, וועלכער איז געפלויגן ווי אַ משוגענער!..." ער איז אַרויף אויף אַ משא-אויטאָמאָביל, וואָס איז פאַרביי געפאָרן, און האָבן זיך אַזוי איינגעגראָבן איינס אין אַנדערן, אַז מען האָט קוים מיט מי געקענט אַרויסשלעפּן די מאַדאַם, וועלכע איז געלעגן פון הינטן... אים האָט ווייזט אויס גאָרנישט געשאַדט, אַפּאָר לייכטע צעשעדיקונגען... ער האָט זיך געהייסן אָפּפירן צו זיך אַהיים... וואָס פאַר אַן אומגליק! די פּאַסקודניאַקעס שאָדט עס קיינמאָל נישט!...

מיט אַ שווער הארץ זענען זיי שנעל אַריין אין קליניק. אין הויז האָבן זיי דערהערט ווי מ. רוסטאָן, וועלכע איז אַרויסגעקומען פון דער קראַנקערס צימער, האָט גערעדט מיט דער קראַנקן-שוועסטער. זיי האָבן זי פאַרוואָרפן מיט פראַגן. נאָר

זי האָט נישט אויפגעהערט צו קלאָגן אויף איר טאָכטער גלייך זי וואָלט שוין נישט געלעבט, און געשאָלטן ליאָוגעל, וועלכער איז אהיים געפאָרן זיך לייגן, מער צוליב דער מורא פאַר ווייטערע פאָלגן ווי צוליב ווייטיק... איצט איז מאריס אָנגעקומען. ביי דעם אָנבליק פון זיין אָנגעצויגן פנים, רויטע אויגן און פאַרמאַטערט מויל האָבן זיי זיך געריכט אויפן ערגסטן.

אָבער ניין. טיענו לעבט נאָך. זי איז נאָך נישט צוריקגעקומען צום באוווסטזיין, נאָר די געפאַר שטעקט נישט אין דער ווי אויך נישט אין איר צעבראָכענער האַנט. די געפאַר איז געווען אין איר צעריבענע ניר, ס'איז נאָך א נס וואָס זי איז נישט געשטאָרבן באַלד אויפן אָרט! דאָס בלוט איז געפלאָסן דורכן פענכאַזש, די דאָקטוירים קענען זיך נישט אַרויסזאָגן פריער ווי אין אכט טאָג אַרום, און האָבן פאַרבאָטן יעדן באַזוך...

עס האָבן נישט געהאָלפן קיין רייד. ספי און איווע זענען שווייגנדיק צוריק אוועקגעפאָרן. צומאָרגנס האָט זי צוויי מאָל טעלעפאָנירט, די ווייטערדיקע טעג איז זי אַליין אהין געפאָרן און געווען פיל מיט עגמת-נפש, וואָס קען מיט גאָרנישט זיין נוצלעך. אפילו נישט פאַר מ. רוסטאָן, וועלכע האָט באַקומען אַ דערלויבעניש צו שלאָפן אין א שכנישן צימער... אויפן פינפטן טאָג האָט די אַלטע איר געבעטן אַרייַנגיין צו דער טאָכטער, אויף איין מינוט: „זי רעדט פון היץ, איר האָט זי נאָך נישט געזען, וועט איר מיר זאָגן וואָס פאַר אַן איינדרוק זי מאַכט... זי דערקענט מיך נישט..."

ספי איז אַריין, און איז פלוצלינג געווירט ביז טרערן זעענדיק וואָס ס'איז געוואָרן אין דער קורצער צייט פון טיענו. א שוואַכע פאַרצעלאַנענע פופע. זי האָט געשטאַמלט מיט פאַרמאַכטע אויגן און אַן אָפגעהאַקטן אָטעם: „גאָט! גאָט! ראַטעווע מיך! ס'איז פינצטער... איך האָב מורא!"

די קראַנקן-שוועסטער האָט איר איינגענעצט דעם שטערן, מיט אַ שטיל קול האָט זי געזאָגט צו ספי:

— ווי נאָר די היץ שטייגט, הייבט איר אָן פייניקן דער געדאַנק וועגן טויט. בלייבט נישט דאָ, מען קען גאָרנישט

אויפטון. אויף די פראַגן האָט זי געענטפערט, אַז לויט איר מיינונג איז דער היינטיקער טאָג אַריבער בעסער ווי די פריעריקע, און אַז מען דאַרף נישט פאַרלירן די האָפענונג. די קראַנקע האָט דערווייל געקריגן אַזאַ אַטאַק פון מורא, אַז מען האָט ספּי געמוזט אין איילעניש אַרויספירן. מאַדאַם רוסטאַן האָט זי אונטערגעהאַלטן, ווייל זי האָט געהאַלטן ביי חלשן.

אַ ווייַנענדיקע איז זי צוריקגעקומען קיין ראַמבוּע. נאָך גוט איר קופּע אין וואַגאָן איז ליידיק!... ביים אָנקומען האָט זי געפילט דאָס באַדערפעניש פון האָבן לעבן זיך אַ פריינט, נאָר איווע, דאָקטאָר עטיען און ניוועז זענען געווען אין פּאַריז אויף דעם יאָרלעכן באַנקעט פון די „געוועזענע אַסיסטעטן" און ה. לע גערן האָט טעלעפאָנירט פון קאַלעדוש דע פראַנס, אַז ער וועט וואָרשיינלעך היינט נישט אַהיים קומען.

וואָס טון ביזן נאַכט-עסן? איינע אַליין ביים טיש פון גרויסן ליידיקן עס-צימער. אַ טרויעריק פינצטערקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף דעם דאָזיקן אָוונט. „איבריקנס, איך בין נישט הונגעריק, וועל איך מיך גיין לייגן אומגעגעסן... כדי צו פאַרטרייבן די צייט וועל איך דערווייל אַרבעטן". זי זעצט זיך אַוועק אין ביבליאָטעק פון לאַבאָראַטאָריע און אַרבעט ביי די פאָרשונגען איבער „נאָטיצן וועגן הערעדיטיזם", וואָס דער פּאַטראָן האָט זיך גענרייט אַרויסצוגעבן. אָבער סוף-כל-סוף האָט זי אַוועקגעלייגט די אַרבעט. ס׳איז נישט געגאַנגען.

איר עצמת-נפש האָט איר כסדר אַרויפגעבראַכט אויפן געדאַנק וועגן טיענו. „אפשר איז זי שוין געשטאָרבן!" זי האָט אָפּגעזיפצט, זיך דערנערווירט, קוקט זיך איין מיט שרעק אין די טונקעלע ווינקלען פון שטוב. זי ציטערט אויף: „ווי אומבאַדייטנד איז דאָס גלייכגעוויכט! אַ שטיקל געפיל איז גענוג אויף צו פאַרלירן דעם קאָנטראָל איבער זיך". כדי אים צוריק צו געפינען דערדריקט זי אין זיך די מורא — „איך האָב נישט וואָס מורא צו האָבן. איך בין שטענדיק געווען אַ גוטע פריינד׳ן, אָבער דער עיקר, צי לעבט מען נאָך דערנאָך? אָדער אַלץ שטאַרבט איינגאַנצן?"

דאָס נאָכדענקען באַרואיקט איר גייסט און לעבט אין איר אויף די האָפענונג. זי מורמלט: „ניין! ניין! איך פיל, אַז זי וועט נישט שטאַרבן! איך וויל נישט, אַז זי זאָל שטאַרבן! אויב ס'איז באמת פאַראַן אין אונז, ווי דער פּאַטראָן באַהויפּט, אַ לעבנס־פליסיקייט, וואָס מען קען עס איבערגעבן צו אַנדערע, וועלכע מיר ליבן, וועל איך. דאָס פּרובירן צו טון פּאַר טיענו".

זי נעמט אַ פּאַפּיר און שרייבט: „טיענו, טיענו, איך בין צופרידן, דו ביסט געראַטעוועט, איך נעם דיך אַרום. אויף ווידערזען, אינגיכן וועלן מיר ווידער אָנהייבן אונזערע לאַנגע שמועסן. דיין ספּי".

זי לייגט צונויף דאָס פּאַפּיר, באַהאַלט עס אין דער צו־נויפגעדריקטער האַנט, פאַרמאַכט די אויגן, און כדי אָנצופילן דאָס מיט איר גלייבן, קאָנצענטרירט זי איר געדאַנק איבער־חזרנדיק די ווערטער: „איך וויל, אַז דו זאָלסט לעבן... איך וויל, אַז דו זאָלסט לעבן... איך וויל, אַז דו זאָלסט לעבן!... אָט אַזוי, מאָרגן וועל איך דאָס פּאַפּיר אַרויפלייגן אויף איר שטערן. דאָס קען איר נישט שאַטן, און איך וועל האָבן עפּעס פּרובירט..."

— וואָס איז דאָס? — האָט זי זיך האַסטיק געפרעגט מיט אַ פאַרשטיקט קול פון אויפרעגונג.

די טיר פון ביוראָ האָט זיך פּאַמעלעך געעפנט. זי האָט שנעל אַריינגעלייגט דאָס צעטל אין איר בוזים.

— איר! — האָט זי אויסגערופן, דערזעענדיק אַנרי לע גערן, וועלכער האָט אַ שמייכלענדיקער זיך דערנענטערט.

— אוודאי איך...

— אָ! איך האָב מיך אויף אייך נישט געריכט!...

— איך זע, אַז איך האָב אייך איבערגעשראָקן.

— אָ! לערער!...

— עס זענען דאָך אָבער דאָ נישט פאַראַן קיין אייפער־זיכטיקע, אַז איר זאָלט דאַרפן באַהאַלטן אייער בריוו אין באַ־העלטעניש פון פאַרליבטע.

זי איז רויט געוואָרן.

— ס׳איז נישט קיין ליבע־בריוו. דאָס זענען בלויז אַפּאָר איינפאַכע ווערטער, וואָס איך וואָלט וועלן נישט פאַרגעסן עס אַוועקצוגעבן מאָרגן עטיגעט.

ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף איר. זי האָט נישט געקענט איינהאַלטן זיך נישט צו דערציילן מיט נאַסע אויגן די סצענע, וואָס זי האָט בייגעוואוינט, און מיט מורא נישט צו ווערן אויסגעלאַכט האָט זי מודה געווען וואָס זי האָט געטון: „אויב ער וועט חוזק מאַכן וועל איך צערייסן דעם צעטל און פאַרטיק. דערנאָך וועל איך אַריינפאַלן אין אַלגעמיינע רעזיגנאַציע...״

ער אָבער האָט גוטמוטיק געזאָגט:

— אייער אינטואיציע האָט פּרובירט אַן אַלט אָבער אויסגעצייכנט מיטל... די אויטאָסוגעסטיע, מיין קינד, איז אַזוי אַלט ווי די אַלשימי... די עלטסטע שוועסטער פון מעדיצין...

זי האָט אים אָנגעקוקט פּלוצלינג אַ דערמוטיקטע, אַ געשטאַרקטע, — דער ווילן, דער גלויבן, אַז עס דאַרפן געשען ניסים איז פּונקט אַזוי ווירקזאַם ווי אַסך אַנדערע רפואות.. פאַרשטייט זיך, אַז אויך ביי דעם, ווי ביי עפּעס אַנדערש, שפּילט אַ ראָלע די דאָזע און דער אופן פון אָנווענדן. איר אָבער האָט ריכטיק געטון: די נערוון־פליסיקייט, וואָס קומט פון דער אַסטראַלער פליסיקייט! דאָס זענען די אמתע פאַבריקאַנטן פון לעבנס־עליקסיר.

ס׳פּנים ביי ספּי האָט זיך אינגאַנצן אויסגעלייטערט.

— האָב איך, אַלזאָ, נישט געטון קיין נאַרישקייט?

— פאַרקערט, איר האָט מיטן אינסטינקט אויפגעטון דאָס וואָס די מעדיצין האָט געברויכט הונדערטער יאָרן אויף צו באַגרינדן: עס וויסנשאַפטלעך — דער היפּנאָטיזם!.. מיט פינף הונדערט יאָר צוריק האָט פאַראַסעלז, אַרבעטנדיק איבער פּיטאַגאָרע און די אורטימלעכע חכמות, אָנערקענט, אַז די מאַטעריע האָט אַ באַהאַלטענע נשמה. מעמער האָט נאָך פריער, פאַר די עקספּערימענטן פון שאַרקאָ, דערקלערט די מאַגנעטישע ווירקונג

פון הימלישע קערפּערס... אויף לעבעדיקע קערפּערס... אינטערע־
סאַנט איז דער געהיימער ראַפּאָרט, וואָס אַכט דאָקטוירים, צווישן
זיי באַי און פראַנקלין, האָבן צוגעשטעלט לודוויג דעם XVI־טן
קעגן די עקספּערימענטן פון מעסמער איבער דער חיהשע מאַגנע־
טיזם... זיי האָבן דאָס פאַראורטיילט אַלס אַ קעגנזאַץ צו די דאַ־
מאָלסדיקע גוטע זיטן, און קעגן דער עפנטלעכער געזונטהייט!...
אַלזאָ דער דאָזיקער געניע, וועלכער איז באַטראַכט געוואָרן פאַר
אַ שאַרלאַטאַן, האָט שוין דאַמאָלס אויפגעוויזן די עקזיסטענץ
פון אַ פליסיקייט, וואָס איז פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן אוניווערס,
מיט וועלכן די גאַנצע נאַטור, אַלע פולע קערפּערס ווי אויך
דער גאַנצער צווישן־שטערנדיקער רוים, איז אַרומגענומען. אפילו
נאָך אין XVIII יאָרהונדערט זענען נאָך אומבאַקאַנט די געזעצן
פון דער מעכאַנישער ווירקונג. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט
צו באַאָבאַכטן דאָס פאַרמערן זיך פון וווּנדערבאַרע דערשיינונגען
אויפן געביט פון עלעקטראָ־מאַגנעטיזם: הלומות, ענפּולסיע, עק־
סטעריאָריזאַציע, טעלעפּאַטיע, סאָמנאַבוליזם...

— וואָס פאַר אַ גוטס איר טוט מיט מיר! וואָס פאַר אַ
וווּנדערבאַרע האָריזאָנטן איר עפנט פאַר מיר!

— נישט אַזוי גיך! מאַגנעטיזם און די מעדיומס האָבן
געהאַט גענוג מי אויפצווייזן, אַז עס איז פאַראַן אויסער אונז
אַזאַ ענערגיע, מיט וועלכע געוויסע פּריווילעגירטע, פילבאַרערע
אינסטרומענטן ווי אַנדערע, זענען באַשאָנקען... פון וועלכן סדר
די ענערגיע איז? פון וועלכע כעמיע זיי ציען זייער עקזיס־
טענץ?... די וויסנשאַפט וועט דאָס אונז אַמאָל זאָגן, הײַנט זע־
נען מיר נאָך אויפן שוועל פון געהיימניש. אַ שאָטן, פול מיט
ליכטיקע בליצן! מיר ווייסן נאָך גאָרנישט, אָדער כמעט ווי
גאָרנישט. אַזוי פיל אומבאַקאַנטע קערפּערס זענען נאָך פאַראַן!
אַזוי פיל שוין אַנדעקטע נאָר וועמענס אייגנשאַפטן מיר קענען
נישט דערגיין! מיר זעען שיינען פון פאַרבן, וועלכע זענען אַליין
נישט מער ווי אָפּשפּיגלונגען פון עטער. נאָר צווישן דעם ענ־
פראָ־רויטן, וואָס איז די פאַמעלעכדיקסטע וויבראַציע, און אין
דעם אולטרא־וויאָלעט וואָס איז די גיכסטע קאַדענץ, וויפל שטראַלן

גוט און שלעכט-ווירקנדיקע, ווערן פאַר אונז פאַרלוירן! מיר האָבן באַצוואונגען דעם בליץ, און דאָך איז דער גרעסטער גע־לערנטער אָפּהענגיק פון דעם מינדעסטן כעמישן געמיש, ווע־מענס עקספּלאָזיע...

— אָבער וואָס פאַר אַ וווּנדערבאַרע אַרבעט! וואָס פאַר אַ ליידנשאַפטלעך פאַך!

ער האָט געשמייכלט און געזאָגט מיט איבערצייגונג:

— יאָ, דאָס איז שוין אויך עפּעס ווערט צו וויסן, אַז מיט וועלכן נאָמען מען זאָל נישט אָנרופן: אַטאָם, מאָלעקול, יאָן אָדער עלעקטראָן, זענען די העכסטע אייגנשאַפטן פון קערפּער אין אַן אייביקן וויברירונג... אַז דאָס מענטשלעכע וועזן, וואָס באַשטייט פון זייער אַגרעגאַט, איז אַ ביפּאָלאַרדיקע חיה, וועלכע גיט פון זיך אַליין אויך אַרויס אַ שטראַלנדיקייט... אַלנפאַלס זענען מיר שוין אויפן וועג... מיר קומען שוין אפשר צו צום סוד פון לעבן.

מיט אַ הייסער האָפענונג צו דערגיין ענדלעך דעם אמת, האָט זי געפרעגט:

— דאָס איז וועגן לעבן... אָבער נאָך דעם! ווען איר וואָלט געוואוסט, ווי איך האָב היינטיקן אָוונט געליטן! ווען איר וואָלט געזען עטינעטן, ווי איר קערפּער, איר נשמה איז ווילד דערשיטערטביים געדאַנק וועגן טויט וואָס לאָקערט אויף איר! ווען איר וואָלט געהערט ווי זי האָט גערופן גאָט!... דאַמאָלט וואָלט איר פאַרשטאַנען פאַרוואָס איך רעוואָלטיר מיך אַזוי אָפט ביים געדאַנק, אַז די אומשטערבלעכקייט איז נישט מער ווי אַ פּוסט וואָרט... אַז מיר לעבן בלויז אויף צו ליידן און צו זען יענעם ליידן... און אַז אַחוץ דעם דאָזיקן מיזעראַבלען אימפּעס איז נישט פאַראַן מער ווי דער אַראָפּפאַל צום גרונט!...

זי איז צוריקגעפאַלן אויף איר שטול, ער האָט זיך גע־זעצט אַנטקעגן איר, דאָס ליכט פון לאָמפּ האָט אַרומגענומען זיין פאַרטראַכט פּנים.

— מיין קינד, דאָס לעבן, ווי קורץ און דערשיטערנדיק עס זאָל נישט זיין, איז ווען מען ווייסט ווי אַזוי עס צו לעבן

פונקט אַזוי רייך און פול פון זיך אַליין, ווי דאָס אומשטערב־לעכקייט אינגאַנצן גענומען! גאָט, האָט איר געזאָגט? וועלכער? מיר לעבן אויף אַ הויפן פון קירכן־חורבות און צעפאַלנדיקע סיסטעמען. און נאָך היינט אַפילו, נישט קוקנדיק אויף דער טראַנספאָרמאַציע פּראָגרעסירן נאָך קאַטאָליקן, מאַכמעדאַנער, אינדיער, כינעזער, פּראָטעסטאַנטן, יידן, אָרטאָדאָקסן, און צוואַנ־ציק אַנדערע קולטן און הונדערטער סעקטן... גאָט? ס'איז אַ דערפינדונג פון מענטש, אַן אַבסטראַקטער טערמין אויסצודריקן אונזער חוש פאַר דער אומענדלעכקייט, אונזער אומרו פאַר דעם געהיימניספולן, אונזער באַדערפעניש צו גלויבן, צו האָפן, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען מיר וועלן קענען אויפהייבן דעם שלייער. גאָט? יעדעס וועזן, וואָס דענקט, טראָגט אים אין זיך.

— עטינעט איז נישט מער, ווי אַ שוואַך באַשעפעניש! זי איז נאָך נישט אויף דער הויכער מדרגה פון באַוווסטזיין... און...

— און פון שטאָלץ?... איר אורטיילט, אַז מען ברויכט אַ סך שטאָלץ אויף צו לייקענען מיט פעסטקייט, און אַז עס איז פשוטער זיך אונטערצוואַרפן אונטער די שוין פאַרטיקע גע־זעצן...

זי האָט אַן אויפריכטיקע אויסגערופן:

— ווי אַזוי קען איך צווייפלען אין אַ גלויבן, וואָס איך פאַרער... און וועלכן מיין שכל באַרעכטיקט?

ער האָט ווידער אָנגעהויבן מיט צופרידנהייט:

— ניין, מיין קינד! ס'איז אינגאַנצן נישט נויטיק קיין שטאָלץ, נאָר פאַרקערט, אַ גרויס ענווות אויף צו אַנערקענען, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין גרויסע אַרכיטעקט פון אוני־ווערס... יאָ, ס'איז דאָך פאַראַן אַ פּלאַנמעסיק לעבנס־אָרגאַני־זאַציע, וואָס איר מקור איז אין דער נאַטור. אָבער דאָס איז נישט געצייכנט אויף קיין הימליש בלאָ פּאַפּיר, מיט מויערן פון גאָלד און שלעכטס, מיט פענצטער אין אַ גן־עדן און אַ טיר

אין גהינם. דאָס איז אַ פּלאַן אין פיזיאָלאָגישן זין וואו עס זענען פאַרשריבן די דריי ג ר ו י ס ן און וואו די פּערטע איז נאָך אומבאַקאַנט און וועלכע די מענטשלעכע אינטעליגענץ וועט אַמאָל פעסטשטעלן! איבערן גאַנצן אוניווערס, פון דער ערד ביז דעם מענטש, איז עס דער אייגענער ציטער, וואָס באַלעבט דאָס אומענדלעכע וויברירן פון דער עקזיסטענץ. אַלץ איז געגעבן געוואָרן נאָך פון קדמונים אָן. אָבער אַלץ טראַנספאָרמירט זיך און באַנייט זיך אויטאָמאַטיש. די עם-הארצים, וועלכע האַלטן די מאַטעריע פאַר אַ נישט לעבעדיקע זאַך, האָבן אַ טעות. און דער גייסט, וועלכער איז אַליין אויך מאַטעריע, ווייסן מיר איצט אויף זיכער, אַז דאָס איז נישט אַ פּראָדוקט פון אונזער אָרגאַניזם, אַן אויספלוס פון מוח... דאָס איז אַ פאָרם, אַ כּוח וואָס עקזיסטירט פון זיך אַליין... וואָס ווייס איך? אפשר איז עס אַ אומאָנעמבאַרער שטויב פון אַטאָמען און ליניעס, אַן אומזעבאַרע איינגלידערונג, אָדער די העכסטע מדרגה פון ליכט?... דער דאָזיקער גייסט, ביי וועמען די אינטעליגענץ איז אין אינסטינקט ווי דאָס ליכט אין לאָמפּ, איז געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיט די ערשטע מענטשן! און קען זיך אויפלעזן אין יעדן פון אונז, צוריק אַריינדרינגען אין שטראָם, וואָס האָט אונז אַלע פאָרמירט, וואָס שטראָמט אונז פאַרביי און וואָס פאַרטראָגט אונז מיט זיך, ער לעבט אונז איבער, ווייל נאָר ער אַליין איז אומשטערבלעך.

— ווי אַזוי איז דאָס? איך פאַרשטיי איצט גאָרנישט.

— איך גלייב נישט אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער אינדיווידועלער נשמה. אָבער איך בין געצוואונגען צו גלייבן אין דעם איבערבלייבעכץ פון די שטענדיק-אויפשטייגנדיקע און פאַרבייגייענדיקע ציוויליזאַציעס, אין די צוואות פון געלערנטע פּאָעטן, מוזיקער, מאָלער און פילאָזאָפן! אָן אַ זייט, איבער דעם הערעדיטיזם פון אַ דור, וואָס פאַראייביקט דעם מין, באַרייכערנדיק אָדער פאַראָרעמדיק אים, לויט דעם קוואַליטעט פון די איבערגעפלאַנצטע זריעה, איז פאַראַן די ירושה פון אַלגעמיינעם אוצר, געשאַפן דורך די דויערהאַפטיקע ווערק פון די זשעניעס. פאַראַן דאָס הייליקע פייער פון דער אינטעליגענץ, וואָס

ווערט פֿאַרגרעסערט בײַ יעדע צײַט-אַלטער... אָט פֿאַרוואָס, מײַן קינד, איך האָב געזאָגט, אַז דאָס אײנציקע, דאָס אמתע אומשטערבלעכקײט איז נישט בײַ אונזערע קלײנע נשמהלעך, נאָר אין דעם קאָלעקטיװן שטראַלן פֿון ג ײַ ס ט.

דער בליק פֿון ספּי האָט נאָכגעפֿאָלגט אויף די ליפּן פֿון פֿאַסטעך די װאַריאַציע פֿון זײַן געזאַנג. פּונדעסטװעגן האָט זי אויסגערופֿן:

— װאָס גײט מיך אָן אַזאַ איבערלעבן װען עס בלײַבט גאָרנישט איבער פֿון דעם װאָס איך בין געװען! װען אַלץ שטאַרבט אָפּ, און עס בלײַבט גאָרנישט פֿון מײַנע לײדן און פֿון מײַן פֿרײד!... װי אַזױ זאָל מען נישט פּלאַצן פֿון װײטיק, װען מען װײסט װי װײניק גליק מען האָט געהאַט אין לעבן, און אויב מען האָט עפּעס מער גליק מוז מען עס פֿאַרלאָזן!... ליב האָבן עמיצן מײַן װי זיך אַלײן און אויפֿהערן אים צו זען, צו הערן, מיטאַמאָל אים פֿאַרלירן... װאָס פֿאַר אַ װײטיק! װאָס פֿאַר אַן אומרעכט! ס'איז שרעקלעך!

— יאָ,—האָט ער מיט ערנסטקײט מודה געװען.—דערפֿאַר האָב איך געזוכט, זוך איך אַרויסצורוקן די גרעניצן פֿון לעבן, צו פֿאַרלענגערן די יוגנט, די אינטעלעקטועלע קראַפֿט... אין מײסטן טײל פֿאַלן זענען די עקזיסטענצן אָן היגעניע און אָן אַן אידעאַל, זעלבסטמערדער, ס'איז אָבער אויך פֿאַראַן פֿאַלן פֿון דערשטױנלעך לאַנגע לעבנס, װען אַפֿילו דער מת גופֿא װערט נישט תּיכּף אײנגאַנצן אָפּגעשטאָרבן. דאָס װאָס מיר האָבן שױן אַנטדעקט, איז עפּעס װערט. לאָמיר-זשע האָבן צוטרױען צו די אַנטדעקונגען פֿון מאָרגן!... אויב אַן אײנקומענדיקער מיקראָב, װעלכער װערט פֿונאַנדערגעטײלט, קען זיך אָן אויפֿהער פֿאַרמערן, פֿאַרװאָס-זשע זאָל אַ פֿילקומענדיקער אָרגאַניזם, װאָס שטײט אויף אַ העכערן שטאַפּל אין לײטער פֿון װעזנס, נישט געניסן פֿון דער אײגענער אײגנשאַפֿט?... װערמדיקע פֿלאַנצונגען, קאָנסערװירט אויס געװיסע שטעלן, בלײַבן אומאויפֿהערלעך אַקטיװ, פֿאַרװאָס-זשע זאָל מען נישט קענען דערגרײכן דעם זעלבן רעזולטאַט אויף אַ פֿלאַנצונג מיט געזונטע קעמערלעך?...

קאָרעל האָט אַנטדעקט, אַז מען קען דורך אַ בלוט-איינשפּריצונג אויפהאַלטן דאָס לעבן אין געוויסע טיילן פון אַ טויטן קערפּער! ווער ווייסט אויב מען וועט נישט קענען דורך געוויסע פיזישע פאַקטאָרן, וועלכע ווירקן צו דער אַנטשטייאונג פון לעבן, דורך בעדער פון אַ געוויסן מין ליכט, אָדער דורך דער אַקציע פון נייער איקס-שטראַלן, זאָלן מיר נישט קענען דערגרייכן צי פאַראייביקן דעם דויער פון אונזערע לעבעדיקע קערפּערס?...

— אָ! זעצט ווייטער פאָר, גרויסער לערער! איך בין אייך אַזוי דאַנקבאַר פאַרוואָס איר ווילט מיך דערהייבן ביז אייער הויך!

ער האָט זיך אויפגעשטעלט אַ געריירטער ווי אויך אַביסל זשעגירט צוליב דעם ברען פון דער יונגער פרוי.

— אַלנפאַלס קען איך אייך נאָר זאָגן, אַז די זיכערקייט וועגן סוף, אַנשטאָט צו פאַרקלענערן אין מיר דעם חשק צו לעבן, איז פאַר מיין אַפּעטיט צו דערגיין יעדע זאַך ביזן שורש, ווי ריטער-שמיץ, וואָס טרייבן מיך אימער פאָרויס. די אידעע וועגן טויט איז פאַר מיר, ווי זאַלץ פון לעבן. אַ ביטער קרעפּטיק געטראַנק, וואָס טרייסט אָבער, ווייל שטאַרבן איז ווידערגעבוירן... דערפאַר וויל איך, אַז מיין קערפּער, איידער ער וועט ווערן אַש, זאָל ער פריער זיין אַ פלאַם... די גרעקן, מיט זייער סימבאָל פון פּסיכע, וועמענס נשמה איז פאַרוואַנדלט אין אַ שמעטערלינג, וואָס שוועבט איבער שייטער-הויפן, האָבן זיכער אין זינען געהאַט דאָס טרויעריקע פוילן פון דער קריזאַלדיע... דער פלאַם! דאָס איז דאָס וויכטיקסטע... הערט אַ דערינערונג...

מיט עטלעכע יאָר צוריק אין פלאָרענץ, אויף דעם Viole dei Colli, אין איינע פון יענע הייסע, עלעקטריזירטע נעכט, ווען יעדעס וועגן וויברירט, ווען די גאַנצע נאַטור ציטערט... אַרום מיר, אין דעם אויסגעשטערנטן אַזור, האָבן אַרומגעשוועבט די פינקלדיק-קאָלירטע פליגעלעך, אָנגעצונדן פון ליבע-פייער... דער דאָזיקער פלאַמענדיקער קרייז פון פינקלדיקע באַשעפעניש, וואָס האָבן אויסגענוצט אַ שטראַל אויף אויסצואיבן זייער אייביקייטס-

אינסטינקט, דער דאָזיקער פּלי פון פונקען האָט מיך געריירט דאַמאָלס, אין דער מעלאַנכאָליע, מיט וועלכן דער ספּעקטאַקל האָט מיך פאַרשטאַנען דעם תוך פון גורל. פון דאַמאָלט אָן טראַכט איך מיט דרך־ארץ וועגן די דאָזיקע פלעמעלעך, וואָס צינדן זיך שטענדיק אָן, כדי צו דערפילן זייער מיסיע, פאַרלענגערנדיק אַזוי־אַרום זייער פינקלענדיקן מין...

אַזוי ווי אין אַ צויבער פון אַ בלאָער נאַכט האָט דאָס בילד געטאַנצט אין שאָטן פון ביבליאָטעק. אַנרי לע גערן האָט אין אים געזען לייכטן די אויגן פון ספּי. ער האָט אָנגענומען איר האַנט און ווייטער גערעדט:

— ניין, ספּי, דער גייסט וואָס איז אין אונז, וועט נישט פאַרשווינדן אינגאַנצן. דאָס פייער וואָס ברענט אין אייער בליק איז דאָס אייגענע וואָס ברענט אין די אַלע מיליאַרדן שטערן, וועלכע מיר קענען זיך צומאָל נישט פאָרשטעלן.

זי האָט געטראַכט אויפן קול:

— דאָס אייגענע פייער ?.. אויב אונזער פערזענלעכקייט פאַרמאָגט נישט מער ווי דאָס דאָזיקע, מער קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט ווי פאַר דעם, נאָך וואָס דאַרף מען זיך באַמיען צו האַנדלען וואָס בעסער ? דער טוגנד איז נישט מער ווי אַ שיין. די עגאָיסטן האָבן רעכט.

— ניין, מיין קינד, נאָר דער אַלטרואיזם פאַרשענערט דאָס לעבן גיבנדיק אים אַ ציל. קיין שום ביישפּיל איז נישט אָן קיין נוצן. קיין שום אָנשטרענגונג ווערט נישט פאַרלוירן. די ליניע פון די געדאַנקען בינדט אומזעבאַר צונויף די קייט פון מעשים... פאַרוואָס מען דאַרף אַרבעטן אָן אויפהער אויף צו פאַרפאָלקאָמען זיך ? ווייל יעדער ליידט צוליב די חטאים פון אַלע, און אַלע געניסן פון גוטס פון יעדן איינעם. אויב אונזער ווידער־אויפלעבונג געשעט אומבאַוואוסטזיניק, באַטייליקן מיר זיך מיט יעדן קורצסטן דורכגאַנג, מיט דעם מינדעסטן זשעסט אונזערן, מיט אונזער אָרעמסטן געדאַנק, אין דעם אַלגעמיינעם לעבנס־ריטם. אַלץ דרינגט אַריין און דרינגט צוריק אַרויס, גוטס אין גוטס, שלעכץ אין שלעכץ. ווען דאָס אייביקע ראָד פון

דער באַוועגלעכקייט ברענגט אונז צוריק צום ערשטן לעבן, איז נאָר אַ דאַנק די פאַרגאַנגענע טוגנדן ווערט אונזער גורל ווי אויך פון דער גאַנצער מענטשהייט פאַרגרעסערט. וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט דאַמאָלס דאָס, וואָס עס עקזיסטירט נישט מער קיין צייט און שטח? קליינע מאָסן פון אַ קאָנצעפּציע, וואָס האָט זיך שוין פון לאַנג איבערגעלעבט. עס איז נאָר פאַראַן דאָס ברויזן פון כּוחות, אין דער אוניווערסאַלער ליידיקייט! און דאָס איז דאָס לעבן!

וואָס פאַר אַ עקזאַלטירט ליידנשאַפטלעך געזאַנג!

זי האָט געטרונקען די מעלאָדישע ווערטער, זיי זענען אַריינגעדרונגען אין זיך צעגאָסן אין איר, ווי אַ גוטער רעגן אין אַ דורשטיקער ערד.

— דאָס לעבן, — האָט זי אָפּגעזיפצט. — דאָס לעבן... און די ליבע?

מיטגעריסן פון אימפּעט פון זיין אידעאַל האָט ער ווידער אָנגעהויבן, אַזוי ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין:

— יאָ, די ליבע איז איבערן לעבן, אַזוי ווי דער הימל איבער דער ערד!... די ליבע פאַראייביקט און שאַפט...

ער איז שטיל געבליבן, דער בליק פאַרזונקען אין דער ווייטקייט, דערנאָך האָט ער פון דער הויך פון זיין סילועט געמורמלט:

— די ליבע איז די אַקס פון דער וועלט!

אַ געשריי פון אַ גאַנץ לעבן, דאָס עקסטאַזפולע קול פון ספּי, אַזוי נאָענט און אַזוי ווייט פון אים, — האָט איבערגעהורט:

— די ליבע!

ס'האָט פון איר געשפּריצט אַזאַ פייער, אַזאַ רעליגיעזער עקסטאַז, אַז זיין אויסגוס האָט זיך אָנגעשלאָגן אין דעם געדאַנק פון דערשטוינטן טרוימער. איין מינוט איז ער געבליבן אומ-אַנטשלאָסן, צעמישט און דאַן, נישט קלערנדיק מער ווי פון איר, האָט ער אַרויסגערעדט:

— עס וועט קומען אַ צייט, ווען איר וועט באַגעגענען דעם, וואָס וועט אייך ווערט זיין...

דער גלאָק האָט געקלונגען צו נאַכט-עסן. אָבער נאָכ-גייענדיק מעכאַניש דעם הויכן סילועט, וואָס איז געגאַנגען פאַר איר און זיך דערווייטערט, האָט זי דערפילט ווי דער שאָטן פון דער גאַנצער שטוב איז אַרויפגעפאַלן אויף איר... איר ענ-טוזיאַזם האָט זיך מיטאַמאָל פאַרלאָשן.

# V

דעם אַנדערן שבת האָט אַנרי לע גערן אין זיין ביוראָ פון לאַבאָראַטאָריע געענדיקט דיקטירן פאַר ספּי אייניקע פּריוואַטע בריוו. ווען זי האָט שוין געהאַט פאַרדעקט די שרייבמאַשין און פאַרקלעפּט די קאָנווערטן, האָט זי געפרעגט:

— פאַטראָן, איך קען איצט אַוועקפאָרן?

— זיכער... איר וועט נאָר זיין אַזוי גוט, אָנקומענדיק אויפן מאָנפּארנאס, אַריינוואַרפן דאָס אַלץ אין הויפּט-פּאָסט. נעמט צו.

זי האָט זיך גראַציעז דערנענטערט. ער קוקט איר אָן מיט גוטסקייט. אַ גליקלעכער, פילנדיק, אַז פאַר זיין סימפּאַטיע ענטפערט אים אַ פריינטשאַפט. אָט אַזעלכע פאַרשטענדיקונגען און איבערגעגעבנהייטן פון דער אינטעליגענטער יוגנט דערמוטיקן און באַלוינען די פּאָרויסשפּרייזער. דאָס פּנים פון דער יונגער פרוי האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ ליבלעך זיסקייט. זי דערלאַנגט אים די האַנט.

— אויף ווידערזען, מעטר!

— אויף ווידערזען... (ער פאַרהאַלט די וואַרימע, דעליקאַטע האַנט)... איר קומט צוריק מאָרגן אָדער מאָנטיק?...

— איך ווייס נישט... (זי וואַקלט זיך, וואָס צו ענטפערן) איך האָב נישט בדעה צו זיין מער, ווי ביי עטיענען און וואָס ווייניקער ווייט פון אייך.

ער ווייסט עס, ער פילט עס, צייט יענעם טאָג... ביז איצט האָט קיין שום צוגעבונדנקייט נישט באַוויזן צו רירן, קיין פאַרבינדונג צו צוהאַלטן דעם דאָזיקן שעפער, וועלכער איז דורך זיין ווילן געוואָרן אַן איבערמענטש, אַן אָפּגעזונדערטער. וויפל פרויען-פאַרלאַנגען האָבן זיך צעבראָכן ביי זיין פאַראַכטונג! אָבער ער האָט באַלד נישט דערלאָזט, אַז עס זאָל זיך עפּעס פאַרבונדן. ער איז געווען אליין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין לעבן. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז די ליבע פון פרויען צו באַרימטע מענער איז אָפטמאָל ענלעך צו די געפילן ביי קינדער, צו אַ געהיימניספולן שפּילצייג: ווען זיי צענעמען דאָס, מאַכן זיי אַ זויערע מינע: „אָט דאָס איז עס אינגאַנצן?" און לייגן עס אַוועק אין אַ זייט.

היינט אָבער האָט געשלאָגן אַ שעה, ווען אַ מין מאַטקייט האָט געהיים צעקנייטשט זיין שטערן. דער איבערמענטש ווערט טיילמאָל נישט מער ווי אַ מענטש: דאַמאָלס דערזעט ער פון זיין איינזאַמער הויכקייט דעם רוף פון טאָל, דעם ריחדיקן און מעכטיקן בלאָז פון דער לעכצנדיקע ערד, וואָס גאַרט זיך צו ביי טן מיט דער לעבנספולער לופט פון דער הויך... קען מען דען זיין זיכער, אַז מען האָט שטענדיק דערפילט זיין מיסיע? ווי אזוי זאָל דער צווייפל נישט דורכלעכערן די שטאַרקסטע פאַנצערס, ווען באמת טעגלעכע צו'זאַמענשטויסן בייסן אייך מיט זייער גיפט דער באַגער, די נאַרישקייטן, די שנאה?

און ווייל ספּי קומט צו נאָענט צו אים גראָד אין דער דאָזיקער אביסל דעקוראַזשירטער מינוט, דערפילט ער אַ מין אָנגענעמע שוואַכקייט, בעת וועלכער ער פאַרלירט זיך עטוואָס אין געגנוואַרט פון דער דאָזיקער זינדיקער מיט ריינע אויגן. עס וואָלט אזוי גוט געווען צו קענען האַלטן דאָס קליינע הענטל צווישן זיי, אין די לאַנגע אָוונטן. און אָט ווי זיין אונטערבאַוואוסטזיין רעדט אַרויס:

—ווילט איר מיך באַגלייטן מאָרגן קיין בריסל?

— אָ! אוודאי!

זי ווייסט, אַז מאָרגן, זונטיק אָוונט, דאַרף ער פאָרן האַלטן אַ רעפעראַט אין בריסל אין דעם דאָרטיקן „סטודענטן-הויז״ איבער „די גרעניצן פון לעבן״ זי האָט אים צווישן אירע פאַפירן פון דעם טאָג אָן ווען זי האָט אים סטענאָגראַפירט אין קאַלעדזש דע פראַנס...

איר אומשולדיקע אויפריכטיקייט אַמוזירט אים:

איווע קען נישט מיטפאָרן ווייל ער פאָרט קיין פאָנלאַבע.

איך וואָלט נישט געוואָלט קיינעם שטערן צוליב איין טאָג... איך האָב מיך אָבער באַרעכנט, אַז מיט אַ סעקרעטאַרין וועט זיין באַקוועמער צו קאָמוניקורן זיך מיט דער פרעסע. צוריק מאָרגן אינדערפרי... מאָנטיק נאָכמיטאָג וועלן מיר שוין קענען זיין צוריק. דערמאָנט מיין ברודער, אַז היינט ביינאַכט עסן מיר צוזאַמען.

אַ גליקלעכע האָט זי אים געדאַנקט. זי וואָלט מיט פאַרגעניגן אים אַרויפגעשפרונגען אויפן האַרץ. אַזוי פיל פאַרערונג איז געלעגן אין איר בליק. ער האָט זיך אָבער אַ כאַפּ געטון:

— איר ווייסט, אויב איר פאַרשפעטיקט דעם צוג וועט אייער פריינדין האָבן אָן אַנטוישונג. זי פילט זיך בעסער?

— יאָ, יאָ, איצט איז זי אויסער יעדער געפאַר.

דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, האָט לע גערן איר מער נישט געהערט... וואָס גייט דאָס אים אָן? זי פאָרט מיט אים. דאָס לעבן איז שיין! זי לויפט אַראָפּ פון די טרעפּ, ווי אַ שילערין אויף וואקאנס און שטויסט זיך אָן מיטן דאָקטאָר עטיען. זיי האָבן געזאָלט פאָרן צוזאַמען מיטן זעלבן צוג. זי האָט גאָר פאַרגעסן...

— לאָמיר זיך צואיילן, מיר וועלן פאַרשפעטיקן, — זאָגט ער.

— און נ. ווען?

— אַוועקגעפלויגן!

— זי לאַכט:

— מען אַנטלויפט... דאָס גרויסע שבתדיקע אַנטלויפן!... (שטיפעריש, מיט אַ פריילעכע מינע כאַפּט זי אָן פאַמיליאַריש זיין אָרעם)... איך מוז נאָך פריער אַ לויף טון אין גאַראַזש

זיך געזעגענען מיט באַזעלעקן, טאָמער נישט, איז ער גרייט קראַנק צו ווערן!

דער כירורג האָט געשמייכלט. דער סעמיט מיט דעם עלאַסטישן און פיינעם גייסט האָט פאַרמאָגט דעם דורכדרינגלעכן בליק פון זיין ראַסע. איבריקס, איז די ליבע פון איווע נישט געווען קיין סוד פאַר קיינעם, אַחוץ פאַר לע גערן. ס׳איז אָבער געווען דאָס ערשטע מאָל, ווי זי האָט דערפון געשפּאַסט. עטיען האָט עס איר געוואָלט באַמערקן, ווי זיי האָבן דערזען פון וויטן איווען...

אַ צופאַל? אַ געפיל? ער האָט זיך גראָד אין דעם מאָמענט אויסגעדרייט צו זיי. צי דערפאַר וויל ספּיס אויגן האָבן געהאַט אַן אומגעוויינלעכע קראַפט? צי דערפאַר וויל זי איז נישט געווען אַליין? ווען ער האָט איר דערזען האָט ער געהאַט אַן אומצופרידענעם און בייזן אויסדרוק. זי האָט נישט געוואָלט אין געגנוואַרט פון אַ קאָלעגע אים אויספרעגן... צוואָס?... ער וואָלט פאַר איר איבערגעחזרט זיין פיין אַוועקצופאָרן אָן איר און וואָלט איר ווידער געבעטן מיט צופאָרן מיט אים, וויל צוליב עטיענען איז שוין נישטאָ, וואָס זיך צו באַאומרואיקן... פּונקט איז איצט אַ צייט אויף אויסצוהערן זיין קלאָגליד, ווען אין שטייג, וואו ס׳האָט געקלאַפּט איר האַרץ, האָבן אַלע אירע האָפענונגען געעפנט זייערע פליגלען!...

— אויף ווידערזען, איווע, גריסט אייערע עלטערן. איר רעכנט צו קומען קיין פּאַנלאַבע פאַר מאָרגן אינדערפרי?

ער האָט אַ וואָרטשע געטון:

— אַוודאי! און איך וועל דאָ זיין צוריק מאָנטיק אינדערפרי, צוגלייך מיט אייך... איר וועט נעכטיקן ביי מאַדאַם רוסטאַן?

זי האָט נישט געענטפערט. באַהאַלט זי עפּעס אין דעם שווייגן? ער האָט אַ פרעג געטון דעם דאָקטאָר עטיען:

— אַלזאָ, דער פּאַטראָן נעמט אייך מיט קיין בריסל?

— מיך? ניין.

— ווען דען? ניוועט?

— איך ווייס נישט.

איווע האָט דורכגענומען ספּי מיט די אויגן, אַ ווייטיק־לעכער חשד האָט אים אַ ביס געטון און אים באַהערשט... נישט ווילנדיק פאַרגרעסערט זיין פּיין, און ווילנדיק דער עיקר אויס־מיידן אַ פאָרוואורף, האָט זי אַ זאָג געטון אַוועקשלעפּנדיק מיט זיך דעם כירורג:

— איצט וועט מען שוין אַן אמת פאַרשפּעטיקן דעם צוג. אויף ווידערזען, איווע, ביז מאָנטיק...

בלייבנדיק אַליין און ברענענדיק פון אייפערזוכט, האָט ער באַשלאָסן פריער נישט אַוועקצופאָרן ביז ער וועט זיך דערוויסן דעם אמת. לע גערן, וועלכער האָט נישט געוואוסט פון דעם טיפן געפיל, וואָס האָט געשטעקט אין דעם חברשאַפט פון זיין קוזין צו ספּי, האָט אים נאַטירלעך גלייך דערציילט, אַז אַזוי ווי מאַדאַם אַרעלי האָט געהאַט חשק מיטצומאַכן די קליינע רייזע, האָט ער אים פאָרגעלייגט מיטצופאָרן.

אַ דערשלאָגענער פון דעם פּלוצלינגן קלאַפּ, אַ צאָרנ־דיקער איבערהויפּט צוליב איר באַהאַלטן, וועלכעס ער האָט זיך אַנדערש אויסגעטייטשט, ווי ס'איז געווען די אמתע סיבות, וואָס האָבן ספּי באַוואויגן צו שווייגן, האָט איווע דערקלערט, אַז ער האָט זיך איבערגערעכנט, אַז ס'איז צו שווער אין אַכט־אונפערציק שעה צו פאָרן אַהין און צוריק, און וואָלט דעריבער געקענט מיטפאָרן קיין בריסל, אַזוי ווי מען האָט פון אָנפאַנג גערעכנט צו טון...

ער האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַן איידעלן אָבער פעסטן אָפּזאָג און אויף זיין באַמערקונג, אַז אַ רייזע אין באַגלייטונג פון אַזאַ יונגע און שיינע סעקרעטאַרין וואָלט אים געקענט קאָמפּראָמעטירן, האָט ער אים געענטפערט מיט אַ הויבן די אַקסלען. ביים אָוונט־עסן, ווען לע גערן האָט זיך געוואונדערט פאַרוואָס ער געפינט אים ביים טיש, האָט איווע פּרובירט מיט אים פאַרפירן אַ שמועס. דער געלערנטער האָט אַ צעשטרייטער געענטפערט מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער און זיך אָפּטמאָל פאַר־טראַכט. איווע האָט אים געלאָזט צורו, נאָר האָט באַשלאָסן מיט אַלע מיטלען שטערן איר מיט צופאָרן.

אַ גאַנצע נאַכט האָט אים געפּייניקט דער כּעס. זיכערקייט און צווייפל האָבן אָן אויפהער מיט זיך געקעמפּט. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער פון זיך אַליין חוזק געמאַכט, דערמאָנענדיק זיך אין זיין נאַאיוו אויפפירן בעת די לעצטע וואַקאַנסן, די ערשטע אַנטוישונג פון זיין אויפוואַכנדיקע ליבע... שוין דאַמאָלס האָט מאַריס מער אויסגענומען פאַר אים. זענען זיי אויף אַן אמת געווען צוזאַמען?!! אַ פראַגע, וואָס ער האָט זיך אַזוי פיל מאָל געשטעלט! שפּעטער אָבער, זעענדיק ווי מאַריס איז פאַרליבט אין עטינעט און די גלייכגילטיקע באַציִונגען צווישן אים און ספּי, האָט די פראַגע אים נאָכגעלאָזט ביז עס איז אַנטשטאַנען אַ צווייטע, וואָס האָט אים טאָג-טעגלעך געפּייניקט און פאַרביטערט: „נישט מיך ליבט זי, זי ליבט א י ם, אים, ווען איך האָב צו פאַרדאַנקען מיין גאַנצע קענטעניש!״

יסורים, ביי וועלכע זיין יוגנט, זיין עגאָיזם, זיין ליידנשאַפט האָבן זיך צעשמעטערט אַזוי ווי דאַמאָלס, דאָרט ביים פּאָן דע ראַז, די שטורעמדיקע כוואַליעס צופיסנס פון גרויסן מאַנהיר... ביז איצט זענען נאָך די יסורים געווען דערטרעגלעך: די פאַראַכטונג, וואָס זיין געניאַלער קוזין האָט געהאַט פאַר קערפּערלעכע אַוואַנטורעס, איז אים געווען גוט באַקאַנט. און אָט מיטאַמאָל פירט ער אַוועק מיט זיך מאָרגן, ספּי!... אַזוי ווי ער פלעגט מיטנעמען עלריס זשאַנין? קיין שום ענלעכקייט צו דעם: דער פּאַטראָן האָט קיין שום חילוק געמאַכט צווישן יענע סעקרעטאַרין און אַנדערע מיטאַרבעטער. זיין עקשנות דאָס מאָל איז נאָך מער ווי אויפפאַלנד...

פון באַלד אינדערפרי אָן, נישט קענענדיק זיך געפינען קיין אָרט, בלאָנדזשעט איווע אַרום אויף אַלע סטעזשקעס פון פּאַרק... ביים אָנקומען פון צוג, וועמענס פייפן מען הערט דאָ דייטלעך, דערנענטערט ער זיך צום טויער פון איינגאַנג. און וואָרט... דער נישט גלייכער וועג שטערט צו זען וויים. מיט אַ מאָל דערהערט זיך אַזוי אַ טרילן פון אַ פייגעלע... ער דערקענט דאָס ריינע קול, און דאָס ליד פון ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע, וועלכעס זי האָט ליב געהאַט צו זינגען אַלע אינדערפרי:

— מיין הייסגעליבטער איז שטענדיק אין מיין האַרץ,
דעריבער זע איך אים אומעטום...
ער איז אין די אַפּלען פון מיינע אויגן...
דעריבער זע איך אים אומעטום...

איווע איז ביים טויער! זי טוט אַ געשריי אַן איבערגעשראָקענע, ער קוקט איר שטרענג אָן.

— איר זענט נאָך דאָ! — פרעגט זי מיט דערשטוינונג.

— און איר זענט שוין דאָ? וואָס טוט איר דאָ זונטיק?

— פאַרוואָס זענט איר נישט אַוועקגעפאָרן?

— כדי אייך אָפּצוּוואַרטן. דערקלערט מיר...

— בין איך נישט פריי?

— יאָ. נאָר איר האָט געקערט מיר זאָגן אויפריכטיק, אַז איר פאָרט מיט אַנרי...

ער פאַרהאַלט זיך שטרענג צוליב איר שטאַרק צעמישונג. ער רעכנט, אַז איצט האָט ער זי אין די הענט און וואַרט, אַז זי זאָל זיך אָנהייבן פאַרענטפערן. זי אָבער הערט נישט אויף איבערצוחזרן אין זיך דעם נאָמען אַנרי, וואָס איז אַריין אין איר מוח, ווי אַ קיילעכל, וואָס קייקלט זיך און שפּרינגט אָפּ... „אַנרי. אַנרי...״ זי רעדט אַרויס אַביסל נישט דרייסט די דאָזיקע וואונדערלעכע סילאַבן... ווי מאָדנע דאָס קלינגט! זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געקלערט וועגן אים אַנדערש, ווי פון לע גערן... דער מעטר... פאַטראָן... אָבער אַנרי... אַנרי...

— נו, אַלזאָ?

זי ציטערט אויף. ער האָט זיך איבערגעשראָקן. זי קוקט אים אָן און ענטפערט:

— וואָס איז אייך צוגעקומען? און אַז עלריס זשאַנין... איר האָט עס מיר אַליין דערציילט!...

— ס׳איז נישט דאָס אייגענע... אָ! ווען מיר זאָל איינ(פאַלן... און איך אַליין האָב אייך נאָך צו מיין אומגליק דאָ אַהער געבראַכט!... איר ליבט אים, ווי אַ בלינדע, ווייסט איר צו

וואָס דאָס וועט אייך ברענגען? זאָגט! צי ווייסט איר?... צו אומגוצלעכע ליידן!... ער איז אומפעאיק צו ליבן...

— דאָס איז מיין זאַך.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך! צום ערשט איין ברודער... דערנאָך דער צווייטער...

זי האָט אַן אויפגעבראַכטע געשריגן:

— איווע!... אָ!...

ער האָט שוין חרטה געהאַט.

— זייט מוחל!... ס'איז נישט אמת... דער ווייטיק רייסט פון מיר אַרויס ווערטער, וואָס איך האָב נישט אין זינען... זייט מוחל!

זי דערווייטערט זיך מיט טרערן אין די אויגן, מער אַ דערנידריקטע, ווי בייז. ער איז איר נאָכגעגאַנגען, פּרובירנדיק זי צו פאַרהאַלטן, זי אָנצונעמען ביי אַ האַנט... „זייט מוחל ספּי!... איך לייד אַזוי פיל!", נאָר זי האָט זיך אַרויסגעדרייט נישט ענטפערנדיק. זיי זענען אָנגעקומען צו דער טעראַסע אין דעם מאָמענט ווען לע גערן איז אַרויסגעקומען.

— אָ! איר זייט דאָ מיינע קינדער!

ער האָט זיי אַרומגענומען מיט זיין קלאָרן און דורכדרינגלעכן בליק, אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ צייטונג, וועלכע ער האָט דערלאַנגט איווע.

— האָסט געלייענט?... דיין פריינט, דער לופט-פליער הוגו פּורניע...

— ניין, וואָס איז?

ספּי האָט גיך זיך אַראָפּגעבויגן צו דער אויסגעשפּרייטע צייטונג, וואו צווישן די פאַרפּאַלן האָט זיך געפונען דאָס בילד פון קרבן (הוגו) און פון דער מערדערין (מאַריאַ). זיי האָבן צוזאַמען אויסגעלאָזט דעם אייגענעם אויסרוף: „דאָס האָט געמוזט אַזוי זיך ענדיקן!".

— משוגעים! — זאָגט לע גערן, — די ליבע אויף אַזאַ אופן קומט פון משוגעים-הויז... קומט אַריין צו מיר אין ביוראָ — האָט ער געזאָגט צו ספּי, אַ פאַרזונקענער ווידער אין זיינע

נעדאנקען. — דו, איווע, דערווייטער זיך נישט, איך וועל דיך דארפן...

ער האָט זיי איבערגעלאָזט, אומרואיקע... וואָס טראַכט ער?... זיי האָבן זיך פיינטלעך איבערגעקוקט, דאַן האָט איווע קאַלט פאַרגעלייגט... מאריאָ האָט, געפּונענדיק איר געליבטן אין אַ נאַכט-קאַבאַרעט, אויסגעשאָסן צו אים דריי מאָל פון אַ רעוואָלווער. בלויז איין קויל האָט אים געטראָפן אין דער לינקער זייט. מיינענדיק, אַז ער איז טויט און נאָך איידער מען האָט באַוויזן איר אָפּצוהאַלטן, האָט זי זיך דערשאָסן מיט אַ קויל אין האַרץ.

— אָרימע מאריאָ! — האָט ספּי אָפּגעזיפצט.

— באַדויערט איר נישט. הוגו וועט געזונט ווערן. זי וועט שוין אָבער מער נישט ליידן... נאָך אַלעם איז דער טויט פונקט אַזאַ אויסוועג, ווי עפּעס אַנדערש.

זי האָט אים אָנגעקוקט אַ צעמישטע:

— איר! איר זאָגט דאָס?

ער האָט אַרויסגעקייכט:

— פאַרוואָס נישט? יעדער האָט דאָס רעכט צו טון מיט זיך, וואָס ער וויל...

ער איז פאַרשוואונדן אין לאַבאָראַטאָריע און זי איז געבליבן ווי צוגעשמידט צום אָרט... ניין! ס'איז צו נאַריש, ער וועט דאָס נישט טון! ענדלעך קומט זי צו זיך, גייט אַריין אין ביוראָ און זאָגט מיט אַזאַ געריירט קול: „וועלכע פּאַפּירן זאָל איך פאַרפּאַקן”, אַז לע גערן האָט גלייך אויפגעהערט שרייבן און איר אָנגעקוקט:

— וואָס איז אייך! איר האָט געקענט די מאריאָ?... נישט צוליב דעם וויינט איר?... (זי שאָקלט נעגאַטיוו מיטן קאָפּ)... קומט אַהער... ניין?... (ער שטעלט זיך אויף און גייט צו צו איר)... וואָס איז געשען?

דאַמאָלס האָט זי מיט איר גאַנצן פּיין פון אַן אומגליקלעך קינד אָנגעהאָנגען אין אים:

— נעמט מיך מיט! נעמט מיך מיט! נעמט נישט צו פון מיר דאָס גליק!

ער מאַכט איר אָוועק די האָר פון די אויגן, כדי בעסער צו פאַרשטיין אירע וויינענדיקע ווערטער.

— וואָס איז געשען?

לע גערן האָט אַ פאַרטראַכטער איבערגעחזרט:

— ער ליבט אייך, דאָס איז עס גאָר... ער איז אייער ליבהאָבער?

— ניין! ניין! איך האָב נישט קיין ליבהאָבער.

— פאַרוואָס־זשע וויל ער נישט, אַז איר זאָלט מיטפאָרן מיט מיר?

— ווייל ער ווייסט, אַז איך פאַרעה אייך!... רעדט מיט אים! גיט אים צו פאַרשטיין... נאָר נעמט מיך מיט... דאָס וועט מיר פאַרשאַפן אַזוי פיל פרייד!

— גוט, שיין נשמהלע. מען דאַרף מיך נישט ליבן.

מיט אַ צערטלעכע באַוועגונג דריקט זי זיך צו אים.

— ס׳איז שוין געשען!... איך קען נישט אַנדערש, איך האָב עס אים געזאָגט.

פּאַמעלעך, געלאַסן גלעט ער איר קאָפּ:

— איך בין נישט ווערט, מיין קינד, די מתּנה פון אַזאַ האַרץ, ווי אייער.

— אָ! יאָ!... עס איז נישט מעגלעך צו זיין לעבן אייך און נישט צו ווערן פאַרבלענדט...

— דאָס איז נישט קיין ליבע. איר באַוווּנדערט מיך, איך וויל עס זייער...

— איך ליב אייך! איך ליב אייך פון מיין גאַנצער נשמה! איך האָב אין מיר אַזוי פיל ליכט, צייט איך קען אייך! איך קען איצט נישט לעבן, ווי נאָר פאַר אייך!

דאָס בעטנדיקע פּנים איז אַזוי נאָענט... ווידער גליטשט זיך אַ באַהאַלטענער אומרו... די חושים פון מאַן הייבן אָן צי־טערן... ער, וועלכער האָט ביז איצט באַהערשט אַלע קערפּער־לעכע פאַרלאַנגען, כדי צו לאָזן פריי זיך אויסשפּרייטן דאָס

גייסטיקע לעבן, ער, וועלכער האָט פּראַכטעט יעדע קערפּער־לעכע פרייד, וואָס פאַרפאָלגט און ברענגט צו דעם ניוואָ פון אַ חיה, ער, דער אומבאַפלעקטער, דער זיגער, דער אָנזאָגער,— וועט ער איצט פאַרניכטן דאָס אַלץ צוליבן באַזיץ פון אַ באַ־הערשנדיק ווערן. אָפּשטאַרבן?...

ער רוקט פון זיך אָפּ אַביסל דעם הייסן קערפּער. ער פאַרמאַכט די אויגן, כּדי נישט אַרויסצוווייזן דעם קאַמף, וואָס שטורעמט אין אים, די גלוסטונג, וואָס קעמפט מיט אים און דערמוטיקט אים: „איר זייט ביידע פריי. די דאָזיקע פרויען־צערטלעכקייט וועט דיר איצט, ווען הייבסט שוין אָן אַלט צו ווערן, זיין אַן אומאָפּשאַצבאַרער אוצר... אויב אַפילו דו ווילסט זיך נישט בינדן מיט אַ חבר, וועט דאָס דאָזיקע קינד באַשטיין צו זיין בלויז דיין געליבטער. ווער ווייסט אויב נאָך אַזאַ לאַנגע אַבסטינענץ, וועט דיר די פיזישע פרייד נישט פאַרשאַפן אַ פרישע אויפלעבונג?” אָבער טיפער האָט אַ צווייט קול געענט־פערט: „אָדער אַ דעקאַדענץ?” דאָס פרישע רויטע מויל לייגט פאַר זיין בעכער... ער בייגט זיך איין צו טרינקען און פלוצלינג באַפרייט ער זיך פון דער פאַרפירערין און שטופּט איר אַוועק:

— ניין, מיין קינד, עס וואָלט געווען שלעכט פון מיין זייט. איך ליב אייך נישט... (זי לייגט צונויף די הענט. פון פאַרצווייפלונג? פאַר אַ געבעט? ער גייט הין און צוריק אַ צערודערטער און מורמלט)... פאַרוואָס זייט איר געקומען ריידן וועגן דעם צו איינעם, וואָס האָט אַלץ אַוועקגעגעבן און וויל גאָרנישט נעמען?

— זייט גוט, מעטר! איך בעט אייך בלויז, — נעכטן האָט איר עס אָנגענומען, איך האָב עס געפילט — מיך צו לאָזן אייך ליבן.

ער האָט אומרחמנותדיק ווייטער פאָרגעזעצט:

— דאָס גוטסקייט נאַרט, מיין קינד. גוטסקייט? דאָס איז אַמייסטן אַ געדאַנק, וואָס האָט נישט דעם מוט צו זיין אמתדיק. איך מוז אייך זאָגן, וואָס עס איז אַזוינס אייער ליבע, בכדי דאָס זאָל אַוועק פון מיר... (פון צייט צו צייט בלייבט ער שטיין

אום בעסער אונטערצושטרייכן זיין געדאַנק)... די מערסטע טייל פרויען בינדן זיך צו צו מענער, וועלכע זיי ליבן, ווייל זיי זענען מוטערס... דאָס באַדערפעניש זיך צו ווידמענען באַהערשט אייך, פילט אָן אייער האַרץ מיט אַ הייס געפיל... (ספּי, אָנ־געשפּאַרט ביי דער ביבליאָטעק, הערט אויס אָן אַ באַוועגונג)... איר זייט יונג, קלייבט אייך אויס אַ יונגן, איינעם, וואָס דאַרף מען זאָל אים העלפן, אונטערשטיצן דורך ליבע, מיר וואָלט איר בלויז געקענט שטערן מיט אייער ליבע. דער אַלטער מאַן וואָלט אפשר געקענט ווערן נאָך אַ מאַן צוליב אייך... פון אייך האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איר זייט ליידנשאַפטלעך געליבט דורך דעם, וועלכן איך באַטראַכט פאַר מיין זון, וועלכער איז אַלנ־פאַלס מיין גייסטיקער זון, דאָס איז שוין גענוג, אַז איך זאָל מיך צוריקציען... (ער האָט זיך דערנענטערט, כדי בעסער לאָזן אַריינדרינגען זיין געדאַנקען־גאַנג אין איר פאַרצווייפלטע אַנטוי־שונג)... פאַר מיר האָט דאָס לעבן נאָר איין ציל. נישט קיין תענוג, נישט קיין הנאה, נאָר פאָרשונג, זוכן, שטערונגען, אַלץ, ביי וואָס איך זאָל מיך קענען אויפהייבן, וואָס העכער... (לעזנ־דיק אין אירע פאַרטראָגענע אויגן אַ שטימען בונט, האָט ער פּאָטערלעך אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף אירע אַקסלען) איר שטרעבט צו גליק? אַ פאַרפאַלק קען עס געפינען נאָר אין אַ קינד, וואָס איז זייער המשך.

— וועלכע פרוי וואָלט נישט געווען גליקלעך אָפּצוגעבן איר לעבן, וויסנדיק, אַז דער המשך איז פון אַ מאַן אַ זשעניע!..

ער האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ:

— די אמתע מיסיע פון אונז, שוואַכע, איז אַלזאָ צו ברענגען אָן ליבע קינדער אויף דער וועלט?... איך האָב צופיל געליטן, אַז איך זאָל נאָך האָבן חשק אויפצוועקן דעם עלענט פון זיין גליקלעכן אומבאַוואוסטזיניקן שלאָף! דאָס לעבן! עס פילט מיך אָן מיט אַ גרויל!

— היינט... ווייל אייער וואונד קען נישט פאַרטראָגן קיין באַנדאַזש, דאָס לעבן, מיין קינד, איז פראַכטפול, און אייער אויפגאַבע איז עס פאַרצוזעצן.

זי האָט אַראָפּגעטרייסלט פון אירע אַקסל זיינע הענט:

— ניין! ניין! פאַרמשפּטן צו הונגער, דורשט, קרענק, שלעכטס, אומגערעכטיקייט, אומפאַרשטענדלעכקייט, דאָס אַלץ ביז די געפאַלענע עלטער, ביזן אומפאַרשטענדלעכן טויט!... ניין! אַזוי לאַנג ווי דאָס לעבן וועט אַזוי זיין וויל איך בעסער...

ער האָט זי אָנגענומען פאַר די האַנט און געצוואונגען צו קוקן אים אין די אויגן אַריין.

— איר וועט ענדערן אייער מיינונג, ווען איר וועט ליבן דעם, וואָס ליבט אייך... אַדאַנק די מוטערס, וועלכע זענען געווען שטאָלץ פון האָבן קינדער, ווען זיי האָבן עס געקענט, ווי די אַלע גרויסע מענטשן און געלערנטע זענען געבוירן געוואָרן. אַלע זייערע דערפינדונגען, וואָס פאַרבעסערן דאָס לעבן, און וואָס איז נאָך גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס מען וועט נאָך שאַפן, דאָס איבערצייגט אייך גאָרנישט? דערמאָנט זיך אין אייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, געליטערטע פרוי!... אפשר וואָלט דער, וועלכן איר וואָלט געקענט שאַפן, געווען דער-יעניקער, וואָס וואָלט געבראַנגט פאַרלייכטערונג צו דעם מענטשלעכן שלעכטס מער גליק,—ווער ווייסט?.. דאָס אומשטערבלעכקייט פון מענטשלעכן קעמערל!

די דורכדרינגלעכע רייד האָבן קעגן איר ווילן זיך דורכגעשלאָגן... אָפן פאַר אַלע אמתן האָט זי אומבאַוואוסטזיניק אויפגענומען די באַפרייענדיקע קערנער. זי האָט דאָך נישט געוואָלט אַזוי גיך זיך אונטערגעבן און האָט מיט פאַראַכטונג געזאָגט:

— אַלזאָ, מען דאַרף ווייטער פאָלגן די טראַדיציע... חתונה האָבן, זאָגט איר, און ווערן אַ מאַמע?

— ניין, נישט חתונה האָבן... מיטן תּנאַי, פאַרשטייט זיך, צו האָבן איין פּערזאָן!... די לעגאַלע פאַראייניקונג מיט זייער קייט שאַפט אַממייסטן טייל פרייע וועלף, הינט. און איך גלייב נישט אין קיין הינטישע בודע...

ער האָט ווייטער געשפּרייזט איבער דער פּאָדלאָגע מיט זיין ווייכן טריט. ספּיס פּנים האָט זיך אַביסל אויסגעלייטערט. זי האָט זיך געפרעגט מיט כמעט אַ רואיק קול:

— אַלזאָ, וואָס טוט מען?

— באַמיען זיך צו לעבן אומאָפּהענגיק. זיך ווערט זיין דורך אַן אומאויפהערלעכן באַנייאונג, דורך אַ פרייוויליקן דראַנג צו פאַרשטענדיקונג, צום וויסן, לערן פון יעדן. דערנאָך, ווען דער קערפּער וועט האָבן דיסציפּלינירט זיינע פאַרלאַנגען, און ווען מען האָט קינדער — אַלע געזונטע פּאָרפעלקער מוזן האָבן קינדער, אויב זיי זענען נאָר אין שטאַנד זיי צו דערציען — און דאַמאָלס חתונה האָבן. די חתונה וועט דאַן האָבן זיין אמתע באַדייטונג, אַ ציל, אַ הייליקונג... נאָר פאַר די, פאַרשטייט זיך, וואָס נויטיקן זיך אין אַ סאָציאַלער הייליקונג... (ער איז שטיין געבליבן פאַר איר, זי האָט צו אים געשמייכלט מיט דאַנקבאַר־קייט)... אָבער דענקט אייך איבער. איך וויל נישט, אַז איר זאָלט גלייבן אין מיר, נאָר אין זיך אַליין.

ער איז צו צום פענצטער און גערופן:

— איווע! קום אַרויף!

ספּי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אַוועקצוגיין, ער האָט זי פאַרהאַלטן.

— איר הייסט אים?

— נ—יין!

— אויב איר גלייבט, אַז איר ליבט מיך נאָך, זייט וויסן, אַז מיין גאַנצע האָפענונג לייג איך אויף אים.

איווע איז אַריינגעקומען. מען מוז גלייבן, אַז די געדאַנ־קען האָבן זייער פאַרבינדונגס־פעדים, ווייל נאָך איידער ער האָט זיך עפּעס געפרעגט, האָט זיך זיין פאַרפינצטערט פּנים אויס־געלייטערט.

— דו האָסט באַהאַלטן דיין צוטרויען צו מיר, איווע. און איך האָב דיך שיער נישט אומגליקלעך געמאַכט, נישט ווילנ־דיקערהייט. מיר האָבן ביידע, איך און מאַדאַם ארעלי, צעריסן די וואָלקנס, וואָס האָבן איר פאַרשטעלט דעם וועג. פון איצט אָן דאַרפסטו איר פירן... ווען זי וועט איינשטימען...

ביי די ווערטער האָבן די בלאַסע פּנימער זיך באַגאָסן מיט פאַרב. דער בליק פון איווע איז געגאַנגען פון איינעם

אויף דער אַנדערער איז נישט געוואוסט, וואָס צו טון. צוליב דער צעמישונג און שווייגן פון ספּי האָט ער נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. אין דעם האָט לע גערן באַפוילן:

— לאָזט מיך איצט אַליין זיך פאָרברייטן צום פאָרן, איך דאַרף נישט קיינעם...

ספּי האָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געפאָלגט, און איווע, וועלכער האָט שוין געהאַט געמאַכט עטלעכע טריט, האָט זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ דריי אום, צוגעגאַנגען צו זיין גרויסמוטיקן קרוב און אויסגעצויגן צו אים אַ האַנט:

— איך דאַנק, אנרי...

זיי זענען געבליבן אַליין. דער געלערנטער האָט מיט אַ הייב מיט די אַקסלען פאַרטריבן פון זיך די עמאָציע. מיט אָנערקענונג באַמערקט עס איווע און פרעגט זאָרגפעליק:

— האָסט נישט געברענגט קיין צו שווערן קרבן?...

לע גערן מעסט אים אָפּ מיט די אויגן. דאָס שאַרכזיניקייט פון פאַרליבטן האָט אים פלוצלינג באַליידיקט. איווע האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט אומגעשיקט געהאַנדלט און געמורמלט „פּאַרדאָן!" ער רוקט זיך אָפּ, נאָר מיט אַן אַנטשלאָסענע באַוועגונג נעמט אים דער איינזאַמער אָן ביי דער האַנט. זיין בליק איז ווידער געוואָרן רואיק און מיט פשטות אים געזאָגט:

— הער אויס די ווערטער פון טאַגאָרע: „אויב מיר גלייבן בלויז אין „איך", קלאַמערן מיר זיך פאַרצווייפלט אָן ביי אונזער אוצר, וואָס איז פאַר אונז די סיבה פון מפלה און געפאַלנקייט. אויב מיר גלייבן אין דער נשמה, נעמט דאָס נישט דויערהאַפטיקע לעבן אָן אַ באַדייטונג פון אייביקייט, און מיר קענען זיך דערלויבן צו פאַרלירן".

אינסטינקטיוו האָט איווע מיט אימפּעט זיך אַ כאַפּ געטון. דער מעטר האָט, קלאַפּנדיק אים פריינדלעך אין דער פּלייצע, זיך באַפרייט פון זיין אַרומנעמען און געזאָגט: „איצט, גיי". מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ האָט ער געזען אים אַרויסגיין.

ערשט דאַמאָלס האָט זיך זיין פּלייצע עטוואָס איינגעבויגן.

## IV

ערב-שבת. יעדער גרייט זיך צו פאָרן אויף וואַקאַנס, אָדער איז שוין געפאָרן... ביים סוף פון ברענענדיקן נאָכמיטאָג פילט זיך, פאַר די וועלכע בלייבן איבער, אַ יום-טובדיק-מעלאַנכאָלישע לופט. אַלץ איז פרייליך: דער הימל, וואו ס'ווערט פאַרפאַלן דער גערויש פון לעבן, די ביימער וואָס אָטעמען מיט אַלע בלעטער, די מענטשן, וואָס טוען אויס די אַרבעטס-מלבושים, וועלכע גלייכן זיך, טרייסלען פון זיך אַראָפּ דאָס מידקייט...

אַלץ לעבט אויף, אַחוץ ספּי.

זי וויל זיך נישט מודה זיין, אַז וואָס מער זי דערווייטערט זיך פון איר אַנטוישונג, אַלץ אַ גרעסערע אינערלעכע פאַרלייכטערונג דערפילט זי... זי האָט עפּעס אַזאַ מין ביטער פאַרגעניגן זיך צו גלייבן זיין געצוואונגען צו בלייבן איינע אַליין אין לאַבאָראַטאָריע, און וויל נישט דערלאָזן דעם געדאַנק אויב איוועס אָפּפאָרן קיין ברעטאַן, הייגט אין דער פרי, האָט נישט אַמאָל אַרויסגערופן אין איר די איצטיקע שטימונג פון פאַרלאָזנקייט...

זי האָט אים נישט געוואָלט באַגלייטן, ווייל עטינעט האָט געמוזט בלייבן נאָך עטלעכע טעג אין קליניק, און מאריסן האָט מען אַרויסגערופן קיין בלאָן-ברוג, צו די נייע אינסטאַלאַציעס פון עלעקטרישע רעגיסטער-אַפּאַראַטן אויף צו באַרעכענען דעם ים-דינאַמיזם. וועמענס רעזולטאַטן מען וואַרט אַזוי אָפּ...

איווע האָט שוין געקלערט פון אָפזאָגן זיך פון זיין געווינלעכן פאַמיליען-פעלערינאַזש, ער האָט זיך אָבער אונטערגעוואָרפן אונטער דער עצה פון פאַטראָן, וועלכער האָט אים אויסגעוויזן, אַז אַן איזאָלירונג פון עטלעכע טעג וועט ווירקן אויף ספּי, אַז זי זאָל אים מער אָפּשאַצן. מיט אַ פאַרבענקט האַרץ האָט ער זיך געזעצט אין זיין אויטאָ.

דער שטודיר-זאַל האָט באַקומען אַ פּנים פון אַ תּפיסה. זי עפנט די טיר, עס הערט זיך אַ גערויש פון אַ מאָטאָר, דאָס פאָרט דאָקטאָר ניווען קיין דאָוויל און לאָזט זיך אין וועג אַריין.

באַלד וועט דער פערציק-פערדיקער אויטאָמאָביל אַוועקפירן אַנרי לע גערן קיין פּאַריז, ווי אויך דעם דאָקטאָר עטיען... זי גייט זיך מיט זיי געזעגענען אין אָפּעראַציע-זאַל... מיט וועמען וועט זי רעדן אַ וואָרט?..

אַן אומעטיקע לאָזט זי זיך צו די שטייגן פון די מאַלפּעס. לילי און קלאַדיוס באַגריסן איר. איר בעסטער פריינד איז אָבער טעאָדאָר. זי דערזעענדיק ווייזט ער ארויס זיין פרייד דורך אַ הייזעריק רופן און רוקט ארויס אַ האַנט. זי גלעט אים פאַרטראַכטערהייט ...„דיר איז אויך אומעטיק?... מיר זענען ביידע אַליין אויף דער וועלט". אַזוי ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען קוקט ער איר אָן מיט זיינע גוטע אויגן, ענטפערנדיק מיט זיין סילאַבן-לשון... „וואָס זאָגסטו מיר, מיין גוטער טעאָדאָר? אַז דו האָסט אַ בראַוו האַרץ, און אַז דו ליידסט אויך פון דעם וואָס מען קען דיך נישט פאַרשטיין?.. זעסטו צווישן מענטשן איז אויך פאַראַן די אייגענע באַריערע... און נישט בלויז צוליב דער פאַרשידנקייט פון זייערע לשונות"...

גיכע טריט... זי דערזעט פון ווייטן, קומענדיק פון פּאַלאַץ, דעם דאָקטאָר עטיען, וועלכער לויפט ווי אַ משוגענער און שרייט צו איר, לויפנדיק ווייטער צו דער לאַבאָראַטאָריע:

— קומט גיך! עס איז געשען אַן אומגליק מיטן פאַטראָן!

זי לויפט אים פלינק נאָך, העלפט צונויפזוכן די נייטיקע זאַכן, און די הענט פול מיט פלעשלעך און קעסטלעך. אין אָפּגעהאַקטע ווערטער דערציילט ער איר וואָס ס'איז געשען:

— אַרויפֿגייענדיק אויף די הויפּט-טרעפּ... ער איז געגאַנ-גען זיך איבערטון... איין פּוס האָט זיך אויסגעגליטשט. ער איז געפֿאַלן הינטן אַרום... דער רעכטער אָרעם האָט זיך אָנגעשטויסן אָן פּענצטער און צעבראָכן די שויבן... ער האָט זיך צעשניטן... וואָלט ער נאָך געווען אָנגעטון אין ראָק, ער איז איצט געגאַנ-גען אָנטון!

— איר זייט זיכער, אַז דאָס איז דער אַרטער הומעראַל?

— נאָר וואָס דען?... ער בלוטיקט ווי אַן אָקס.

זיי האָבן זיך געאײַלט. איבערן גאַנצן וועג האָט זיך גע-צויגן אַ בלוטיקע ליניע. אין שטוב, זענען מאַרטען און זײַן ווײַב מאַריאַ געשטאַנען אַרום קראַנקן, וועלכער איז געלעגן אויס-געצויגן אַ פּאַרהלשטער.

ספּי האָט פֿאַרבראָכן מיט די הענט.

— אָ! ראַטעוועט אים, עטיען! ראַטעוועט אים!

— מיר וועלן זיך באַמיען... מאַרטען לעשט אויס, גענוג געקאָכט.

דער דאָקטאָר האָט, נישט אויפהערנדיק צו געבן אָנווײַ-זונגען, איבערגעבונדן דעם קאָמפּרעס. ער קוקט אויף ספּי און גיט אַ וואָרף צו:

— פֿאַראַן נאָר איין עצה... אַ בלוט-איבערגיסונג... נאָר ווער? ווער... וואָלט כאָטש איווע דאָ געווען!

— אָבער איך!... מײַן גאַנץ בלוט גיב איך פֿאַר אים!... ראַטעוועט אים!

זי ציט אויס אירע צוויי שיינע נאַקעטע הענט. עטיען דאַנקט איר מיט אַ טיפֿן בליק. מען טאָר נישט פֿאַרלירן קיין צײַט. יעדע מינוט, וואָס גייט אַוועק, דערשעפּט דעם פֿאַרוואונ-דעטן... מיט אַ פֿעסטע קאַלטבלוטיקייט גיט דער כירורג אַרויס באַפֿעלן, מיט די אויגן ווײַזט ער יעדן, וואָס ער האָט צו טון.

— דעם גרויסן טיש דאָ... לעבן בעט, פֿאַר דער געבעריין...

אַ מאַטראַץ מיט קישנס, איר מוזט זײַן פּונקטיק סאַנטימער העכער...

נאָכן צובונדן לע געגנס האַנט, צייכנט ער אָן דעם לויף

פון אָדער, דעזינפעקצירט די הויט. אַ שניט מיטן מעסער... דער אָדער איז אָפּגעטיילט פון פלייש. ווען מאַרטען דערלאַנגט דאָס רערל, שטעכט ער אַריין די נאָדל און פאַרפעסטיקט איר, ריידנדיק דערווייל צו ספּי, וועלכע וואַשט זיך אַרום מיט שפּירט.

— איך האָב נישט קיין צייט צו מאַכן קיין קאָנפראָנטאַציע. איך האָף, אַז אייערע בלוטן זענען נישט קייגנזועצלעך... פון אַ קרוב וואָלט עס בעסער געווען... מיר מוזן ריזיקירן... יאָ, ציט זיך אויס אויפן טיש... די לינקע האַנט, אַזוי... די קאָמפּרעסן און די צווענגלעך... (אין דער צייט, וואָס ער האָט ער האָט גערעדט, האָט ער אַריינגעשפּריצט אַ סערום דעם פאַרוואונדעטן) איר, מאַרי, האַלט פעסט צו מאַדאַם אָרעלי מיטן אָרעם-באַנד פּאַשאַן... העכער, איבערן עלנבויגן... געלאָזן... נישט אָנשטרענגען זיך...

ער האָט נישט פאַרלוירן פון אויג די אויפרעגונג פון זיין קאָלעגין.

— מאַרטען, די בעקאַר-נאָדל... איר זייט גרייט?

— יאָ, — זאָגט זי.

ווען ער האָט אַריינגעשטעקט די נאָדל, האָט זי נישט קיין ריר געטון מיט די ברעמען. דאָס בלוט האָט גלייך אָנגעהויבן שטראָמען דורכן אַנדערן עק נאָדל אין דער שיסל אַריין, וואו ס'איז געלעגן אַ סערום און וואָס האָט זיך געפונען צווישן ספּי און לע גערן... מיט אַנגסטן האָט זי געקוקט אויף דעם געדיכטן פליסיקייט, אויף דעם פאָדים רויטן לעבן, וואָס האָט זיך געשלענגלט, זיך צעשפּרייט...

דער פאַרוואונדעטער האָט איינגעזאַפּט פאַמעלעך, אַזוי פאַמעלעך, אַז קוקנדיק אויף זיינע גלעזערנע אויגן און מתים-דיק פּנים, האָט זי געטראַכט: „ער שטאַרבט! אָ! ווי שרעקלעך!..״ אַ לאַנגע טויטלעכע מינוט!... דאָס שטילקייט פון אָפּעראַטאָר, וואָס גאַפט אויף דער רעאַקציע, מאַכט אַ שווערן איינדרוק. מאַרטען האָט שוין דערלאַנגט אַ צווייטן סערום... עטיען טראַכט: „הונדערטאונפערציק גראַם איבערגעגאָסן... און גאָרנישט! פלוצלינג האָבן די ברעמען זיך אָנגעהויבן באַוועגן...

— ער איז געראַטעוועט, מיין פריינדין!... די פּופּציק גראַם, וואָס זענען נאָך געבליבן אין שיסל, וועלן זיין גענוג, נאָך אַביסעלע געדולד, און איר וועט אים האָבן צוריקגעגעבן דאָס לעבן!...

די בלאַסע באַקן הייבן זיך אָן צו באַפאַרבן. עטיען נעמט אַרויס די בעקאַר-נאָדל פון ספּיס האַנט, וועלכע הייבט אָן שוואַך צו ווערן... אַ קאָמפּרעס פון שפּירט... „דריקט צונויף די האַנט, אַז דער קאָמפּרעס זאָל פעסט האַלטן". ער דרייט זיך גיך אויס צום קראַנקן, וועלכער שטאַמלט עפּעס. די אויגן עפענען זיך. ביסלעכווייז פאַרענדיקט דער רויטער סטרום דאָס ווידעראויפלעבונג. לע גערן קומט צו זיך, פרעגט זיך אויס... אַן אומבאַשרייבלעכער בליק גלעט ספּי, וועלכע לאָזט זיך באַהערשן פון געוואַלטיקן רעזולטאַט און וויינט פאַר פרייד. אויפן באַפעל פון עטיען נעמט מאַרטען איר אויף די הענט און טראָגט זי אַרויס...

ווי נאָר זי איז צו זיך געקומען, איז זי אויפגעשפּרונגען. ביי יונגע ווענזס קומט גיך צוריק פאַרלוירן-בלוט... איין נאַכט פון אַ טיפן שלאָף און זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אין אַ בלאָען פרימאָרגן, ווען די גלאָקן האָבן געקלונגען און די באַנען האָבן געפּייפט, אַ באַנייטע אין אַ נייע וועלט.

איין מאָמענט איז גענוג, אַז דאָס לעבן זאָל זיך איבערדרייען איבער זיך אַליין.

לע גערנס פאַלן און דער דראַנג מיט וועלכן זי האָט אוועקגעגעבן איר אייגן סובסטאַנץ, — און שוין איז זי געוואָרן אַן אַנדערע. דאָס איז געשען איבערהויפּט דאַמאָלס, ווען זי האָט אים דערזען ליגן אין בעט מיט אַ פאַרבונדענע האַנט, ווען ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך מיט דער אַנדערע געזונטע האַנט און איר אַ קוש געטון אין שטערן, האָט זי פאַרשטאַנען זיין שטומען פאָטערלעכן דאַנק.

זי האָט געזאָגט צו זיך: „איך בין אים שולדיק געווען אַ העכער לעבן. דאַגעגן האָב איך אים געגעבן מיין בלוט... דורך מיר איז זיין עקזיסטענץ פאַרלענגערט געוואָרן, מיר זענען

אַלזאָ, קוויט". זיין אָפּזאָג פון וועלכן זי האָט געליטן האָט איצט פאַרלוירן זיין ביטערקייט. זי דערמאָנט זיך אין זיינע ווערטער: „אַלע פרויען זענען אַלע מוטערס". אַן אינסטינקט, וואָס רייניקט אין איר אויס אַלע אומרואיקע געפילן. זי איז באַפרידיקט, באַרואיקט. זי איז צופרידן פון איר באַפרייונג און פון דערגרייכן אים פאַר אַזאַ טייער אָפּערדיקן פרייז...

אַ שטאָלץ באַפרידיקונג איז דאָס זען, ווי פון שעה צו שעה ווערט איר טייערער פּאַטראָן געשטאַרקט! היינט ביינאַכט, ווען איווע וועט דאָ זיין, (מען האָט צו אים גלייך טעלעפאָנירט אויף וואָס ער האָט געענטפערט: „איך קום!") וועט ער אים געפינען אָפּגעשוואַכט, אָבער כמעט אַזוי ווי ער האָט אים איבערגעלאָזט.

ספּי מעסט דעם וועג, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט פון דער צייט אָן ווען זי איז אַ דאַנק איווע אַרויף אויף דעם וועג, וואָס פירט אַרויף... אָפּלעבנדיק אומבאַפלעקט פינף חדשים אין קרייז פון די דאָזיקע מענער, איז איר באַדערפעניש צו ווידמענען זיך, צו ליבן, געוואָרן אַלץ גרעסער. זי האָט זיך דערנענטערט צו אַ רומפולער לעבן. איר פאַרערונג, איר דאַנק־באַרקייט האָט איר געגעבן... זי קלערט וועגן גרויסן מאַן מיט פאַרבלענדונג, און פון איווע מיט מער זיסקייט...

דאָס לעבן האָט איצט ווידער אָנגענומען זיין נאָרמאַלן לויף.

איווע האָט איצט, צוזאַמען מיט דער האָפענונג, צוריק באַקומען זיין גלייכגעוויכט. דאָס איז שוין נישט מער דער זיפ־צער, וועמענס אויפפירן זיך ווערט נימאס, וועמענס נאָכלויפן דענערווירט. דאָס איז איצט אַן אינטעליגענט און פילבאַר ווזן אין וועמען ספּי האָט צום ערשט מיט אַ געוויסע דערשטוינונג, דערנאָך מיט אַ נייער סימפּאַטיע, באַמערקט אַזעלכע אייגנשאַפטן, וועלכע זי האָט ביז איצט נישט געקענט באַמערקן: די זעלבע קלאָרזיכטיקייט, קריטישן חוש און רייפן געהאַנק, די אייגענע גיכע אַנטשלאָסנקייט ביים תּלמיד, אַזוי ווי ביים לערער. אויך די אייגענע דויערנדיקע ענערגיע, נאָר עטוואָס ווייניקער אויטאָ־ריטעטיש, אַ מער געלאַסענע איבערצייגונג, ווייל ווייניקער גרויס...

די שעהן, טעג און וואָכן לויפן אַוועק. די צייט שפינט אַרום זיי אַ נייע אַטמאָספערע, וועקט אויף געפילן און שטאַרקט די בלוטן. נייע נשמות און נייע קערפערס.

אַנרי לע גערן איז פאַרבליבן פּאַטראָן, זי האָט אים ליב, וועט אים שטענדיק ליב האָבן, נאָר אַזוי ווי אַ נישט מאַטעריעלע פאַרקערפערונג, אַזוי ווי כמעט אַן אַבסטראַקטן ביישפּיל פון אידעאַל, פון אַ אַבסאָלוטיזם. ער האָט געריכטעט אין איר דעם שטראָם, וואָס האָט זיך דורכגעבויערט אַ וועג און געפונען אַ ריכטונג.

אַנרי שטראַלט מיט זיין פּרעכטיקן זומער־צויבער. ספּי לאָזט זיך פירן פון לעבן, באַהערשט פון אַ גלייכגעוויכט, וואָס גיט זיך וויל־לאָז איבער דער צוקונפט, וועגן וועלכע זי וויל גאָרנישט טראַכטן. אין דעם טונקעלן חדר פון אירע געדאַנקען, וואו אַלץ פלעגט אָפּשפּיגלען מיט אַ פיין פילבאַרע ליכטיקייט, זענען איצט די אויסערלעכע איינדרוקן אַריין מיט זייער בינען־געראויש און צוריק אַרויס, ווי זיי זענען געקומען.

אַן אמתע פרייד איז געווען צו זען עטינען אַוועקפאָרן אַלס רעקאָנוואַלעסצענט קיין באַן־ברוג מיט מאַריסן. אונטער דעם שטרענגן גלעטן פון ים־ווינט, ביי דער אָנגענעמקייט פון ברעטאַנער הימל וועט זי גיך צוריק באַקומען, אויב נישט איר פלינקייט איז אירע לעבעדיקע פאַרבן.

ביי דעם פאָרפאַל האָט זי פאַרדינט דאָס, וואָס זי האָט פאַרלוירן ליאָנעל האָטס... נאָך גוט, וואָס זי האָט זיך באַפרייט פון דעם בלוט־זויגער! דאָס האָט איר אויך אונטער מאַריסנס זאָרגפולער ווירקונג — נאָך בולטער איבערצייגט אין דער נישט־קייט און אומניצלעכקייט פון סאַלאָן־לעבן.

פאַרן אַוועקפאָרן האָט זי איינגעפירט אָרדענונג אין איר הויז. די מוטער האָט זי איבערגעלאָזט אונטער דער השגחה פון זשאַזעפן, וועלכער איז געוואוינט צו אַן איינפאַך לעבן. די גרויסאַרטיקע אַרטור און מאַרי האָט מען געבעטן זיך זוכן ערגעץ אַנדערש אַ פּאָסטן, וואָס זאָל זיין מער צוגעפּאַסט צום כבוד פון ה׳ און מ׳ רוסקאַי. אפילו רענע האָט מען אויך פאַר־

ביטן אויף אַן אַנדערן מער געמעסיקטן יונגן שאָפער. אַ וואוילער טיפ נאָך אַלעם. טראָץ זיינע היציקע אידעען! מען האָט זיך צעשיידט ווי גוטע־פריינט מיט אַ גוטע אַנטשעדיקונג. אַ שיקל־דיקער! האָסט געזען ווי מזלדיק ער איז מיר געווען?...

ספּי האָט צייט דעם אָפּפאָרן פון איר פריינדין נישט פאַרלאָזט רומבוע. דער וואַלד מיט זיינע גרויסע אַלעען און קושאַקעס ווילדע רויטע וואַלד־בערעלעך, האָבן פאַרכישופט אירע זונטיקן בעת די אויספלוגן מיט איווע אין אויטאָ. אַנרי לע גערן האָט מען ווייניקער געזען. שטענדיק פאַרטון ביי די עקס־פּערימענטן ביי זיך אין לאַבאָראַטאָריע אין „פּרינצן־פּאַרק“ וואו דער קאָלעדזש דע פראַנס האָט געלאָזט אויפבויען אַ נייע גע־ביידע. דאָס עסן געמיינזאַם אין שפּייזע־זאַל וואו עטיען, ניווען אָדער אַנדערע האָבן אָפּט געוויילט די אָנוועזנדע מיט זייער גוטן הומאָר, האָט מיטגעווירקט, אַז עס זאָלן זיך צוריק פאַר־בינדן די אינטימע באַציונג פון פאַרן קריזיס...

ווען דער פּאַטראָן איז דערביי געווען, האָט ספּי, אָן שום הינטער־כוונה, זיך געלאָזט שווימען מיטן שטראָם פון זייגע לעבנספולע ווערטער. בעת די אָנגענעמע שמועסן פלעגן באַהאַנדלט ווערן גרויסע סוזשעטן, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויפסניי מיט זייערע אייביקע פראַגעצייכנס. צוזאַמען האָבן זיי געשאַפן אַ סקיצע פון קינפטיקן פּאָטערלאַנד... פאַר־שטענדיקונג צווישן די מענטשן, דורך אַ גלייכע פאַרטיילונג פון פליכטן, אַן אומפאַרמיידלעכער אויסגלייך פון די קלאַסן, אַן אויסוויילן פון בעסערע פירער... שלום צווישן די נאַציעס צוליב דער נויטווענדיקייט זיך צו פאַרייניקן אָדער אונטערצוגיין...

בעת איינעם פון יענע פרימאָרגנס האָט דאָס גייסטרייכע קול דערקלערט: „נישט בלויז אַ פעדעראַציע פון פאַראייניק־טע שטאַטן פון אייראָפּע פאָדערן די שותפותדיקע עקאָ־נאָמישע אינטערעסן פון די פעלקער, נאָר אַ פעדעראַציע פון פאַראייניקטע שטאַטן פון דער וועלט... היינט איז עס אַן אוטאָפּיע, מאָרגן וועט עס זיין אַן אמת“. דעם אייגענעם טאָג

האָט ער זיי מודיע געווען, אַז אין קורצן וועט ער זיי פאַרלאָזן אויף אַ גענוג לאַנגע צייט.

— די אַרגענטינער רעגירונג, ווי איר ווייסט, בעט מיך שוין פון כמה יאָר, איך זאָל קומען האַלטן עטלעכע רעפעראַטן אין דער בוענאָס-איירעסער אוניווערסיטעט. איך האָב באַשלאָסן אָנצונעמען די איינלאַדונג שוין צוליב דעם, וואָס בראַזיליען ווינטשט איינצופירן דעם לימוד פון מיין מעטאָדע אין די דאָרטיקע שפיטעלער... (ספּיס געדאַנק איז אַריבער פון נאָבעלן געקנייטשטן פנים אויף דעם פיינעם און פרישן פנים פון איווע...)

— איך וועל פּראָפּיטירן פון דער רייזע און וועל לאָזן זיך אַהין, אַ שפּרונג טון קיין דינעדונאַ, וואו עטיען, וועמען איך נעם מיט, וועט אַדורכפירן די אָפּעראַציע, וואָס דאַרף פון קינפטיקן קעניג מאַכן אַ דורכשניטלעכן מענטש! איך בין נייגיריק צו זען אויב דער האָמאָגרעף אויף אַ יונגן תּם וועט געבן די זעלבע צופרידנשטעלנדיקע רעזולטאַטן, ווי דער האמאגרעף אויף דעם אַלטן רומפולן מאַרוסאַן...

איווע האָט מיט קיין שום זאַך נישט פאַרראַטן זיין גלייכגילטיקייט צו דער ידיעה וועגן דער נסיעה, וואָס דאַרף זיי איבערלאָזן אַליין, צוזאַמען. אָבער אַ בליק פון זיינע אויגן האָט אָפּגעשפּיגלט די גאַנצע נשמה זיינע...

די וואָרעמקייט פון דעם גייסטיקן פּליסיקייט, וואָס טראָגט זיך פון איינעם אויפן אַנדערן, האָט מיט יעדן טאָג מער אין איר אָריינגעדרונגען... זי האָט דערפילט די ערשטע צאַפּלען פון באַגערן וועמענס אומרו זי האָט שוין פון אַזוי לאַנג נישט געקענט!

ס'האָט איצט נישט מער געפעלט, אַז דער עולם זאָל אויפפלאַקערן און אַרומכאַפּן דאָס גאַנצע וועזן, ווי די הילף פון צופאַל: אַ געשעעניש, אַ־זשעסט, אַ בליק...

דאָס אומפאָראויסגעזעענע.

## VII

— פאַמעלעך !—בעט זיך עטינעט, וועלכע זיצט לעבן מאַריסן און גיט אַכטונג מיט אומרואיקייט אויף יעדן קרייץ-וועג. פאָרסט צו גיך. כ'האָב נישט קיין חשק ווידער צו צעברעכן דעם קאַ... אי!

אַ הונט איז דורכגעלאָפן, האָב נישט מורא. דיין לעבן איז מיר אַזוי טייער ווי מיינס.

ער באַרואיקט איר מיט אַ רואיקן שמייכל, אויסדרייענדיק עטוואָס צו איר ס'פנים.

— קוקט גלייך פאָרויס, שאָפער! — האָט זי באַפוילן מיט אַ געמאַכטער שנעלקייט.

זי האָט צו אים צוריק געשמייכלט פון גאַנצן האַרץ, גערירט פון זיין איבערגעגעבנקייט, וואָס ער האָט נישט אויפגעהערט אַרויסצווייזן צו איר. דער פאָרפאַל, ביי וועלכן זי האָט שיער נישט געפונען דעם טויט, האָט אין איר נישט איבערגעלאָזט קיין טיפע שפורן. אַ חוץ וואָס זי איז געוואָרן ערנסטער. אַביסל געניגט צו רעליגיע און אַ מאַנישע מורא פאַר אַ נייע קאַטאַסטראָפע. דאָס פריילעכע און פיינע פנים איז געבליבן ס'אייגענע.

זיי זענען צוריקגעקומען אַלע פיר פון ליאָנער וואָקזאַל, וואו זיי האָבן באַגלייט אַנרי לע גערן.

אַזוי ווי איוועס אויטאָמאָביל איז געווען אין גאַראַזש צוליב אַ קליינע רעפּעראַציע, האָט עטינעט זיי פאָרגעשלאָגן: „איר ווילט מען זאָל אייך פירן קיין ראָמבוע? מאָריס פּרובירט אויס דעם נייעם ראָללס-אויטאָ... קומט! קום, ספּישנעט! — קיין ראַמבוע נישט. פירט אונז ביז פּוען-דערזשור, מיר ווילן דאָרט זיין אויף דער אויסשטעלונג, זען די נייע דערפינדונגען...” דאָ האָט איר עטינעט אַ שטויס געטון מיטן עלנבויגן! — „אָט גייט דער אַלטער! ער שמייעט נאָך צו דיר! גריס צו אים כאָטש! זיי האָבן זיך ביידע קוים איינגעהאַלטן פון לאַכן. „ער איז באמת אויסגעצייכנט!”

דער אַלטער, דאָס איז געווען מאַרוסאַן, וועלכער איז געקומען צום באַן זיך געזעגענען און באַדאַנקען זיין רעטער. ער האָט זיך אַזוי געדרייט, אַז די צוויי יונגע פרויען זאָלן אים באַמערקן. זיין פאַרענדערונג איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ספּי, וועלכע האָט שוין דריי חדשים אים נישט געזען, האָט אין דעם אַלטן מאַן, וועלכער האָט געדריקט די האַנט פון טאַטראַן, נישט געקענט אים דערקענען. די פּלייצע אויסגעגלייכט, דאָס פּנים פון אַ געזונטן אויסזען, די האָר געפאַרבט. זאָל דאָס זיין דער אַלטער אַנטראַפּאָפּיטעק מיט די ווייסע האָר, וועלכער האָט געשטאַמלט?... ער איז צו צו זיי: „אַזוי גאָר, מאַדאַם, מען זאָגט שוין נישט קיין גוט-מאָרגן צו אַ פריינד?... (ער האָט גאַלאַנט אַ קוש געטון איר האַנט, צוואַרפנדיק איר אַ גאַווהדיקן בליק)... נו, אַוודאי, דאָס בין איך! אַדאַנק דעם וואונדער, בין איצט, אָנשטאָט פינף און זיבעציק, פופציק יאָר אַלט!... און בין גרייט דאָס אייך צו באַווייזן, אויב איר צווייפלט!...” זי האָט געענטפערט: „איך גלייב אייך אויפן וואָרט” און געטראַכט: „אויף דעם געביט וועסטו לאַנג נישט אויסהאַלטן!...”

— שוין! — זאָגט ספּי, וועלכע זיצט לעבן איווע און טאָרפעדא, און גיט אויך אַכטונג אויפן וועג. — בלייבט שטיין, מאַריס. מיר וועלן אַביסל גיין צופוס.

— דו דרייסט אונז אַ קאָפּ מיט דיין אויסשטעלונג פון פּאַלעבאַטישקייטן!... איר קענט דאָ נישט גיין װאָן אַנדערש

מאָל?... קודם איז איצט שוין צו שפּעט, מען גייט שוין פאַרמאַכן. מען האָט אָנגעהויבן פאַרבערענגען דעם טאָג צוזאַמען, דאַרף מען ענדיקן... מירן עסן צוזאַמען ביים 123-טן קילאָמעטער.

איווע און ספּי האָבן זיך באַראָטן.

— נו, וואָס האָט איר אַזויפיל זיך צו עצהן?... איר פאָרט מיט?... איר גייט אַראָפּ?...

— מיר גיין אַראָפּ. — האָט איווע אָפּגעהאַקט.

— אָ! איר!... מען זאָל אייך פאָלגן, וואָלט איר זי באַהאַלטן אונטער אַ שטאַרץ!... אָ, ווי זיי קיפּלען מיך די פּלאַטאָנישע פאַרליבטע!... עס גייט אים איצט גאָרנישט אָן, נאָר פאַר זיך!... נו, גוט, קריכט אַראָפּ, פּחדנים!... מען וועט זיך באַגיין אָן אייך. נישט אמת, רירי?

מאריס האָט שווייגנדיק מסכּים געווען מיט אַ צייכן מיטן קאָפּ. אין זיין זכרון פון אַ גליקלעכן מענטש האָט די פרייד, וואָס האָט געברענט אין איוועס אויגן, ווי אויך די נאַטירלעכע פּשוטקייט פון ספּי, נישט אויפגעוועקט מער, ווי אַ שוואַכע ווייטע דערינערונג, וואָס איז אים איצט געווען אַזוי פרעמד, אַז עס האָט נישט אַרויסגערופן קיין שום סעקסועלן געדאַנק. ער איז געווען אינגאַנצן פאַרנומען מיט עטיענעט, און די דאָזיקע ספּי, וועלכע האָט צו אים פריינטלעך אויסגעשטעקט די האַנט, איז געווען גאָר אַנדערש, ווי די, וועלכע ער האָט געהאַט אין זיינע אָרעמס. ס׳איז געווען אַן אַנדערע פרוי, וועגן וועלכער ער האָט געוואוסט נאָר איין זאַך: אַז זי איז געווען אויפריכטיק, אינטעליגענט און גוט.

שוין איז דער אויטאָ ווייטער געפלויגן. עטיענעט האָט זיי אַרויסגעשטעלט אַ לאַנגע צונג. אַליין, האָבן זיי איצט, איווע און ספּי, שווייגנדיק שפּאַצירט איבערן טראָטואַר פון אוועניו, וואו דער זוניקער שאָטן פון די קאַשטאַן-ביימער האָט דורכגעשניטן די באַגלידטע שטיינער. דער יולי-אזור האָט געפינקלט אָן אַ שום וואָלקן... מיט בענקשאַפט האָט מען געטראַכט פון דער נאַכטפרישקייט.

זי האָט די ערשטע אַרויסגעגעבן אירע געדאַנקען:

— מיט וואָס פאַר אַ צערטלעכן בליק האָט דער פּאַטראָן אונז פיר אַרומגענומען איידער דער צוג האָט גערירט. ער האָט קויס צייט געהאַט אַרויפצושפּרינגען אויפן וואַגאָן-טרעפּל.

עס האָט איר נאָך געקלונגען אין די אויערן זיינע לעצטע ווערטער: „זייט געזונט, מיינע קינדער, און שרייבט מיר רעגל-מעסיק פון אייך...״

— פון איצט אָן וועל איך מיין גאַנץ לעבן נאָר אין אים געדענקען, — האָט איווע געמורמלט מיט אַן עקזאַלטירט קול.

זיי זענען שטיל געבליבן... אין דער דאָזיקער צייט האָבן זייערע געדאַנקען אויסגעפלאָכטן אַ טאָפּלטע גירלאַנדע און עס אָנגעהאָנגען אויף דער דערינערונג וועגן גרויסן רייזנדן... פאַרן אָנהייב ווינטער וועלן זיי נישט צוריק זען דעם, וועמען זי האָט צו פאַרדאַנקען די אָריענטאַציע פון איר גורל, דאָס אויפדעקן פון נאַקעטן פעלד, וואָס איז אָנגעברייט אויפצונעמען די נייע זריעה פון גייסט און פון האַרץ. און ער, די דעראָבערונג פון גליק. פאָרויס פאַר זיי ביידע איז דאָס ליכט פון אַן אומבאַ-גרענעצטן האָריזאָנט!...

— וואָרט! — מאַכט איווע, איינהערנדיק זיך אַ מיליטער־ישע מוזיק.

זי איז נאָך געווען ווייט, אָבער זי האָט זיך דערנענטערט אין זייער ריכטונג. באַלד האָבן זיי דייטלעך געהערט דאָס מעטאַלענע געזאַנג פון די בלאָז-אינסטרומענטן. ס׳איז זיכער אַן אָפּטיילונג, וואָס גייט אָנטיילנעמען אין עפּעס אַ צערעמאָניע... זיי זענען, אַליין נישט באַמערקנדיק, צוגעקומען צו סען-קלו, וואו ס׳שפּרייט זיך אויס דאָס נייע פּאַריז. אומעטום אַרום נייע געביידעס אין מיטן בויען, וואו די געשעפטן זענען שוין גע-ווען אָפן.

ביים גערויש פון דער מוזיק זענען די נייגעריקע שטיין געבליבן, יונגוואַרג איז נאָכגעלאָפן נאָך דער אינפאַנטעריע-קאָמפּאַניע, וואָס האָט פאַרביימאַרשירט מיט אַ קאָלאָנעל אויף אַ פערד בראש, הינטער וועלכן ס׳איז געגאַנגען דער פאָן-טרעגער אַרומגערינגלט פון אַן ערן-וואַך.

שטיין בלייבנדיק אַ רגע ביים ראַנד פון טראָטואַר, האָט איווע און ספּי נאָכגעקוקט די דעפילאַדע. אַ יונגער לייטענאַנט מיט אַן אַנטבלויזטע שווערד איז אַרויס פון דער רייע און זיך אַ לאָז געטון צו זיי:

— זאָגט נאָר, איר, דער הער! איר קענט נישט סאַלוטירן די פאָן?... זאָל מען אייך אַרעסטירן, כדי אייך אויסצולערנען רעספּעקטירן דאָס פאָטערלאַנד?... שטיק בהמה!

איווע איז אויפגעשפּרונגען אַ דראָענדיקער:

— וואָס האָט איר געזאָגט?

דער אָפיציר האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אָרעם און אַ פייף געטון. עס זענען געקומען צו לויפן צוויי פּאָליציאַנטן. אַרום זיי איז באַלד אויסגעוואַקסן אַ מחנה מענטשן. דער אָפיציר האָט דערקלערט:

— דאָס רעספּעקטירט נישט דעם פאָן! און דערצו נאָך באַליידיקט עס די אַרמיי...

עס הערט זיך אַ פיינטלעך מורמלעריי, און אין דער צייט ווען ספּי שרייט: „ס'איז נידערטרעכטיק!..." און איווע, ווען די פּאָליציאַנטן האַלטן צו ביי די הענט, וויל זיך אַרויסרייסן, גיט דער לייטענאַנט, וועלכער גייט צוריק אין דער רייע, אַ געשריי צו די צוויי אָרדענונג־האַלטער:

— פירט אים אַוועק אין צירקל און לערנט אים אָן.

ספּי, אויסער זיך, חזרט איבער מיט אַ פאַרשטיקט קול:

— דאָס איז נידערטרעכטיק! ער האָט גאָרנישט געזאָגט. לאָזט אים אָפּ! איר ווייסט נישט מיט וועמען איר האָט צו טון!..

איינער פון די צוויי פּאָליציאַנטן, וואָס האָט געהאַט אַ בענדל, האָט בייז געוואָרטשעט, שטויסנדיק זיי פאָרויס:

— מען קען איר שוין די דאָזיקע!... גייט, גייט! מען וועט זיך שוין שפּעטער אויסטעהנען.

מיט צונויפגעדריקטע פויסטן און כעסדיק האַרץ האָט איווע מאַרשירט צוזאַמען מיט ספּי. פון צייט צו צייט האָבן זיי זיך איבערגעוואָרפן מיט אַ בליק. געבן צו פאַרשטיין די דאָזיקע אויטאָמאַטן, צו וואָס וועט דאָס נוצן? דער דאָקטאָר

האָט קוים אויסגעפּועלט, אַז מען זאָל אַראָפּנעמען פון אים די ברוטאַלע הענט. אין פּאָסט אויף בולוואַר מורא איז קיינער נישט געווען, אַחוץ אַ צענדליק פּאָליציאַנטן. דער סעקרעטאַר איז גע־האַט אַוועקגעגאַנגען און דער הער קאָמיסאַר דאַרף אָנקומען נישט פריער, ווי מאָרגן אינדערפרי.

זיצנדיק אין דער פּאַרציפּושדיקער שטוב אויף אַ באַנק איינער נעבן אַנדערן, נאָכן פאַרשרייבן זייערע נעמען און אַד־רעסן און אָפּגעהיטן מיט אַ פּאַרדעכטיק אויג דורכן פּאָליציאַנט מיטן בענדל, האָבן איווע און ספּי אָפּגעוואַרט צוויי שעה ביז ס'איז געלונגען צו געפינען דורכן טעלעפאָן דעם הער קאָמי־סאַר בכבודו בעצמו. אומזיסט האָט איווע, ווי אויך ספּי, וועלכע האָבן נישט געהאַט ביי זיך קיין דאָקומענטן, זיך געבעטן, אַז מען זאָל זיי דערלויבן אָנצוקלינגען אין דער פּרעפעקטורע... מען האָט זיי נישט ענטפערנדיק אָנגעקוקט מיט פאַראַכטונג.

ענדלעך, אָנגעטון אין אַ סמאָקינג אונטער אַ העל איבער־מאַנטל, — שטאַרק זיך יאָגנדיק, ווייל ער איז פאַרבעטן ביי פריינט צום מאָלצייט, — איז ה׳ פּערלאָ, דער משגיח פון אָרדע־נונג פון דעם קוואַרטאַל, דערשינען אַ צאָרנדיקער, און באַלד געוואָרן ווייכער ביים נאָמען פון אַנרי לע גערן. זיין פּנים איז גאָר געוואָרן פאַרענדערט, ווען איווע האָט געבעטן טעלעפאָנירן צו זיין פריינד מאַרטינע, קאַבינעט־שעף פון דער פּאָליציי־פּרעפעקטור:

— אָבער ניין! אָבער ניין! איך גלייב אייך... איך האָב באמת עגמת־נפש! זייט זיכער, אַז מען וועט זיי באַשטראָפן. איך בעט אייך מיך לאָזן אַליין אָננעמען די געהעריקע מיטלען, אַז דער אינצידענט פאַר וועלכן איך דריק אייך אויס מיין אַנטשולדיקונג זאָל באַקומען זיין דערליידיקונג, ווי עס פאָ־דערט זיך...

צו דער שטוינונג פון דעם גאַנצן צירקל, וואו ס'האָט אויסגעזען, ווי אַ דונער וואָלט דאָ אַריין, האָט איווע און ספּי זיך געזעגנט מיטן קאָמיסאַר, וועלכער האָט זיך געבויגן אין

דרייען, און וועלכער האָט נישט געוואוסט אין וואָס פאַר אַ ווערטער אויסצודריקן זיין חרטה.

אינדרויסן איז נאָך געווען גרויסער טאָג. זיי זענען אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט. נאָך דעם ווי זייער כעס־עקסטאַז איז פאַרשוואונדן, זענען זיי געבליבן, ווי פאַרטויבט, פּלוצלינג מיד. צוליב דעם, וואָס דער פּאָרפאַל האָט געטראָפן ביידע צוזאַמען, האָבן זיי זיך געפילט נענטער פּאַראייניקט, אויפגערעגט צוליבן זעלבן פּאַרדרוס.

ספּי האָט די ערשטע געמורמלט:

— וואָס פאַר אַ מאָנסטרעדיקע זאַך ס'איז דער געוואַלד.

איווע, וועלכער האָט ביסלעכווייז צוריקבאַקומען זיין רואיקייט, האָט אונטערגעשטראָכן:

— איבערהויפּט דאַן, ווען מען איז דער קרבן.

— ריכטיק, דאָס ווילדקייט פון די טויבע און בלינדע, וואָס איז מיר אויסגעקומען צו פילן, האָט אַריינגעברענגט אין מיין האַרץ דעם גאַנצן בונד פון אונטערדריקטע...

— אַלנפאַלס, — האָט איווע קאָנסטאַטירט, — האָט מען אונז קאַליע געמאַכט אַן אָוונט... וואו גייט מען איצט? וואו ווילט איר עסן נאַכט־עסן?

— מיך הונגערט נישט.

ס'איז פאַרביי אַן אָפענע טאַקסי. ס איז זיי ביידע איינגעפאַלן דער אייגענער געדאַנק. „אפשר הייסן זיך פירן קיין ראמבויע?...” זיי האָבן צוגערופן דעם אויטאָ, אַ שיינער און אַ קאָמפאָרטפולער אורבען־מאַרקע, וועלכער האָט זיי גלייך פאַרטראָגן צו דער בריק פון סען קלו. זיי זענען דאָרט אָנגעקומען נאָך איידער מען האָט פאַרמאַכט דאָס טויער פון פאַרצייטישן פּאַלאַץ.

— לאָמיר אַדורכפאָרן דעם פּאַרק, — האָט ספּי פאָרגעלייגט.

די מאַיעסטעטישע אַלעען, די וואַרימע שטילקייט, דער ריח פון די יונגע ביימלעך האָט זיי איינגאַנצן באַרואיקט. דאָ און דאָרט האָבן זיך אויפגעהויבן גלייכע און גראַציעזע סטאַטועס.

— יאָ, — מאַכט איווע, — דאָס שמעקט בעסער, ווי דער צירקל־קאַסטן!

זיי האָבן איצט אין אַ פולשטענדיקע האַרמאָניע פון געפילן זיך געביטן מיט די מיינונגען... די שיינע געדאַנקען פון לעגערן: „רעספּעקטיר זיך אַליין, האָט ליב איינער דעם אַנדערן...״ ווי ווייט איז נאָך די מאָסע, און אַפילו זייערע אויסדערוויילטע, ווייט פון דעם!... ווי טרויעריק איז צו פילן דאָס אומגערעכטיקייט פון ווילן אַנטקייגן די גראָבע וואַנט פון מענטשלעכע געמיינקייט.

פון זייערע געדאַנקען, וועלכע זענען געווען ענג פאַרבונדן מיט זייער קערפּער דורך אַ ליבלעכע צוציִונגס־קראַפט, האָט זיך איינגעשטעלט דער געהיימניספולער קאָנטאַקט וועגן וועלכן זיי האָבן זיך קיין רעכענונג נישט אָפּגעגעבן. ספּי האָט דערזען, אַז זיי זיצן נאָענט איינער צום אַנדערן. זי איז רויט געוואָרן ביי דער אָנגענעמער באַרירונג. זיי האָבן זיך טיף איבערגעקוקט... זי האָט אָן אַ וואָרט גענומען זיין האַנט און צערטלעך געהאַלטן.

דער אורבען־אויטאָ איז איצט געפאָרן אין דער וואַרימער נאַכט. די רייען עפּלביימער זענען ביי דער שיין פון די רעפלעקטאָרן אַרויס זיי אַנטקייגן און ווידער פאַרשוואונדן אין דעם בלאָען וועלאַר. דער הימל האָט אויסגעזען, ווי איין ציטער פון שטערן.

זיי האָבן גערעדט מיט הפסקות, אַדורכגענומען פון דער מחיהדיקער איינזאַמקייט און דעם געפיל, אַז נאָר זיי ביידע פילן דאָס אויס. ספּי האָט אויפגעציטערט. אַן אומרואיקייט, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ משונהדיק פאַרגעניגן, האָט איר צום ערשטן מאָל אויפגערעדט. זי האָט געלאָזט איר קאָפּ אַראָפּפאַלן אויף זיין אַקסל... ער האָט געהערט, ווי אונטער דער קליינער ברוסט, וועלכע דער אינסטינקט האָט אונטערגעהויבן, דאָס טומלדיקע קלאַפּן פון איר האַרץ. און אַזוי די גאַנצע צייט, גלייך דער דראַנג פון גאַנצן לעבן וואָלט דאָ אָפּגעהילכט, מיט זיין מיטרייסנדיקן און אוניווערסאַלן ריטם.

איצט האָט זיך אויף רעכטס און לינקס אויסגעשפּרייט דער וואַלד מיט זיין טיפער געדיכטקייט. עס הויבן זיך באַוויזן

די ערשטע ליכט-שטראַלן פון ראַמבויע. זיי זענען ביי זיך. די לאַבאָראַטאָריע, די מענאַזשעריע, דער פּאַלאַץ, אַלץ שלאָפט. זיי האָבן זיך געזעגנט מיט אַ וואַרימען קוש, ביי דער שוועל פון זייערע צימערן. וואו זייערע קערפּער האָבן זיך נישט געוואָלט צעשיידן...

— אויף ווידערזען ביז מאָרגן.

מאַכנדיק זיך די טואַלעט, און בלייבנדיק אונטער דעם קאַלטן שפּריצער לענגער, ווי געוויינלעך, האָט ספּי מיט איבערראַשונג באַמערקט, אַז דאָס האָט אַבסאָלוט גאָרנישט אָפּגעקילט אין איר די היץ. דער ריח פון דער גאַנצער ערד דורכגענומען פון דער נאַכטיקער לופט האָט זיך אַריינבאַקומען דורכן פענצטער און איר אַרומגענומען. זי האָט געבלאָנדזשעט אין אירע געדאַנקען איבער אַלע ווינקעלעך פון איר באַוואוסטזיין, נישט פאַרשטייענדיק, אַז דאָס האָט דער אינסטינקט פון קערפּער, דאָס אונטערבאַוואוסטזיין זי מיטגעריסן...

— איך ווער דערשטיקט, — האָט זי געזיפצט.

זי האָט געטראַכט: „ער שלאָפט?...“ זי איז געשטאַנען נאַקעט פאַרן שפּיגל: זי האָט געקוקט אויף אירע צוויי קליינע האַרטע בריסטן, מוסקולירטן בויך און צווישן דעם לאַנגן שויס, דער ברוינער זיידערנער נעסט...

זי האָט אויפגעציטערט; אַ גערויש פון טיר!... עמעצער האָט איר פאַמעלעך געעפנט... איווע!... זאָל זי האָבן פאַרגעסן צו פאַרשליסן?... אָדער אַ נישט וועלן זיך מודה זיין?... זי האָט שטום געקוקט אויף אים און אויסגעפונען, אַז ער זעט אויס הערלעך אין דער פּיזשאַמע. און דאַן האָט זי מיטאַמאָל אַ קלער געטון, אַז זי איז נאַקעט, און נישט טראַכטנדיק, אַז אַזוי-אַרום ווייזט זי בעסער דאָס איבריקע, האָט זי מיט ביידע הענט באַהאַלטן דאָס פּנים. ער האָט זיך מער נישט געוואַקלט, זיך אַ וואָרף געטון און זי אַרומגענומען.

ביי דעם שטייפן און ברענענדיקן קאָנטאַקט איז יעדער מין ווילן צערונען געוואָרן. מיטאַמאָל האָט זי זיך געפונען

אויסגעצויגן אויפן בעט, און א ווילנדיקע, געפלאצט אונטער זיינע קושן...

ווען זי איז צו זיך געקומען און אירע אויגן האבן דער־זען זייער נאקעטקייט, האט איוועס בליק אזוי פארליבט איר ארומגענומען, זי האט אין אים ארויסגעלייענט אזוי פיל שטראלנ־דיקע דאנקבארקייט און פרייד, אז זי האט אים מיט דער האנט ארומגענומען ארום האלדז און זיך ענג געטוליעט צו זיין הארץ.

## VIII

ס'איז געשען דער נס פון דער אמתער ליבע.

ספּי איז אין איוועס אויגן געווען די ערשטע, די איינציקע פרוי, וואָס ער האָט ווען עס איז געקענט און באַזיצן, אַזוי ווי איווע איז אין ספּיס אויגן געווען דער ערשטער, דער איינציקער מאַן, וואָס האָט ווען עס איז פאַר איר עקזיסטירט. ביי דעם פלאַם פון זייער קדושה, — פון וואַנען אַ ניי אומבאַפלעקט וועזן איז געבוירן געוואָרן, — זענען אַלע וויטיקן, די פאַרביטערונגען, קנאה, געמיינע אינסטינקטן, דער גאַנצער אָפּזאַץ פון זייער פאַרגאַנגענע עקזיסטענץ, איז צערונען, פאַרשוואונדן אונטער דעם גרויסן אָטעם-צוג פון רייניקונגס-פייער.

אַ באַדערפעניש צו שאַפן אין זייער טרוים אַ נייעווירקלעכקייט, זיך נאָך פולשטענדיקער אָנצוגעהערן אין דער אָפּגעזונדערטקייט פון זייער אוניווערס, האָט זיי געטריבן, באַלד אויף מאָרגן נאָך דער העכסטער מתנה, צו טראַכטן: „אַזוי ווי ניוועןרעכנט נישט צו פאָרן אין וואקאנס פריער ווי אין סעפּטעמבער, וואָלט מען אים אפשר איבערגעלאָזט אַליין אין לאַבאָראַטאָריע? מיר וואָלטן געווען צוריק אין סוף אויגוסט...“.

ביי דעם פריילעכן מאָטאָר-גערויש פון זייער אויטאָ זענען זיי אָפּגעפאָרן. וויסנדיק, אַז זי וועט נישט קענען פאַרשאַפן איווען קיין גרעסער פאַרגעניגן, ווי זיך לאָזן פירן פון

אים איבער די ערטער אין בּרעטאַן, וועלכע זי קען נאָך ניט, זענען זיי אַרומגעפאָרן איבערן גאַנצן צפון-ברעג, געווען אויף אַלע גרויסע פּלאַזשע-ערטער און פעלז-ברעגן... אָבער אומעטום איז געווען פול מיט ווילי'עס.

זיי האָבן געמיינט, אַז אין דיבאַן האָבן זיי שוין יאָ עפּעס געפונען. זיי זענען דאָרט אָנגעקומען אין אַ הייסן נאָכמיטאָג דורך דעם וואונדערשיינעם וועג פון סען-זשאַן דו דואַג קיין פּלוגאַנו. דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג זענען זיי געווען אינגאַנצן אַליין, נאָר מיט דעם גרינעם פעלד און גראַנדיעזע פעלזן, וועלכע דער ים האָט געשמיסן ביים ברעג פון פרימעטער קאָפּ בלאַן, פון וואַנען מען האָט געזען די זון אונטערגיין, איינהיילנדיק אין פורפור און אין גאָלד, דאָס אינזל באַטז. ווייטער האָט זיך געזען קאַראַנטעק מיט זיינע קלאָרע ליניעס, און נאָך ווייטער דעם שטיינערנעם שפּיץ פון קרעיסקער, דעם גלאָק פון סען-פּאָל-דע-ליאָן...

— לאָמיר קויפן דאָס דאָזיקע פעלד מיט די דריי סאָסנעס, — האָט ספּי פאָרגעלייגט, — און מען וועט זיך אויסבויען אַ שיינע כאַטע...

אָבער אַ קאָפּע-דאַנסינג, וואָס האָט זיך געפונען אין שכנות פון דעם ליבלעך-שיינעם האָטעל, וואו זיי זענען איינגעשטאַנען אויף איבערנאַכט, האָט ביי זיי קאַליע געמאַכט דעם חשק. זיי האָבן זיך ליכטיקע ווידער געלאָזט אין וועג אַריין זוכן אַ רואיקער אָרט אָפּצורוען. אָנשטאָט דעם פאַמיליען-אָרט אין פּעטי-מאַן האָבן זיי געזוכט בעסער עפּעס אַ ווילד-פאַרוואָרפן אָרט, וואו זיי זאָלן זיך אין צווייען בעסער ליבן. ענדלעך האָט זיך אַזעלכעס געפונען, צווישן די פעלזן-וועגן פון פיניסטער און פּאַרפּאַדער האָבן זיי נענאָסן פון פריידיקע וואָכן, פירנדיק אַ לעבן פון פישער, ביי אַ האַלב-נאַקעטקייט פון די קערפּערס און אַ פולשטענדיק נאַקעטקייט פון געדאַנקען...

— שוין! — האָבן זיי אין אַן אָוונט זיך אַ כאַפּ געטון, ווען זייערע בליקן זענען צופעליק געפאַלן אויפן קאַלענדאַר פון דער אַכסניה. — שוין סוף אויגוסט.

ראמבויע, אין אָפּוועזנהייט פון פּאַטראָן, העלפט צו איוועו אין לאַבאָראַטאָריע. אין דער מענאַזשעריע האָט טעאָדאָר זיי מקבל־פּנים געווען מיט אַזאַ ענטוזיאַזם, אַזוי ווי צוריק־גע־פונענע קרובים... און דער סעפּטעמבער איז אויך אַזוי גיך פאַר־ביי, ווי אויגוסט.

ספּי האָט אָפּגענומען פון עטינעט דאָס מעבל, וואָס איז איר געבליבן פון איר טייערן פּאַפּאָ... די דעקאָראַציע, וואָס האָט אין שיינעם צימער פון אַפּגאַנישן קעניג, געשאַפן אַרום איר אין פאַרלויף פון פינף חדשים אַזאַ אינטימע אַטמאָספערע, איז נישט קוקנדיק אויף דעם באַנאַליטעט פון דעם צו־רייכן זשורדאַן־פּאַלאַץ, האָט זי אין אַלגעמיין דאָך זיך געפילט דאָ גליקלעך.

— „די טיר וועט שטענדיק זיין אָפן פאַר אייך!" — האָט עטינעט צו זיי געזאָגט, נאָכדעם ווי זי האָט צוריק אַריינגע־שטעלט דעם סטיל קריגער אין די ראַמען פון דעם שיינעם בלאָען אַדאַמאַס...

זי האָט אָבער איצט געהאַט גוטע שאַנסן מער קיינמאָל דאָ נישט צוריקצוקומען. איבריקס, האָט איצט עטינעט געהאַלטן ביים פאַרקויפן די גרויסע בודע, ווייל באַלד נאָכדעם, ווי ספּי האָט פון דאָרט אַרויסגענומען איר מעבל, האָט מען געפונען מאַדאַם רוסטאַן אַ טויטע אין איר בעט. זשאָזעף האָט איר די דאָזיקע ידיעה איבערגעגעבן דורכן טעלעפאָן קיין ראמבויע, אין דער אָפּוועזנהייט פון עטינעט, וועלכע איז געפאָרן צו מאַריסן קיין פּעטי־מאַן. ספּי איז געקומען צו לויפן און האָט זיך פאַר־נומען מיט די ערשטע לוויה־צוגרייטונגען.

טרויעריק איז געווען צו זען דאָס נידערגעשלאָגנקייט פון דער טאָכטער ביים טויטן קערפּער פון איר מוטער, איר חלשן, דערנאָך איר וויינען און קלאָגן. אַזוי ווי מען וואָלט איר מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט פון די וואָרצלען, וואָס פאַרבינדן זי מיטן לעבן, עטינעט האָט ווידער איבערגעלעבט איר אַזוי אָפטע פּינ־צטערע שרעק פאַרן טויט.

די גאַנצע וואָך נאָך דעם האָט די אויסגעזען, ווי אַ שוואַרצער קנויל. אין מיטן נאַכט איז זי אויפגעשפּרונגען פאַר

שרעק, אַ גאַנצן טאָג האָט זי זיך אַרומגעשלעפּט, ווי דערדריקט פון אימה. איין איינציקער געדאַנק האָט איר געראַטעוועט: דאָס בילד פון אַ גן-עדן, וואו זי וועט צוריקגעפינען די פאַרשטאָר- בענע. איסאַ האָט עס איר גאַראַנטירט.

„...אַכטונג! — האָט לאַגוען גלייך נאָך דעם צו זיך גע- זאָגט. — דער וואָס וועט וויסן, ווי אויסצונוצן דאָס געלעגנהייט, וועט דאָ האָבן אַ פּאַרטיקע ירושה, אינגאַנצן אָפּגעבאַקן". — וואַרטנדיק אויף דער באַשטימונג אַלס זייער פינאַנס-דיקטאַטאָר, האָט ער זיך געשוואוירן צו פאַרטיידיקן אויף טריט און שריט דאָס פאַרמעגן, איבער וועלכן זיין גוט מזל האָט אים געמאַכט פאַרן פאַרוואַלטער. פאַר דעם האָט ער זיך אָבער גענריכט אויף אַן אָרנטלעכער באַלוינונג. עטינעט, ווילנדיק וואָס גיכער אָפּ- טרייסלען פון זיך דעם טרויער, האָט אים באַפולמעכטיקט צו פאַרקויפן דאָס הויז אויף רענאלאַג, וואָס איז איצט געוואָרן צו גרויס פאַר אים אַליין, און זיך אומגעקערט קיין בלאַן-ברוג, וואו זי האָט, לויט די לעצטע ידיעות, נושא-חן געוועזן ביי די אַלטע באַזעלעקס...

אַ קורצע צייט נאָך טיענוס אָפּפאָרן, מאַכנדיק אינדערפרי אירע טעגלעכע גימנאַסטישע איבונגען, האָט ספּי, וועלכע האָט מיט פרייד קאָנסטאַטירט, אַז ס'איז שוין דער צווייטער חודש, ווי זי באַקומט נישט די פּעריאָדן, מיטאַמאָל דערפילט זי די ערשטע ווייען... זי האָט עס גלייך דערציילט איר געליבטן און פריינט, דעם חבר פון אַלע אירע געדאַנקען און פון אַלע אירע מעשׂים. איווע האָט דאָס אויפגענומען מיט אַזאַ התלהבותדיקע פרייד, מיט אַ שיכּרות, גלייכצייטיק קינדיש און ערנסט, אַז אויך זי האָט פּלוצלינג פאַרשטאַנען, אַז זי פאַרווירקלעכט אַזוי אַרום „די מיסיע פון איר גורל". אין זייער ליבע איז נישט גע- ווען קיין שום גרענעץ אַחוץ פון די אומענדלעכקייט, וואָס פון איצט אָן האָט איר קערפּער געטראָגן אין זיך די העכסטע זוימען!

אַ פאַרשיכּורטע פון דער צוקונפט, האָט זי זיך דאַן אומ- געקערט צו דער פאַרגאַנגענהייט: „צוליב דעם איז ווערט גע- ווען אַזויפיל צו ליידן! צו אַלע טרויערונגען, אַלע פאַרצווייפ-

לונגען, דער עלענט פון איר יוגנט, דאָס פאַרשווענדונג פון אַ קאַליע-געמאַכטע ע קזיסטענץ ביז אין די דרייסיקער יאָרן, וואָס אַרט זי דאָס איצט? און די רייסנדיקע איבערלעבונגען פון וועג, ווער ווייסט אויב זי דערגרייכט דעם ציל?"

פון דער צייט אָן, וואָס אַן אַנדער וועזן האָט אין איר געלעבט, דאָס בילד פון איווע און פון איר אַליין, זענען אַלע אירע געדאַנקען געווען קאָנצענטרירט אַרום דעם פרישן נפש. מיט וואָס פאַר אַ זאָרגפעליקייט וועט עס דער פאָטער אַרומרינגלען! אַזוי ווי זיי וואָלטן אין שטאַנד געווען צו פאָרמירן, צו קרעפטיקן דעם ציטערדיקן גוף, אויפצוזוועקן, צו באַוואָפּענען די נשמה!... דאָס אָפּפערדיקייט פון אַ מוטער (איצט פילט זי עס) איז אַ טעם-הויך פון דער ליבע, וואָס פילט אויס דאָס לעבן מיט בשמים-ריח, — ספּי נעמט אַרום אין די געדאַנקען, איר זון מיט אַ ריינע און צאַרטע אויפזיכט. אַ טאָכטער?... נו, וועט זי אויך וויסן זי צו דערציען מיט איר גאַנצער דערפאַרונג און גלויבן...

— מען וואָלט פונדעסטוועגן געדאַרפט, — האָט זי פאַרגעלייגט, — זיך זען מיט דיינע אַלטע און זיי זאָגן...

— איך בין נישט געווען דרייסט עס דיר פאָרצולייגן. מיר קענען פּראָפּיטירן פון ניוועגס צוריקקער, ווי אויך פון פרעכטיקן וועטער און פאָרן פאַרברענגען אַ וואָך אין פּעטימאָן... מיר וואָלטן זיך געפינען אַלע צוזאַמען, עס וואָלט שיין געווען...

— זיי וועלן זיין איבעראַשט!

— אָבער זייער צופרידן, זיי האָבן דיך גלייך אַדאָפּטירט...

אַ שמייכלענדיקער פּראָיעקט, וואָס איז תיכף אויסגעפירט געוואָרן, מען האָט זיי דאָ אויפגענומען מיט אַזאַ פרייד, ווי אין בלאַן-ברוג.

באַלד אין ערשטן אָוונט נאָכן עסן, אָפּזאָגנדיק זיך אויסנאַמוויַיז פון דער זשאקאר שפּיל און פון גראַבלען אין מויל מיטן ציין-שטאַכער, האָט די מומע אָוועקגערופן ספּי אין אַ זייט:

— מיין טייערע, איווע האָט אונז באַקאַנט געמאַכט וועגן אייער ליבע. איצט מוז ער זען חתונה צו האָבן מיט אייך.

— ציִ איז דען נישט גענוג, טייערע מוטער, אַז מיר, איווע און איך, ליבן זיך? וואָס פאַר אַ נוצן קען עס ברענגען דאָס אַריינמישן זיך אין אַ געפיל און אין אַ געשעעניש, וואָס אינטערעסירט נאָר אונז, דעם הער בירגערמייסטער און נאָך ווייניקער דעם הער גלח?

איר ענטפער האָט אַרויסגעשפּריצט נאָך איידער זי האָט צייט געהאַט צו באַרעכענען, וואָס פאַר אַן איינדרוק אַזעלכע ווערטער קענען האָבן אויף דער אַלטע. די פאַרצייטישע פרומע פּראָווינצערין איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל. פּלוצלינג האָט זי אויפגעהויבן די הענט צום הימל:

— און טאָמער מאַכט זיך אייך אַ קינד?!

ספּי האָט ביטערע געשמייכלט:

— עס מאַכט זיך שוין, מיין טייערע מוטער, מיר זענען אפילו שוין זיכער, אַז ס'איז שוין אין וועג.

אויף דעם געשריי, וואָס די אַלטע האָט אַרויסגעלאָזט, האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט און זיך אויסגעפרעגט.

— וואָס?.. גאָט מיינער, אַ קינד?.. זעט איר, האַ!.. מען מוז שוין אָפּרעדן אַ דאַטע און מודיע זיין דעם גלח...

געלאַסן, פּאַמעלעך האָבן איווע און ספּי איר געגעבן צו צו פאַרשטיין... ווייטער אַריין... אויב די מאַטעריעלע אינטערעסן פון קינד וועלן עס פאַרלאַנגען...

— איז עס דען מעגלעך ביי גאָט! — האָט מאַדאַם באַזעלעק געקרעכצט. — דו הערסט, פּאַפּאַ?... איר וועט עס דאָך נישט טון! דאָס וואָלט געווען דער עגמת-נפש פון אונזערע אַלטע יאָרן.

ספּי האָט איר אַרומגענומען, ווי אַ טאָכטער:

— איר וועט זיך טרייסטן, זעענדיק אונז גליקלעך... ציִ זענען מיר נישט גערעכט, מאַריס?

ער האָט הסכמהדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך געווענדט צו עטיענס:

— דער, וועמען מען האָט ליב, איז אַלע מאָל גערעכט. נישט אמת, מאַדאַם זשורדאַן?

— ס׳פאַרשטייט זיך... דאָס שטערט אָבער נישט, אַז אין גרונט זאָל איך זיין איינשטימיק מיט מיין מומע. איר דערלויבט, אַז איך זאָל אייך אַזוי רופן! מיר וועלן דאָך פריער אָדער שפּעטער, — ווייל מאריסנס ווייב איז געווען אויף אַזויפיל ליי־ טיש אים צוריקצוגעבן זיין פרייהייט, ווייל זי האָט געזען, אַז מיר ליבן זיך אויף אַן אמת, — וועל איך טאַקע פאָלגן אייער עצה... פאַראַן פונדעסטוועגן אַזעלכע קאָנווענאַנסן, וואָס ווען מען איז נישט אַזאַ ווילדע בריאה, ווי ספּישנעט איז בע־ סער אין זיי צו געדענקען. וואָס נישט ריריי?

— געלויבט דעם אויבערשטן! — האָט אויסגערופן די אויסגעצייכנטע אַלטיטשקע... — אָט דאָס הייסט אַ בעל־שכל, דו הערסט, איווע?

— מיין טייערע מוטער, דו ווייסט, ווי ליב איך האָב דיך און וויפל איך לייד, אַז איך דאַרף דיך איבערשפּאַרן. אָבער... רעספּעקטיר דיינע אידעאַלן, בעט איך פון דיר, אַז זאָלסט מיינע אויך רעספּעקטירן.

— האָסט זיך נישט באַרעכנט! וואָס וועט מען זאָגן? איר האָט נישט קיין רעכט זיך צו שטעלן אויסער דער געזעלשאַפט?

— און דער עיקר, — האָט הער באַזעלעק באַמערקט,— אריינצוברענגען דאָרט קינדער, וואָס וועלן אַמאָל ליידן צו־ ליב דעם.

— טייערער פאָטער, און דו, מוטער, איר האָט אָפּגעלעבט ווי די הייליקע, און איר משפּט לויט די כּללים, וועלכע איר האָט שטענדיק געפאָלגט, נישט פּרובירנדיק זיך אַמאָל צו פאַר־ טראַכטן... מיר וועלן נאָך וועגן דעם רעדן, און איך האָף, אַז איר וועט פאַרשטיין, אַז אין אַן אַנדערע צייט מוז מען אַנדערש דענקען און אַז מען האָט דאָס רעכט, נישט דאגהדיק זיך וועגן קיין סקאַנדאַל, צו לעבן אומאָפּהענגיק, האָבנדיק ס׳באַוואוסטזיין נישט עובר צו זיין אויף קיין איינעם פון די אמתדיקע פליכטן. איך זאָג נישט, אַז עס וועט נישט קומען אַ צייט, ווען מיר

וועלן חתונה האָבן, אויב מיר וועלן עס האַלטן פאַר נויטיק. אָבער דערוויי̈ל געפינען מיר, איך און מיין ווייב, פאַר בעסער...

מאַדאַם באַזועלעק האָט מיט אַ זיפץ מעכאַניש גענומען איר צייַן־שטעכער און אַ שטאַרק פאַרטועגע געגראַבלט מיט אים, צורופנדיק דעם מאַן צו שפּילן.

— דריי.

— פינף.

— דו הויבסט אָן, — האָט זי געקרעכצט.

עטינעט האָט זיך צוגעריקט צו מאַריסן.

— אַ חתונה איז דאָך פונדעסטוועגן נישט קיין ים אויס־צוטרינקען!

לאַגוען, וועלכער איז אַ טאָג פריער דאָ אַהער געקומען, כּדי צו באַטראַכטן די „מאַדאַם זשורדאַן" פון די גינסטיקע פאַרהאַנדלונגען, וועגן וועלכע ער וויל בעסער זיך אַדורכשמועסן, האָט ביי זיך געטראַכט, אַז וואָס גיכער די דאָזיקע וועט חתונה האָבן מיט מאַריסן, אַלץ מער אויסזיכטן האָט ער אויפצוהאַלטן, אויב נישט אָפּצוהאַלטן, אַז דאָס געלט פון זיינע פאַקטאַל־אַקציעס זאָל אַריבער „אין די קאָסעס פון די הערן ראָטישאַנס".

ער האָט דעריבער געהאַלטן פאַר קלוג צו באַמערקן מיט אַ טאָן פון אַ פאַראויסזעעודיקן אָפּיעקון:

— די חתונה?... עס קען גאָר אַנדערש נישט זיין. איך וואָלט געוועז זייער ערשטווינט, טייערע פריינדין, אויב איר, ביי אייערע פרומע געפילן, אַז איר זאָלט עס תּיכּף נישט טון. די פרייע פאַראייניקונג זענען נאָר גוט פאַר די אומגלייביקע...

— זייער אמת! — האָט עטינעט אויסגערופן, — מיט די גלויביקע קען מען אַלעמאָל אַדורכקומען...

מאַריס האָט אַ פריילעכער גענומען לאַכן.

— עס איז פאָלקאָם לאָגיש, טיענו, אַז איידער גייסט זיך ווידער שמדן, אַז דו זאָלסט אַרויס מיט דיין נייעסטע דער־פינדונג „מען דאַרף אַ רעליגיע פאַרן פאָלק".

זי האָט איבערגעחזרט אַן אויפריכטיקע.

— אַוודאי דאַרף מען!

ספי האָט געהויבן מיט די פּלייצעס.

— ס׳איז פּונקט דאָס אייגענע ווי וואָלסט געזאָגט: „מען דאַרף, אַז די שטאַרקע זאָלן דערדריקן די שוואַכע.״

איווע האָט זיך אַריינגעמישט.

— עטינעט איז גערעכט. מען דאַרף אַ רעליגיע נישט נאָר פאַרן פאָלק, נאָר פאַר אַלע. מיין רעליגיע איז נישט די אין וועלכע מיין פריינדין זאָל זעז אַ רעטונג אין איר איצטיקע אומזיכערקייט...

— ווי אַזוי איז זי?

— ליבע צו דער גערעכטיקייט, און דאָס געפיל פון סאָלידאַריטעט.

— זאָל מיר דאָ האָר אַרויסוואַקסן!

איווע האָט אָנגעהויבן לאַכן, און מיט דער עקשנות פון אַ ברעטאָנער:

— איר ווילט, אַלזאָ, נישט, פאַרשט...

— זאָג נאָר, רירי... (עטינעט האָט זיך געהאַלטן ביי איין געדאַנק) זאָג נאָר, ס׳איז גאָרנישט אַזוי נאַריש, וואָס לאַגוען דערציילט אונז דאָ... מיר קענען דאָך טאַקע חתונה האָבן אָן אַ טאַראַראַם פאַר ניי-יאָר? אַהערקומענדיק דערנאָך, פאַרברענגען דאָ די ווייַנאַכט?

מאָריס האָט געשמייכלט.

— פאַרוואָס נישט?

— קלאָפּ איין!... אָפּגערעדט... מ׳וועט נעמען די דאָזיקע צוויי אַזיאַטן פאַר ערן-קאַוואַלערן.

ספי האָט געשפּאָסט:

— מיט מיין גרויסן בויך וועל איך אויסזעען באמת פּאַראַדנע...

זי האָט פון אַ געוויסע צייט אָן געקוקט דורך די שויבן אין דער שיינער נאַכט... זי גיט אַ צייכן צו איווע:

— אפשר וועט מען אַרויסגיין אַביסל אויף דער לופט? ס׳איז היינט אַזוי הייס ווי זומער.

איווע האָט אַ דערפרייטער איר אָנגענומען און זיי זענען

אַרויס, אויף דער וועראַנדע. אין אייגענעם מאָמענט האָט מען דערהערט פון סאַלאָן דאָס געזאַנג פון אַ גראַמאָפאָן. זיי האָבן אַ מינוט אויסגעהערט און גלייך אין דעם פאַרגעסן, זיך קוויקנדיק פון תענוג מיט זייערע אינערלעכע שטימען, פון טיפן גענוס פון זיין אַליין און זיך פילן ווי איינער... מיט פאַרגעניגן זענען געגאַנגען אין דעם שיינעם גראָז, צו דעם וועלדל פון פינצטערע סאָסנע־ביימער, וואו פון דער אַנדערע זייט, ביי דער שיין פון דער לבנה, האָט דער אָקעאַן אויסגעשפּרייט זיין מורמלענדיקע ריזיקייט...

— וואָס פאַר אַ הימל!—מורמלט איווע.—ער איז העללעכער ווי אין שענסטן טאָג!

צוזאַמען האָבן זיי אויפגעהויבן די אויגן צו דער פינקלדיקער אויסגעשפּרייטקייט. שטערן, שוין לאַנג פאַרלאָשענע, וועמענס ליכט איז נאָך דאָ דערגאַנגען, האָבן אָנגעפילט דעם חלל מיט שטראַלנדיקייט אין וועמענס אומדערקלערלעכע שיפּעניש, די זין פון אונזערע זין וועלן אַמאָל אַריינדרינגען מיט דער הילף פון דער פאַרפאָלקאָמקייט, אונטער דער פרישקייט פון אַ סודותפולן ווינטל, האָט זיך זיי אויסגעוויזן ווי גיגאַנטישער רעפליק אויף דעם פליען פון די פינקלדיקע פליגעלעך, מיט וועלכן אַנרי לע גערן האָט אַמאָל פאַרגליכן דאָס געווירמל פון די מענטשלעכע עקזיסטענצן.

ספּי, אַ פרוי פון צווישן פרויען, האָט אַ ציטעריקע פון אויפרעגונג, זיך געטולעט צו דער זייט פון איווע... ער איז געווען דער גייסטיקער זון פון דעם גרויסן פּאַסטעך, וועלכער האָט זיי געלערנט. ער איז דער מענטש, דער לעבנס־אָטעם, וואָס האָט ברייט פונאַנדערגעשפּרייט זייערע לונגען, האָט מיטן אייגענעם ריטם אונטערגעהויבן דעם דויערנדיקן געמורמל פון אָקעאַן.

זיי האָבן געהאַט ס'באַוווּסטזיין, אַז זיי זענען נישט מער ווי אַן אויגנבליקלעכער שפּיגל פון דער דאָזיקער אייביקייט, וועלכע נעמען פונדעסטוועגן אַפילו אַנטייל בעת דער דאָזיקער רגע. אין דעם פּראַכטפולן לעבנס־גורל... זיי האָבן פאַרזייט אַ

צוקונפט!... שווייגנדיק האָבן זיי געטראַכט וועגן דעם יעניקן, וועלכער האָט זיי דערצויגן ביי דעם מאָרגן-שטערן פון זייער גלייבן. ספּי האָט אויפגעשווידערט פון אַן אינערלעכע פרייד, פילנדיק אין זיך דעם עניוותדיקן פינקלדיקן וואָרם, אין וועלכן זיי האָבן מיט אַ געמיינזאַמען ווילן איבערגעפלאַנצט דאָס לעבן, און וועלכער וועט נאָך זיין רייע נאָך ווייטער לייכטן מיט זיין הייליקן פונק.

— איך בין זייער גליקלעך,— האָט זי געמורמלט.

— מיין ליבע!...

זיי זענען געווען פאַראייניקט אין דער דעראָבערונג פון זייער גליק. נישט אינעם זין פון עגאָיסטישע גענוסן, נאָר אַ גע-דולדיקער סך-הכל פון אָנשטרענגונגען... נישט קיין בלום, וואָס וועלקט, נאָר אַ פרוכט, וואָס ווערט אימער צייטיקער...

— דאָס גליק! — האָט ספּי איבערגעחזרט — יעדער טראָגט עס אין זיך, ווי אַ באַהאַלטענעם אוצר. מען דאַרף זיך אויסלערנען אים צו אַנטדעקן.

# פאַרלאַג שלמה גאָלדפאַרב, וואַרשע

## אַלע ווערק

## פון וויקטאָר מאַרגעריט אין יידיש

| | | | |
|---|---|---|---|
| די בחורטע | טרילאָגיע | פרייז | 8.50 זל. |
| דער חבר | | פרייז | 8.50 זל. |
| דער נייער דור | | פרייז | 8.50 זל. |
| דיין קערפער געהערט דיר | טרילאָגיע | פרייז | 8.75 זל. |
| מענטש בהמה . . . . . . | | פרייז | 9.20 זל. |
| דאָס געזאַנג פון פאַסטוך | | פרייז | 8.— זל. |
| די גאַסן-פרוי, | | פרייז | 8.— זל. |
| קרבנות פון ליבע | | פרייז | 7.80 זל. |
| יינגע מיידלעך | | פרייז | 7.20 זל. |